פערלאג

מענדעלע

ווארשע

אלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אבראמאוויץ)

עלפטער באנד

נייע פערבעסערטע אויסגאבע

פערקויף: געזעלשאפט „צענטראל", ווארשא, נאוואליפקי 7

1928

אלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אבראמאוויץ)

ווינש-פינגעריל

ערשטער באנד

פערלאג „מענדעלע", ווארשא

1928

דאָס ווינשפינגערל

נאָך אין יאָהר 1864, גלייך נאָכן ערשיינען פון מענדעלע מוכר ספרים'ס ערשט ביכעל „דאָס קליינע מענשעלע", האָט מענדעלע ארויסגעגעבן אין ווארשא אַ קליין ביכעלע, וואָס האָט זיך אַזוי גערופען: „דאָס ווינש־פינגעריל, וואָס מיט דעם קען איטלעכער מענש דערגרייכען אלץ, וואָס זיין הארץ ווינשט און בעגעהרט און קען דורך דעם נוצליך זיין זיך און דער וועלט. דעם ספר האָט געשריבען אין דער דייטשער שפּראַכע הירש ראטהמאנן פון רוסלאַנד, און איז צום ערשטען מאָל געדרוקט אין לייפּציג ביי בראַקהויז 1864. היינט איז ער איבערגעזעצט געוואָרען אין יודיש־דייטש און אַרויסגעגעבן געוואָרען לטובת הכלל פון מענדעלע מוכר ספרים — מאת איש — דער מחבר פון דעם קליינעם מענשעלע, ווארשא 1864".

„אין דעם דאָזיגען ביכעלע — שרייבט זלמן רייזען [1], וועלכער האָט דאָס ביכל, וואָס איז איצט אַ ביבליאָגראַפישע זעלטענהייט, געזעהן — געפינען מיר אַזוי גוט ווי גאָרניט פון דער קומענדיגער גרויסער עפּאָפּעע מענדעלעס, אונטער דעם אייגענעם טיטעל (מיט דעם אויסנאַהם פון דער מעשה מיט ר' שמעלקען און דעם ווינשפינגערל); פערקעהרט זענען דאָ פארהאַן שטעלען, וואָס זענען שפּעטער אריין אין זיינע אנדערע ווערק (ווי „פישקע דער קרומער", „מסעות בנימין השלישי"); די דאָזיגע ערשטע אויסגאַבע פון „ווינשפינגערל" האָט געזאָלט דיענען אלס מין פּראָספּעקט פאר אַ אויסגאַבע צו פּאָפּולאריזירען די וויסענשאַפט צווישען דעם יודישען עולם".

---

1) זע „לעקסיקאָן" באנד I, ז. 15–16.

Copyright by S. Sreberk NEW-YORK U. S. A. 1 9 2 7

Printed in Poland

Zakł. Graf. „Stereotyp"
Warszawa, Nowolipki № 7

אויך י. ח. ראווניצקי—דער נאָהענטער פריינד פון מענדעלען—שרייבט [7],—אַז „אחוץ„ דעם אלטען נאָמען איז פון פריהער כמעט גאָרנישט ניט געבליבען אין דער נייער אויסגאַבע פון „דאָס ווינשפינגערל".

אין זיינע ביאָגראפישע נאָטיצען, וואָס זענען פאַרעפענטליכט אין נ. סאָקאָלאָווס „ספר הזכרון" (אין 1889), שרייבט מענדעלע, אַז „דאָס דאָזיגע בוך („דאָס ווינשפינגערל") ליגט איצט פאַר מיר אויפ'ן טיש און איך האָב בדעה צו פערגרעסערען עס און ארויסגעבען אויף דאָסניי מיט אלע מיינע שריפטען אויף יודיש". די ערשטע טהיילען פון דעם ניי־אָנגעשריבענעם „ווינשפינגערל" האָבען זיך געדרוקט אין שלום־עליכם'ס „יודישע פאָלקס־ביבליאָטעק", אין ערשטען און צווייטען באַנד, וואָס זענען ערשיענען אין קיעוו אין די יאָהרען 1888, 1889.

מענדעלע אַליין האָט זעהר הויך געשעצט זיין „ווינשפינגערל". אין א בריעף צו זיין פריינד י. ל. בינשטאָק, פון 14־טען מאי 1888, שרייבט מענדעלע: „איצט שרייב איך א נייע זאַך, „דאָס ווינשפינגערל", ס'וועט דאַכט זיך, אין איניגע הינזיכטען, זיין דאָס גרעסטענסטע פון אלע מיינע ווערק". אין א צווייטען בריעף (פונ'ם 21 יוני 1888) שרייבט מענדעלע: „איך האָב די לעצטע צייט געאַרבייט ווי אַן אָקס, און כ'האָב זעהר פיעל געשריעבען, איך בין איצט איינגאַנצען אַוועק אין וועלט פון פּאָעזיע, דאָרטען איז מיין טרייסט, דאָרטען רוה איך אָב פון די לעבענס זאָרג. די מוזע איז צו מיר וואויל־גענייגט, און איך שרייב און שרייב מיט א ברען, ווי אין די יונגע יאָהרען." אין גיכן—שרייבט מענדעלע צו זיין פריינד—וועט איהר אין א זשורנאַל, וואָס עס גיעט אַרויס איינער א קיעווער (שלום־עליכם—נ. מ.), לייענען מיינס א ניי ווערק—„דאָס ווינשפינגערל". דאָס איז א געלונגענע זאַך"... „עס איז מיר נויטיג—דערצעהלט מענדעלע אין א בריעף דעם 11־טען יוני 1891—צו פערענדיגען די עפּאָפּעע „דאָס ווינשפינגערל", וואָס איך האָב אָנגעהויבען, און וואָס אין איהר פּלאַן זענען אריין גראָד די פראַגען פונ'ם איצטיגען מאָמענט. איך האָב זיי מיט צוויי יאָהר צוריק פאָראויסגעזעהען (אבראמאָוויטש האָט דאָ אין זינען באַראָן הירש'ס פראָיעקט:

---

[7]) י. ח. ראווניצקי—אלע ווערק פון ממו"ס, באַנד I.

וועגען ארגענטינא). אין סאַמע אָנהויב טרעט דאָך דאָרטען ארויס מיין הויפט־העלד מיט דעם אויפטראַג פון איינער אַנ'אויסלענדישער הויכער פערזאָן, ארומצופאָהרען איבער דער „משערטא", כדי צו בעקענען זיך מיט דעם לעבען פון אונזערע „קאַבצאַנסקער" יודעלעך, און מענדעלע הויבט דאָך אָן (זיין הקדמה) מיט דעם, וואָס ער גיט אָב „קאַבצאַנסק" און „טונעיאַדעווקע" מזל־טוב מיט א נייעם פראָיעקט... יאָ, מיין פריינד, אָט די איצטיגע בעוועגונג מיט אַלע איהרע איינצעלהייטען האָב איך דערשפירט שוין מיט א לאַנגער צייט צוריק; א שאָד נאָר, וואָס די ערצעהלונג איז נישט געענדיגט געוואָרען פריהער: מען דאַרף זיך איילען צו פערענדיגען זי". און אין 1892 שרייבט ווידער מענדעלע אין א בריעף: „איך שרייב אלץ מיין „ווינשפינגערל", די זאַך איז אַנ'ערנסטע און שווערע. איך ארבייט פּאַמעליך, נישט איילענדיג זיך". [8])

„דאָס ווינשפינגערל" איז „די גרעסטע קאַנווע, וואָס מענדעלע מוכר ספרים האָט אונז אויסגעשטיקט. די דאָזיקע ערצעהלונג איז די איינציגע אין אונזער ליטעראַטור, וועלכע האָט געפּרובט אונז געבען א פולשטענדיג און אומפאַסענד בילד פון אונזער גאַנצען גלות־לעבען מיט אלע אונזערע מענשען, גרויסע און קליינע, יונגע און אלטע, מענער און פרויען און סוחרים און קרעמער און לומדים און דאָס גאַנצע כּלי־קודש און אלעס, וואָס מיר פערמאָגען אין אונזער יודישער גאַס... אין „ווינשפינגערל" האָט מענדעלע אונז שוין געוויזען דעם יוד אויך אויף דער העכערער מדרגה, דעם יוד מיט זיין גאַנצען רוחניות און מיט זיין גאַנצען נשמה־לעבען... ווען א מבול זאָל אַוועקוואַשען פון דער ערד דעם גאַנצען בעשטאַנד, און בלייבען זאָל אונז נאָר דאָס דאָזיקע בוך, וועלען מיר גאַנץ גוט לויט איהם קענען צוריק אויפשטעלן דאָס גאַנצע אלגעמיינע בילד פונ'ם יודען און פון יודישקייט אין רוסלאַנד אין קליינעם שטעדטעל אין דער ערשטער העלפט פונ'ם פאָריגען יאָהרהונדערט. די פאָרם, וועלכע אַבראַמאָוויטש האָט זיך אויסגעוועהלט אין דער דאָזיגער ערצעהלונג, איז די איינפאַכסטע: די פאָרם פון א ביאָגראַפיע פון א יוד, פון הערשעלע, זייט זיין געבורט—

---

[8]) ש. מ. גינזבורג—אלע ווערק פון ממו"ס, באַנד XXI.

און אין אַ געוויסער הינזיכט, נאָך איידער ער איז געבוירען געוואָרען— ביז ער ווערט אַ פאַרטיגער מענש... און ביים מאָלען דאָס לעבען פונ'ם דאָזיגען יודישען קינד, מאָלט ער אונז דרך־אגב אויך די גאַנצע אומגעבונג און די שטאָדט און די מענשען און זייערע געשעפטען און זייער פיהלען און טראַכטען, און אויך אַלע כלל־געשעהנישען, וועלכע פלעגען פאָרקומען ביי יודען אין דער דאָזיגער צייט; נישט פאַרהאַן קיין איינציגע זאַך, וועלכע איז דאָרט נישט געמאָלט. און וואָס דעם אופן פון שרייבען בעטרעפט—האָט די דיכטערישע קראַפט דאָ איהרע וואונדער געוויזען, נאָך מעהר ווי אין די פריהערדיגע ווערק... אין דער דאָזיגער ערצעהלונג מאָלט אונז אַבראַמאָוויטש אויך די יודישע נ ש מ ה, דעם שווער־פונקט פון דעם יודענס גייסטיגען לעבען. וועהרענד ער האָט אין די ביז־איצטיגע ערצעהלונגען געזעהן נאָר דעם דלות, און ווי ווייט דער דאָזיגער דלות האָט פאַרקרומט דעם יודענס גוף, האָט ער דאָ אַריינגעבליקט אין די טיעפענישען פונ'ם יודענס נשמה און האָט דערבליקט די נישטיגקייט פון איהר. דער יוד מיט זיין תורה, דער יוד מיט זיין תפלה, דער יוד מיט זיינע בענקענישען, דער יוד מיט זיין זינגען, דער יוד אין סליחות־צייט און דער יוד אין די ימים־נוראים,—דאָס אַלעס האָט אַרויסגעריסען ביים קינסטלער פון הארצען טענער, וואָס לאָזען אונז דערציטערט ווערען, הערענדיג"... [4])

„מענדעלע אַנטפּלעקט פאַר אונז אין קלאַסישע געמעלער אַ נייע פערבאָרגענע וועלט... דער אומגעהייערער יודישער עלענד, צום ערשטען מאָל דורך מענדעלע מוכר ספרים אַזוי טיעף בעגריפענער און אַזוי ריכטיג אָבגעמאָלענער, איז נאָר די קאַנווע, אויף וועלכע דער גרויסער קינסטלער האָט מיט זיין גאָלדענער נאָדעל אויסגעהאָפטען אַ גאַלעריע האָמעריש־ברייטע, קרעפטיגע, פלאַסטישע בילדער פון דער יודישער לעבענס־אַרט אין רוסלאַנד אין דער מיט פון פערגאַנגענעם יאָהרהונדערט... איהר גייסט, איהר טאָן, דער מינדסטער כאַראַקטעריסטישער צוג האָבען זיך פינקטליך און קלאָר אָבגעשפּיגעלט אין אַבראַמאָוויטשעס

[4]) זע דוד פרישמאַן—מענדעלע זיין לעבען און זיינע ווערק, אַלע ווערק פון פרישמנ"ס באַנד 4

שאַרף־זעהענדיגען, ברייט־אָפענעם, טיעף־שלינגענדיגען אויג—און דאָס מאַכט „דאָס ווינשפינגערל" פאַר אַ מערקווירדיגען היסטאָרישען דאָקומענט, אַ זעלטענעם דענקמאָל פון אַ גאַנצער עפּאָכע אין דער געשיכטע פון אונזער מאַטעריעלער, זיטליכער און אינטעליגענטועלער קולטור. דער מחבר פון „ווינשפינגערל" האָט דער ערשטער דערפיהלט, בעגריפען און אָבגעשאַצט דעם אמת'ן כאַראַקטער, די אמת'ע בעדייטונג פון דער יודישער רעליגיעזישקייט... ער איז צוגעגאַנגען צו דער יודישער רעליגיעזישקייט, ווי צו אַ רעטעניש פון דער פאָלקס־פסיכאָלאָגיע, און דאָס האָט גורם געווען דעם נס: דער געני'אַלער קינסטלער האָט ענטדעקט דאָס גרויסע אין נישטיגען, דאָס אויסערגעוועהנליכע אין קליינליך־וואָכעדיגען, קרישטאָלענע היכל'ס אין קאַבצאַנסקער און גלופסקער איינגעהויקערטע כאַלופּקעלעך, לוסטיגע סימפאָניעס—אין ווילדען טומעל פון אַ הינטיש לעבען... נישט בלויז ווילדע מנהגים, פינסטערע איינרעדענישען זעהט דער פאָטער פון אונזער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור אין דער יודישער רעליגיעזישקייט, נאָר אויך אַ אומגעהייערע גייסטיגע קראַפט: אַ כשוף'דיגער קוואַל שלאָגט אין טיעפסטען, שעהנסטען, ריינסטען, ליבסטען ווינקעלע, אין קדשי־קדשים פון דער פאָלקס־נשמה... [5])

אויף וויפיעל מענדעלעס „דאָס ווינשפינגערל" האָט אויסגענומען אין דער יודישער וועלט, בעווייזען די ווערטער פון שלום עליכם אין זיינעם אַ בריעף צו מרדכי ספעקטאָר. אַ קאַפּיטעל פונ'ם „ווינשפינגערל" „אַ נאַכט אין צרות", איז געווען געדרוקט אין ספעקטאָר'ס „הויז־פריינד" (נומ. 3, 1894), און שלום עליכם שרייבט צו ספעקטאָר'ן צווישען אַנדערען: „הייב איך אָן פון בראשית, דאָס הייסט, פונ'ם זיידען רב מענדעל'ס קאַפּיטעל „אַ נאַכט אין צרות". אי דער זיידע, לעבען זאָל ער! וואָס זאָגט איהר עפּעס אויף זיין אַרט בעשרייבען ל י ע ב ע אויף יודיש? איך פרעג אייך, ספעקטאָר, דערפאַר, ווייל ביי אונזער פאָלק זענען מיר ביידע, איך מיט אייך, משטיינס געזאָגט, כמעט די איינציגע, וואָס האָבען זיך אונטערגענומען צו בעשרייבען ליעבע ביי יודען. אַ שעהנעם פנים האָבען מיר מיט אונזער אַרט שרייבען קעגען דעם זיי־

[5]) נח פרילוצקי—ש. י. אבראמאָוויטש, וואַרשאַ 1920, ז. 29—40.

דען רב מענדעלע מוכר ספרים! ביי איהם קומט עפּעס אויס גאָרנישט געמיינט ליעבע־שמיעבע, נאָר גלאַט אַזוי, הערשעלע ליעגט אויף אַ ריקבעט, וואָס סקריפּעט און פּייפּט, און ער קאָן נישט שלאָפען: „אר־וואַ — אַ מעשה־איהם לאָזט נישט שלאָפען ביילע!"... און חנצע מיט רפאלען, ווי זיי בעגעגענען זיך, און ווי בריה'ש עס ווערט פערביגעהענדיג אָבגעטאָהלט זייער פערקאָכעניש איינס אינ'ם אנדערען,—ווי ווייט אמת, ווי ווייט פּשוט דאָס איז! וויפיעל קונסט און וויפיעל פאַנטאַזיע דאָ שטעקט! טויזענט בלעטער, צעהן פּלאַש טינט, אַ מאה פּענעם וואָלט אַ יודישער „ראָמאַנמאַכער" בעדאַרפט אויסברענגען אויף איבערצוגעבן כאָטש וואָס ס'ניט איז פּאָכאָזשע אויף ליעבע. טרעהרען, הייסע טרעהרען, קוש, לאָקש, בוידעס, ציבעלע, נעבטיגער טאָג — אָט וואָס אין יענע ראָמאַנען ליעגט! ניין, ברודער, מיר דאַרפען זין שטאָלץ מיט אונזער זיידען און בעטען גאָט פאַר איהם, ער זאָל אונז נאָך לאַנג מובה זיין מיט אַזעלכע, ווי „דאָס ווינשפינגערל"... מיין איניגסטער וואונש איז, אַז „דאָס ווינשפינגערל" זאָל שוין ארויס אויף דער יודישער וועלט. עס געהען נאָך דעם קאַפּיטעל אַזעלכע קאַפּיטלעך, וואָס פּשוט נין־גאָלד איז צו דעם נישט גלייך"... *)

„דאָס ווינשפינגערל" איז אַ בלי ספק דאָס גרעסטע, פיעלפאַרביגסטע און זאַפטיגסטע ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים. רייכע אוצרות פון מענשען און געשטאַלטען, פון לעבענס־שטייגער און לעבענס־סיטואַציעס זענען בעהאַלטען אין די צוויי בענדער, אַכט ביכער פונ'ם „ווינשפינגערל"...

נ. מ.

---

*) ניו־יאָרקער „טאָג", 1923, 2 סעפּטעמבער.

ערשטעס בוך.

דאַס ערשטע קאַפּיטעל

וואָס מען וויל, מעג מען אויף קאַבצאַנסקער יודען זאָגען: זיי זענען עפּיס נישט אַזעלכע גרויסע בריות, טהוען אין דער וועלט נישט אויף עפּיס אַזעלכע גרויסע חכמות, משטיינס-געזאָגט, זייער לעבען, שטער־בען אָב די וועלט עט, אַווי, מיט נאַרנישט... און קומען אָב מיט שהי־פּהי — דאָס און נאָך אַזעלכס מעג מען זאָגען, — נאָר אין דעם ענין פון פּרוכפּערן און מעהרען זיך קען מען צו זיי, חלילה, גאָר נישט האָבען. זיי זענען דרינען געוואָהרענט, נישט ערגער פון אַלע אַנדערע יודען. שונאים אפילו קענען נישט לייקענען, אַז איטליכער קאַבצאַנסקער יוד איז אַ מטופּל, אָהן עין־הרע, מיט אַ סך קינדערלעך. און די טובה, וואָס דער וועלט קומט דערפון אַרויס, גוערט דאָ בעשיינפּערליך דערוויזען ווייטער אַביסעל.

די קאַבצאַנסקער בעלי־הבתים זענען, נישט פאַר אייך גערעדט, גרויסע אביונים, האָבען נישט, איהר זאָלט זאָגען, אַ צובראָכענעם גראָשען ביי דער נשמה. אין קאַבצאַנסק אַליין איז פאַר זיי נישטאָ קיין שום פּרנסה, סיידען איינער צום אַנדערען מיט אַ טאָרבע אין די הייזער אַרומצוגעהן. זאָל פריווען איינער מאַכען עפּיס אַ געשעפטיל, אַ קליישל אַ שטיינער, באַלד טאַקי טהוט איהם דער איבעריגער עולם נאָך, און וויפיעל יודען אַזוי פיעל קליטלעך. קרעמער זענען דאָ ווי מיסט און אַ קונה נושט איינער. דעסגלייכען איז אין אַנדערע זאַכען. איטליכער האָט ליעב אַריינצושטופּען זיך אין דערמיט, אָנצוטרעטען יענעם אויפ׳ן פוס גאַנץ יודישליך; וואו צוויי, זאָל ער זיין אַ דריטער, וואו דריי — אַ פערטער און אַזוי אַלץ ווייטער, ווייטער, ביז עס קומט אויס ״וקבצנו

יחד" אלע קבצנים אינאײנעם. שטיקען־זיך־צונויף. חאפען זיך ארום, נאר ברידערליך און ווערען אזוי דערשטיקט, פערחאפט אלע אויף איין מאל. אזא שטארקע אחדות, דאס הייסט, ארײנצוקריכען מיט א פוס צו יענעם אין בייטעל, אײנער ביים אנדערען דעם ביסען פונ׳ם מויל ארויסצוּנעהמען, וואס גאט גיט, אבי אינאײנעם, מיר נישט, דיר נישט — דאס איז אײנע פון די מדות טובות, וואס געפינען זיך נאר טאקי ביי קאבצאנסקער יודען. און אין דעם זכות קומט זיי טאקי אוים אײנער צום אנדערען אין די הייזער ארומצוגעהן... די גאנצע יניקה זייערע איז פון דער פרעמד, מײנסטענס פון גלופּסק. א נס פאר קאבצאנסק, וואס איז דא א גלופּסק, וואו מען קען נאך עפּים טאן און א שטיקעל קיום האבען. קאבצאנסק שיקט אהין געוועהנטליך ארוים אלערלײ סארטען נפשות: מיני מלמדים, בעהעלפערס, מעקלערס, בטלנים, צוגעלעגערטע. אויך פרישצאפּעלדיגע־אײדעמלעך אזעלכע, ערשט אראב פונ׳ם קעסט. יודען אזוינע און אזוינע, וועלכע דאס הארץ נאר גלוסט: מיט כתבים, מיט מיחוש׳ן, זיידענע, גילדענאדערדיגע, בעלי־תפלות, שופר־בלאזערס. יודענעס כל־המינים: זאגערינס, וויינערינס, שפּרעכערינס, אויסגעקיני־דעלטע, ווייבער מיט אייער, מיט פסח׳דיג־גענזענשמאלץ, פעדערען־פליקערינס, נאך אין רעכטען קינדלען. הײנט א מיש־מאש בחורים. דיענסט־מײדלעך, מײדען מיט צוגעדעקטע קעפּ, ווײבלעך אזוינע און אמען אזוינע, אהן א שיעור. די דאזיגע לעבעדיגע סחורה גילט אין גלופּסק משונה שטארק, האט דארט א גרויסען אבגאנג, און קאבצאנסק פון איהר זייט, וואס ארבייט געשמאק לטובת הכלל, פאבריצירט אזא סחורה צו בעגליקען די וועלט, איז דערמיט זיך זעהר מיחס. דעריבער הייסען אלע קאבצאנסקער יודען—מיוחסים. אז מען בעגעגנט א יודען עפּים א ווילדען בעל־גאוה, האט מען דעם בעסטען סימן, אז ער מוז זיין א קאבצאנסקער...

דער מחבר פון דעם „ווינשפינגערל" האט געהאט די זכיה געבוי־רען צו־ווערען דא בק״ק קאבצאנסק.

די עלטערן זיינע האבען פון איהם ביים געבוירען ווערען נישט געמאכט אזא פירוש. זיי איז נישט אײנגעפאלען אפילו צו טראכטען ג ווילע, צו־וואס האבען אזעלכע קבצנים, ווי זיי, אראבגעבראכט אויף ער וועלט א לעבעדיג בעשעפעניש, אויף צרות נאר פאר זיך און אויך ור איהם. אדער וואס האט מען מיט דעם נפש צו טאן עפּים אזוינס. ז דאס לעבען, וועלכם זיי האבען איהם געשענקט, זאל איהם ניתא זיין

און ער זאל נישט שפעטער האבען צו זיי קיין טענות: קבצנים, געוואלד, וואס האט איהר מיך געהאט!... נארישע זאכען, כ׳לעבען! די מאמע האט געטאן איהר זאך, איהם געטראגען און געהאט פשוט אהן חכמות. אויף דערויף איז זי דאך א יודענע, זי זאל קינדלען. וואס דען? אפילו א הון, להבדיל, טהוט אויך, וואס גאט האט געבאטען — לעגט זיך און קוואקעט, נישט צו פרעגען קיין קשיות. דעם טאטען ווידער האט עס אויך נישט אזוי שטארק אויסגעמאכט. מילא, איז דא נאך א נפש, וואס קען עס איהם ארען? קיין בויכוועהטיג האט דאך עס איהם אויך נישט געקאפּט. בויכוועהטיג האט דאך די נקבה און אז פאר איהר איז רעכט, איז דאך פאר דעם זכר פשיטא!... ש וואס, ער איז א קבצן, מיט אלע חן־גריבעלעך א קבצן און נאך א צוגעקומען מויל בעדארף דאך פּיקען? — נישמעהר גארנישט, לאז זיך די וועלט זארגען. מיט דעם בטחון טאקי פריהער אויף גאט, דערנאך אויף דער וועלט, איז ער אליין דאך, זיינע עלטערן און די עלטערנס עלטערן געבוירען געווארען. ווארטען אויף דרך־ארץ, ביז מען וועט פאר א יודישער נשמה אנגרייטען דא פריהער אלצדינג, וואס נייטיג איז צום לעבען, און דערנאך ערשט זי אבאכטען אהער צום גרייטען — דאס קען א יוד נישט. א יוד, אז ער וועט זיך נישט שטופען מיט געוואלד, וועט ער מעגען אייביג טאקי דארט ווארטען. עפּים נישט אזא מציאה, די וועלט זאל אהן איהם, חלילה, זיך נישט קענען בעגעהן. האט ער זיך אבער שוין דורכגעשטופּט און איז שוין דא מיט בײדע פיס, שטופּט ער זיך מיט גאטס כח ווייטער, ווייטער. ער שטופּט זיך, קוועטשט זיך מיט אלע קרעפטען, פארענט־ארום, הינטען־ארום, אלץ אײנס, דורך טיר אדער דורך פענסטער, שטופּט אזוי אב דאס גאנצע לעבען און נאר נישט...

אויף איין זאך נאר האבען די עלטערן ביי זיין געבוירען ווערען זיך יא, געבען, פערטראכט און שטארק געבראכען ו׳עס קאפּ: רבונו של עולם! וואס פאר א נאמען גיט מען דעם נייעם נפש דיינעם? די אלע נעמען, וואס אין דער משפּחה איז געווען, האט מען שוין פערטאן אויף די אלע קינדערלעך, וואס האבען זיך פערחאפּט געבוירען צו ווערען פריהער פאר איהם. מען האט אנגעהויבען פון די נאהענטע קרובים און געגאנגען כסדר ביז די וויטעסטע — פערדס־פוס־פאדקאווע. ביי איטליכם קינד האבען זיך געמיהט צוויי קרובים. דער טאטע האט אויסגעקראצט אײנעם פון זיין משפּחה און די מאמע אײנעם פון איהר

משפחה, אַזוי איז צווישען זיי שוין געווען אָפּגעמאַכט, און דאָס קינד
האָט געהייסען צוויי נעמען. עס האָט זיך געפּאָרט: חאַצקיל=בן=ציון,
ליפּע=טודרוס, דוואָסיע=קרוינע, פּסח=זעליג, ציפּע=סאָסיע, סטיסע=הינדע,
קאַרפּיל=פייבוש, חנה=לעמיל, שמעריל=אייזיק, קיילע=ריקיל. אין אַ נויט
האָט זיך איבערגעלעגט אַ זכר אין אַ נקבה, אַ נקבה אין אַ זכר, צווי=
מתים האָבען זיך געפּאָרט און דער זיווג איז עולה=יפה געווען. פונ'ם פעטער
חיים ווערט למזל חיה, פון דער מוהמע ברכה—ברוך; פון גרונע
שפּרינגט אַרויס גרונם און נחום ווערט איינס מיט נחמה. אַזוי איז דאָס
אַ לאַנגע צייט געגאַנגען, ביז מען האָט פּלוצלים זיך אַרומגעקוקט —
אַ וועהטיג די שונאים! די משפחה האָט זיך אויסגעלאָזט, נישטאָ קיין
נעמען!... די עלטערן האָבען אַ היבשע צייט זיך געדרעהט די קעפּ
טראַכטענדיג, און גאָרנישט אויסגעטראַכט.

— הערטט=דו, לייזער=יאַנקיל! — איז די קינפּעטאָרין לסוף אַרויס
מיט דער שפּראַכע, נאָכדעם אַז זי האָט פריהער זיך אַביסעל גע=
שמיינקעלט, — פאָלג מיך, מיין מאַן, און לאָז דאָס קינד הייסען גדליה=
הערש, נאָך גדליה=הערש'ן עליו השלום.

— שאַ, טיפּשה! — מאַכט דער טאַטע שטאַרק אויפגעבראַכט.
לאָז מיר דיין גדליה=הערש מוחל זיין, נישט מוחל זיין, דעם נאָמען
זיינעם וויל איך נישט הערען. ניין, צעהן מאָל, הונדערט מאָל ניין.

גדליה=הערש איז פון דער מאַטעס משפחה. די באָבע חאָלצע
(פון איהר איז דאָס אַרויסגעשפּרונגען חאַצקיל) האָט איהם אָנגעקעהרט
אַ לייבליבע מוהמע. אין די הענט האָט ער געהאַט אַ מלאָכה, עפּיס
גאָר אַ כפול=שמונה'דיגע. ער האָט געשטשאָכעט תחתונים, קאַפּאָטעס,
היטלען, ווייבערשע קליידלעך, יופּעס, יאַטפּערקעס און אַמאָל אויך
טאַקי געלאַטעט שיך. הכלל — אַלצדינג, וואָס נאָר מען האָט איהם
געגעבען. אַ בריה אויף לאַטעס לעגען איז אין גאַנץ קאַבצאַנסק זיין גלייכען
נישט געווען. און וויל לאַטעס גילטען ערגיץ נישט אַזוי ווי אין קאָב=
צאַנסק, דעריבער איז גדליה=הערש שטאַרק אין דער מאָדע געווען
דאָרט. ביי וועמען נאָר עפּיס אַ טרען, אַ ריס, באַלד צו גדליה=הערש'ן;
ביי וועמען אַ שוך, נישט פאַר יודישע קינדער געדאַכט, האָט געפּייפט,
פערשטאָפּט איהם גדליה=הערש דאָס מויל און זאָגט איהם אָן מיט'ן
האַרבען וואָרט, ער זאָל נישט פּייפען. איז דער אייגענער טרען, דער
אייגענער ריס ווידער טאַקי דאָ מאָרגען און דער שוך הערט איהם נישט,
האָט אַ העזה באַלד טאַקי ווידער צו עפענען אַ מויל, איז גדליה=הערש

נישט פויל, לאַטעט און לאַטעט, ביז דער רוח נעהמט צו די לאָך מיט
דעם מלבוש אינאיינעם. ווען אַזאַ גדליה=הערש זאָל געווען אָנשפּאַרען
אין פּאַריז, וואָלט ער געגאַנגען אין גאָלד, געטראָגען וואָלט מען איהם
דאָרט אויף די הענט. אין קאַבצאַנסק אָבער איז ער געגאַנגען נאַקעט
און באָרפיס. און אַז מען האָט איהם דאָ שוין געטראָגען אויף די
הענט, איז דאָס געווען דענסטמאָל נאָר, ווען ער איז געפאַלען פון די
פיס, בשעת ער האָט געחאַפּט אַ איבעריגע כוסה. טרינקען האָט ער
אפילו געקענט, וויל די מלאָכה האָט ליעב דעם טרונק און אַנדערש
קען מען נישט אַיינגעקויפט זיין אין דער חברה פּועלי=צדק, נאָר פונ=
דעסטוועגען קען מיט דעם גרעסטען טרינקער זיך מאַכען, ער זאָל דוקא
זיין אַמאָל שכור=לוט. ביים אויסניכטערן זיך, פלעגט ער, ווי גע=
ווערנטליך אַ געוויסער טייל שכורים, זיך פאַרענטפערן, ער איז נישט
שולדיג, דאָס אומגליק איז געשעהן, נאָר וויל ער האָט גענומען די
כוסה פון דער לינקער האַנד. אַ סימן, אָט נעהמט ער באַלד טאַקי
אַ פלעשיל משקה, ווי געהעריג איז, זופּט עס אויס פאַר אַ עדה יודען
און ער זאָל זיך חאָטש פערקרימען. אַזעלכע קונצען פלעגט ער עפּטערס
בעווייזען און דער קאַבצאַנסקער עולם פלעגט נאָר אָנקוועלען. נישט
אָנגעקוואָלען דערפון האָט נאָר לייזער=יאַנקיל אַליין: גדליה=הערש האָט
איהם מיט דער מלאָכה פערשוואַרצט די אויגען. אַ קאַטאָוועס עפּיס.
ער, ר' לייזער=יאַנקיל, ימים נוראים אַ בעל=תפילה ערגיץ אין אַ
גלופּסקער קלייזעל און דאָס גאַנצע יאָהר אַזוי=זיך אַ שענער יוד, קוקט
אַריין אין אַ ספר און רייבט זיך אין בית=מדרש אונטער'ן אויווען — ער
און דער בעל מלאכה, דער עם=הארץ, זאָלען זיין קרובים! ער האָט
גדליה=הערש'ן בשום אופן נישט געוואָלט אָננעהמען פאַר אַ קרוב, זיך
אָקעגען איהם געבלאָזען און קיינמאָל איהם נישט פאַרבעטען צו זיך
אַ מאָל אויף אַ שמחה. איז ער געקומען אומגעבעטען, האָט מען אויף
איהם זיך אפילו נישט אומגעקוקט. גדליה=הערש פון זיין זייט, האָט
פון לייזער=יאַנקיל'ס גדלות זיך גאָר נישט געמאַכט און אַ מאָל אויס
איהם אויך געלאַכט מיט גוטען, אָהן גאַל: „וויים איך, וואָס מיט
לייזער=יאַנקלען איז אַזוי דער יחוס! אַרומגעהן שלינג=און=שלאַנג" איז
עפּיס נישט אַזאַ בריה'שקייט. אַ לאַטע זאָל ער פּרובירען לעגען, אַזאַ
לאַטע ווי איך, דענסטמאָל וועלען מיר זעהן. נאַט אייך אַ שמעלקע!
אַ בהמה איז ער, נישט מעהר... לאָז איהם גאָט נישט שטראָפען פאַר
די זינד", אַזוי פלעגט ער געוועהנטליך אויסלאָזען דעם שמועס,

אַ מאַך־געבענדיג מיט דער האַנד. מיט לײזער־יאַנקעליכען האָט ער זיך פערהאַלטען זעהר גוט, פלעגט אויסלאַטען איהרע מלבושים, איבער־ניצעווען די קינדערשע זאַכען, לעגען לאַטעס אויך אויף דעם מאַנס בגדים, נישט צונעהמען דערפאַר אַ פּרוטה. פאַרקעהרט, אונטער אַ ענגער צײט פלעגט ער שטילערהײט נאָך אונטערהעלפען איהר מיט עטליכע גראָשען. לײט זאָגען, אַז אין דער יוגענד איז ער אין איהר געווען פערקאָכט, זי נאָך איהם האָט אויך געצאַפּעלט און עס האָט געהאַלטען שוין אויף אַ שטײגער, אָט ברעכט מען טעפּ — נאָר פּלוצים האָט זיך אונטערגערוקט דער שידוך מיט לײזער־יאַנקלען, כּאָבעס, כּוהמעס האָבען זיך פאַר איהם געמיהט, אָבגעשאַצט זײן בײקולכען, פאַר וויפיעל מען קען עס אָננעהמען אין נדן אַרײן. ס'איז אויסגעקומען עפּיס גאָר אַ גליק, וואָס טרעפט זיך אײן מאָל אין הונדערט יאָהר. עס ווערט אַ קנס־מאָהל און גדליה־הערש בלײבט, נעבעך, פון דרויסען אויף דער מילכעדיגער באַנק. פון דענסטמאָל אָן, אַזוי שמועסט מען, איז גדליה־הערש פּונ'ם פּנים אַראָב, גאָר נישט דער אײגענער וואָס פריִ־הער — עפּיס גאָר טאַקי אַ כּשוף, אײן אָבגעטאָנענע זאַך, בעהיט זאָל מען ווערען! — איז געווען אַלץ פעראומערט, פערזאָרגט און פאַר צרות זיך גענומען צום טרונק. זעהר מעגליך, אַז דערמיט האָט אויך גע־שמעקט די שנאָה אַקעגען איהם בײ לײזער־יאַנקלען אין האַרצען. נאָר ווי די מעשה איז, אַזוי אָדער אַזוי, די שנאָה איז געווען גרויס. דעריבער, אַז לײזער־יאַנקיל האָט דאָ פּונ'ם ווײב נאָר דערהערט דעם נאָמען זײנעם, איז ער אָנגעצונדען געוואָרען.

הנם לײזער־יאַנקעליכע איז געווען געוועהנט צו דעם מאַנס זידלערײ און בײזקײט אויף גדליה־הערש'ן, נאָר הײנטיגס מאָל, ליגענדיג אין קינ־פּעט, האָט עס זי אָנגעהאַפּט בײם האַרצען און זי האָט זיך בעוואַשען מיט טרעהרען, דער מאַן האָט אויף איהר געקוקט מיט רחמנות און געטאַכט צו איהר שוין ווײכער אַביסעל:

— װײן נישט, דו טיפּשה אײנע! זאָג איך דיר. אַ כּשרה, ערה־ליכע יודענע בעדאַרף טאָן דעם מאַנס רצון. אַז דער מאַן זאָגט נײן, בעדאַרף זײן נײן. בערעכען זיך נאָר, נאַרעלע, ווער, ברוך־השם, איז דײן מאַן און ווער איז גדליה־הערש!...

— גדליה־הערש איז געווען אַ כּשרה'ר יוד, אַ גוטע נשמה.

— אַ כּשרה'ר יוד — אַ בעל מלאכה!! נאָר אַ געלעכטער בּ'לעבען. קאָרג פערשוואַרצט האָט ער מיר די אויגען בײ זײן לעבען.

זאָל איך אַ צינד נאָך איהם אַ נאָמען געבען מײנס אַ קינד און מיר אַלײן אָנטאָן אַזאַ חרפּה! געה שוין, נאַרעלע, געה, רעד נישט קײן נאַרישקײטען!

— אָבער אַ נאָמען, לײזער־יענקיל! וואו האָסט־דו אַ נאָמען? אַ שענער טאַטע, משטײנס־געזאָגט!...

— אַ נאָמען!... עט... נישקשה. שטאַמעלט דער טאַטע און פערטראַכט זיך אַביסעל.

— אָבער הע־הע! אַז איך האָב געהאַט אַ חלום, הע־הע!...

— וואָס חלום?! — מאַכט דער טאַטע, אויסשטעלענדיג אַ פּאָר אויגען אויף דער מאַמע.

— גדליה־הערש איז מיר נעכטען בײ־נאַכט געקומען צו חלום. — מזל־טוב דיר, מלכּה־טײבע! זאָגט ער און טהוט דערבײ אַ קרעכץ. איך ליג נישט רוהיג אין קבר דערפאַר, וואָס אויף דער וועלט איז נאָך נישטאָ מײן נאָמען. דערבאַרם זיך, מלכּה־טײבעניו! מאַכט ער מיט אַ געבעט, ווײזענדיג דערבײ אויפ'ן קינד אין די קישעלעך. דו האָסט אַצינד אײן האַנד מיך צו בערוהיגען. איך וועל מיך מיהען דאָרט פאַר דעם כּסא־הכּבוד פאַר דיר, פאַר דײן מאַן. דאָס קינד דײנס וועט, אם־ירצה־השם, זײן אַ גוט שטיקעל אַרבײט, אַ שאַרפע נאָדעל מיט אַ שפּיציג קעפּיל. בײ די דאָזיגע ווערטער האָט איהם געלויכטען דאָס פּנים און איז באַלד פערשוואונדען... וואָס זאָגסט־דו, לײזער־יענקיל?

— נו, נו... מאַכט דער טאַטע אָהן ווערטער

— נוקע נישט, לײזער־יענקיל, — זאָגט די מאַמע, — אַזוי זאָל איך זעהען פיעל נחת, ווי איך האָב איהם געזעהען... הײנט בײ־נאַכט איז ער ווידער געקומען. אַלץ געקוקט אויף מיר און געוויזען אויפ'ן קינד, געוויזען ...'ן קינד און געקוקט אויף מיר... גע־וויזען, געקוקט פריהער מיט אַ געבעט, דערנאָך... אוי, דערנאָך שטשירעט ער אויס אַ פּאָר אויגען און לאָזט זיך צו מיר מיט אויס־געשטרעקטע הענט, ווי ער וויל מיך שטיקען, טהוט אַ זאָג בײז: ווען נישט...

— ווען נישט, וואָס? וואָס? — טהוט זיך דער טאַטע אַ חאַפּ דערשראָקען, בעטראַכט די שיר־המעלות'ן און דעם קרײז מיט דער קאָט־שערע אויף די ווענט אַרום דער קינפּעטאָרין.

— וואס פרעגסט־דו, לייזער־יענקיל? װעה איז מיר נישט. עפּיס שפּיעלט מען זיך מיט אַ מת! װעה איז מיר, װיינד איז מיר...

— נו, נו. וואָס־זשע ווילסט־דו, טיפּשה איינע?

— האָב גאָט אין הארצען, וועה איז מיר, לייזער־יענקיל! און זיי נישט קיין עקשן, ווינד איז מיר!

— [illegible]...

דאס צווייטע קאפּיטעל.

ס'איז געבליבען, דאָס קינד זאָל הייסען הערשיל נאָך דעם לעצטען נאָמען פון גדליה־הערש און עס האָט דרינען געשמעקט אַ סך שפּיצלעך. איין מאָל האָט דאָך דער טאַטע דאָס רעכט אויך אויף אַ נאָמען. װי זאָגט דער צווייטענס, איז דאָך אַ פּשרה מאַכען גאַנץ יודישליך. װי זאָגט דער עולם: יאַק ני פּסק ניחאַיי בודע פּסק'עץ, ביידע צדדים זאָלען צופרידען זיין. דריטענס, איז הערשיל פאָרט נישט גדליה־הערש. די חרפה האַלב צוגעדעקט, וואָרפט זיך נישט יענעם אַזוי אין די אויגען. און די מאַמע, זעהר אַ גוטע בעל־הבית'טע, ליעב אָבצושפּאָרען אַלץ אויף שפּעטער, האָט ביי זיך געטראַכט: הא, לאָז זיך וואַלגערן אין דעם בעל־הבתישקייט אַ איבעריגער נאָמען גדליה, ער װעט אפשר צוניץ קומען אויף שפּעטער.

די מאַמע האָט טאַקי געטראָפען, ווי אַ חכמה! זי איז אויסגעקוקט מיט די נעמען ווי מיטען קרעפּיל פלייש. אין אַ קורצער צייט אַרום איז זיי געלעגען געוואָרען ווייטער מיט אַ יונגעל אַזוי ער האָט, הערשלע אויף צו לאַנגע יאָהר, געהייסען גדליה...

איך זאָג: הערשלען אויף צו לאַנגע יאָהר, ווייל דער ברודער גדליה האָט זיך נישט לאַנג געהאַלטען, איהם איז נישט געפעלען דער מאַמעס קעסט. עס האָט איהם געגריםט אין בייכעל, זיך, געבעך, געצוגען אָנגעליטען און ביים אויסשניידען זיך איהם צייהנדלעך, האָט ער זיך מישב געווען און זיך אָבגעטראָגען. אויף דעם דאָזיגען שכל וועגען געפאַלען עטליכע פון די שוועסטערלעך און ברידערלעך נאָך פריהער, איידער הערשעלע איז געבוירען געוואָרען. זיי האָבען געזעהן, אַז מיט

קבצנים איז נישט גוט צו האָבען עסקים. דאָס לעבען בײַ זײ איז נאָר
אײן אומגליק, אײביגע צרות, שטענדיגע יסורים. בעסער אײן מאָל שטאַר=
בען, ווי צעהן מאָל אין טאָג אויסגעהן פאַר הונגער; אײדער עלטערן זיך
אין דלות, פערוואַרפען אויף דער פאַליצע די צײהן, בעסער יונגערהײט
פון דער וועלט געהן. א לאַנג לעבען אָהן ברויט איז א ביסליכווײזער
טויט. נישט אַלע מענשען אָבער זענען גלײך. דוואָסיע=קרוינע און פסח=
זעליג האָבען זיך אײנגעשפּאַרט דוקא לעבען און פערזוכען, משטײנס=
געזאָגט, דעם טעם פון חתונה האָבען. זײ זענען ביטערע אביונים און
בעפאַלען מיט קינדערלעך. א חוץ זײ האָבען פונ'ם מלאך המות הענט
זיך אויסגעדרעהט ציפּע=סאָסיע, שוין א מויד אין די יאָהרען, איז געווען,
נעבעך, הויט און ביין. דאָס פּנים אויסגעצויגען, די באַקען אײנגעפאַלען
מיט בלויע רינגען אונטער די אויגען. אין דער יוגענד אָבער איז זי גע=
ווען א בילד שענע, א לעבעדיג מײדעל, זעהר א גראַטענע, א חנ'עוודי=
גע, א גוטע עהרליכע, כשרה נשמה — מעלות, וואָס אין רײכען שטאַנד
ברענגען זײ גליק, אין דעם אָרמען אָבער זעהר אָפט נאָר אומגליק.
צו=זעהענדיג דאָס גרויסע עלענד בײַ די עלטערן אין הויז, איז איהר גע=
וואָרען א לאָך אין האַרצען. איהר איז נישט אַזוי אָנגעגאַנגען אײגענע צרות,
ווי פיעל די צרות פונ'ם הויזגעזינד, ווי מענשען, נעבעך, קומען עס אָב,
ווי פּיצלעך אומשולדיגע קינדערלעך, דאַרפען עס, נעבעך, דאַרען=קוואַ=
רען און געהען אויס ביסלעכווײז ווי א ליכט. בײַ איהר איז געבליבען,
צו געהן אין דער פרעמד, דינען, פערדינען און אָבדינען די ליעבע על=
טערן אין דער נויט. זי האָט גוט געוואוסט, אַז דער טאַטע איז בײַ זיך
א גרויסער מיוחס, עס וועט איהם נישט אָנשטעהן, ווינם א קינד זאָל זיך
שטעלען אין דער פרעמד. נאָר דאָס האָט זי אָבער נישט אָבגעשראָקען,
זי האָט זיך פאַרגענומען צו טאָן אַלע מיטעל, זיך שטרעקען נאָך די עקען,
אַזוי לאַנג—אַזוי ברייט, ביז זי וועט איהר'ס פועל'ן. זי האָט אויסגעקלי=
בען דערויף א צײט, ווען עס איז געווען זעהר ענג. אין הויז איז נישט
געווען קײן שטיקעל ברויט, דער ווינטער האָט צוגעטרעטען מיט זײנע
שרעקליכע פרעסט און אין שטוב איז קאַלט, כאָטש וועלף צוטרײבען.
טאָגענווײז איז אויס דעם קוימען נישט געגאַנגען קײן רויך. די מאַמע איז
געווען אויף דער צײט מיט קוילע=ריקלען און געהאַט זעהר א שווער טראָ=
גען. שמעריל=אײזיק עליו השלום האָט געמאָזעלט, געפּאַכט מיט דער
נשמה און די איבעריגע נאַקעטע, הונגעריגע קינדערלעך האָבען זיך פער=
שלאָגען אין א ווינקעל, געזעסען אײנגעהײקערט אין צעהנטען, מיט סמאַ=

[illegible] אויף די ליפּען, שאַ, שטיל, נאָר צײטענווײז א קרעכץ, א זיפץ טיעף
פונ'ם האַרצען, און געקוקט אין דער וועלט אַרײן מיט תמ'עוואַטע גלע=
זערנע אויגען, אין וועלכע עס זענען געשטאַנען פערגליווערטע טרעהרען...
אײנסטמאָל האָט זיך ציפּע=סאָסיע'ן געעפענט דאָס מויל, זי האָט געווײנט,
געחלש'ט פאַר דעם טאַטען, ער זאָל רחמנות האָבען אויף דער מאַמע'ן,
אויף די קינדער, אויך אויף איהר און לאָזען זי שטעלען זיך ערגיץ אויף
אײן אָרט. עס האָט אויס איהר גערעדט די נשמה, א מבול הײסע געפּיה=
לען האָט זיך איהר געגאָסען טיעף פונ'ם האַרצען און דער טאַטע, דער=
הער'געט, דערשלאָגען פון דער ביטערער נויט, האָט לסוף איהר אײנגע=
וויליגט מיט א געבראָכען געמיטה... איהר אָוועקפאָהרען קײן גלופּסק
האָט דער מאַמע גענוג טרעהרען געקאָסט, דער טאַטע האָט מיט איהר
זיך געזעגענט שטאַרק בעטריבט. די גוטע, שטילע טויב איז אַרויס פון
דער נעסט לעדיג און בלויז, נאָר מיט דער ברכה פון די עלטערן, מיט
דעם הײסען „פאָהר געזונט!" פון די ווײנענדיגע שוועסטערלעך און
ברידערלעך

קאַבצאַנסק האָט אי א טראַנספּאָרט לעבעדיגע סחורה צוגעשטעלט
גלופּסק — א שענע, א יונגע דינסטמײדיל!...

ציפּע=סאָסיע האָט באַלד בעקומען אײן אָרט ערגיץ דאָרט אין א
נגידיש הויז. די ערשטע צײט איז איהר געגאַנגען קײן מעשה נישט. מען
איז מיט איהר און מיט איהר אַרבײט שטאַרק צופרידען געווען. זי האָט
געשריבען א הײם פרעהליכע בריוולעך און אויך צוגעשיקט א ביסעל געלט.
נאָך דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבען א מעשה. דער בעל=הבית האָט אויף
איהר געוואָרפען אײן אויג און הינטער ווײליכם געפּריוווט ווערען מיט איהר
א נאָהענטער מחותן. אין אָנפאַנג איז דאָס נאָך געווען א ביסעל פער=
שטעלט. אויפ'ן וואונק, גלאַט אַזוי זיך. ער איז א גוטער מענש, בײַ
זיך פראָסט, זעהר צוגעלאָזט און וויל א אָרעם קינד, נעבעך, מקרב זײן.
[נ]אָר וואָס נישט? פון זײן הויז האָבען שוין עטליכע גאַנץ פײנע דיענסט=
[מ]ײדלעך חתונה געהאַט, גאָר נישקשה'דיג... לאָז זי נאָר נישט זײן קײן
נאַרעלע, וועט איהר אויך אַז וואויל זײן... ווײטער, ווײטער האָט זיך שוין
[ק]לערער אַרויסגעוויזען, וואָס א נגידס גוטסקײט און צוגעלאָזטקײט בעטײ=
בעהיט זאָל מען ווערען! עס האָט זיך פאַר איהר געעפענט פּלוצים גאָר
[א] נײע וועלט מיט אַנדערע מיני קרענקונגען — א וועלט מיט א שטן, מיט
א גיהנום און א קאַבעניש, פײער און שוועבעל; אַזעלכעס, וואָס האָט זיך
איהר נאָך פריהער גאָר ניט געחלומט. דאָס לעבען איז פאַר איהר געוואָרען

אַ מלחמה. זי, שלאַפע, אָרמינקע, נעבעך, האָט געמוזט שטענדיג געוואָפּענט אַקעגען אַ שטאַרקען שטן, אַ געבאַלעוועטען פּעמפּיק. דער געדאַנק איהרער, ווי אַזוי איהרע ליעבע קומען עס, נעבעך, אָב, דאָרט אין דער היים, ווי אַזוי נייטיג ס'איז פאַר זיי חאָטש אַ קליינע הילף, האָט איהר אונטערגעגעבען כח, צו ליידען איהרע גרויסע וועהטאָגען. זי האָט זיך געראַנגעלט, געראַנגעלט ביז איבער די כוחות און געמוזט פאַר צרות דערנאָך פאָרט אָבטרעטען פונ'ם אָרט.

זי האָט זיך געשטעלט נאָך אויף איין אָרט. דאָרט איז געווען ווייטער דאָס אייגענע: פריהער קיין מעשה נישט, דערנאָך אַ מעשה, שוין נישט איינע, נאָר צוויי. אַ מעשה מיט דעם בעל־הבית און אַ מעשה מיט דעם בעל־הבית'ס אַ זוהן... קרענקונג, האַרצוועהטאָג און לסוף אַוועק פונ'ם אָרט. ווייטער און ווייטער אַלץ אויף דעם דאָזיגען שטייגער: קיין מעשה נישט, שפּעטער אַ מעשה, די אַלטע מעשה, אַ מעשה איבער אַ מעשה און דער פינסטערער סוף פון דער מעשה. אַ חוץ מעשיות אין שטוב איז נאָך מעשיות אין קיך: מיט קעכינס, מיט אַריינגעהערס, מיט מעקלערינס און מיט יענע, וואָס ווערען אויף דער עלטער גבאי'טעס. הכלל, אַ „טויזענד און איין נאַכט" מיט מעשיות. ציפּע־סאָסיע איז געוואָרען, נעבעך, אַ קרבן פאַר איהר שענקייט... אויף צרות נאָר איז זי געבוירען געוואָרען אַ שענע. ווי קומט אַזוינס צו אָרמע לייט, מיט וועלכע מען איז עפּים נישט אַזוי מחויב צו מאַכען צערעמאָניעס און קוקען דערויף, טאָמער קרענקט מען זיי מיט אַ גראָב וואָרט און נעהמט ביי זיי צו דאָס גאַנצע חיות מיט אַ מיאוסער בעהאַנדלונג?... אויך מיר אַ מענש ציפּע־סאָסיע, אַ אָרמע דיענסטמיידיל! דיין שענקייט, אָך, מהיכא־תיתי און די אַליין... וועמענס עסק איז עס? מעגסט אפילו די כפרה ווערען. אַ טאָמער האָט ציפּע־סאָסיע פאָטער און מוטער, וועלכע האָבען זי האַרצענדיג ליעב, מיט איהר אין לעבען פיעל מיה געהאַט, גענוג קאָפּראַרעניש. נישט דערגעסען, נישט דערשלאָפען, ביז גאָט האָט געהאָלפען, זי איז אויסגעוואַקסען; אַ טאָמער האָט ציפּע־סאָסיע איהרע עלטערן אויך שטאַרק ליעב, זי אַרבייט, זי דיענט, ווי־ס'איז אונטערצוהאַלטען איהרע ליבע, נעבעך, וואָס חוץ זיי קריכט איהר גאָר נישט אין קאָפּ קיין אַנדערע זאַכען — אַזעלכס געהט קיינעם אויפ'ן געדאַנק אפילו נישט אַרויף. נאַרישקייטען, פון וועמען מען האָט דאָ צו טראַכטען!... ציפּע־סאָסיע אָבער האָט אויך אַ נשמה, זי טראַכט, זי פיהלט... בעריהרט מען זי גראָב, טהוט איהר וועה.

„דעריבער, אַזוי זאָגט דער מחבר פונ'ם „ווינשפינגערל" אין זיינע כתבים, דעריבער האָט ציפּע־סאָסיע נישט געקענט מעהר אויסהאַלטען און איז קראַנק, צובראָכען מיט אַ שווער געמיטה, נעבעך, געקומען צוריק אַ היים, צוריק צו איהרע אָרמע עלטערן, שוין נישט די ציפּע־סאָסיע, וואָס פריהער. די מאַמע האָט געפיהלט דער טאָכטערס ביטער האַרץ און איז אויסגעגאַנגען פאַר רחמנות אויף איהר דערשלאָגען קינד.

„אָרמע, בידנע שוועסטער! דיין אומגליק איז, וואָס גאָט האָט דיר געגעבען חן; דיין אומגליק איז יענע גליקליכע מיט דיין שענקייט צו געפעלען. פערשפּילט איז דיין וועלט, פערוויסט איז דיין לעבען, אַז אַך און וועה דיר נעבעך, אָרמע, אומגליקליכע שוועסטער!......"

דאָס דריטע קאַפּיטעל

איצטער, אַז הערשעלע אונזערער זאָל נעהמען די בעסטע לאַנדקאַרטע, אויף וועלכער עס שטעהען געצייכענט די אַלע שטעדט פון גרויס ביז קליין, און זאָל זוכען אפילו מיט ליכט, איז פון קאַבּצאַנסק קיין זכר נישטאָ דאָרט, און אַ מאָל, אין דער יוגענד, האָט ער געמיינט, ווי אַ וואָרים זיצענדיג אין חדר, אַז קיין בּעסערס פון קאַבּצאַנסק איז גאָר נישטאָ. קאַבּצאַנסק אַליין טאַקי איין שטאָדט אויף דער גאַנצער וועלט, דער פּופּיק איהרער, פונקט אין רעכטען מיטען. ווייטער, אין דער זייט, איז שוין מדבּר, פאַרלעגענע ערטער מיט ווילדע חיות. מענשען, וואָס מענשען הייסען, אתּה־בּחרתּניקעס, סאַמע צימעס, זענען נאָר דאָ. פאַר זיי אַליין שיינט די ליכטיגע זון בּיי טאָג, די לבנה און שטערען בּיי־נאַכט און גאָט גיט זיך אָב, האָט מעהר נישט צו טאָן נאָר מיט זיינע קאַבּצאַנסקער יודען... ער גיט רעגען פון זייערע בּהמות וועגען — ציגען זאָלען האָבּען פּאַשע; אויך קאַליזשעס וואַסער אויף צו טרינקען, בּכדי צו פערשפּאָרען אָבּפּרעסען די שטרוי פון יודישע דעכער און לעקען די ווענד פון׳ם בּית־המדרש. ער גיט טרוקענע שענע פּאָגאָדע, די ווייבּער זאָל גוט זיין צו געהן פרייטאָג אין יאַטקע, אין מאַרק אַריין, איינצוקויפען אויף שבּת. ער מאַכט אַ גרויס געראַטעניש אין קאַרטאָפלעס, ציבּעלעס און קנאָבּעל, — יודעלעך, נעבּעך, זאָלען האָבּען וואָס צו עסען. הכּלל, ער דרעמעלט נישט און שלאָפט נישט דער היטער פון ישראל, ער אַרבּייט מעשים, קעהרט אַ וועלט נאָר צוליעב זיי, צוליעב זיי... דערפאַר בּלאָזען איהם יודען שופר, זינגען איהם אַ מלך עליון און שפּרינגען קדוש, דערפאַר מאַכען זיי פון זיין כּבוד וועגען אַ לאָקשען־קוגעל — שבּת, קניידלעך און

קרעמזלעך — פּסח און געהן אַ טענציל לעבּעדיג־פרעהליך צו די הקפות שמחת־תּורה. חנוכּה דאַנקען זיי איהם אָב מיט אַ דריידיל, פּורים מיט אַ המן־קלעפּיל, פאַרשטעלען זיך און מאַכען די פּורים־שפּיל, די גאַנצע קאָמעדיע אַלץ לשם שמים, צוליעב זיין הייליגען נאָמענס וועגען...

נאָך איין שטאָדט, אמת, איז איהם געווען בּעקאַנט, וועלכע עס האָט געשוועבּט פאַר איהם עפּיס ווי אין דער לופטען, געשווייבּעלט און געגריבּעלט מיט גאַנצע מחנות מלאכים, פליגעל־אַדיוטאַנטען, און קורירען פון גאָט־בּרוך־הוא צו די קינדער ישראל — דאָס איז די הייליגע שטאָדט ירושלים, וואו יודען ליגען בּעגראָבּען אין דער ערד, אין ארץ־ישראל־ערד, טאַקי נאָר לעבּעדיגע מתים, וואָס פוילען נישט און עס האַלט זיך זייער געבּיין; וואו יודען האָבּען אַ פייג... איילבּערטען, טייטלען, מילגרוימען, און ציגען עסען דאָרט בּאָקסהאָרן. נאָר, אוי־וועה! ירושלים איז אָבּער אַצינד וויסט, חרב, אוים שטאָדט, אוים וועלט און פאַר אונז יודישע קינדער, איז היינט אַ לעבּען דאָ, אין קאַבּצאַנסק — אין קאַבּצאַנסק, אין גלות. דער קאַבּצאַנסקער גלות איז דענסטמאָל אין הערשעלעס אויגען בּעשטאַנען פון גאַבּרילאָ דעם שבּת־גוי, וואָס שנייצט אָפּ שבּת די ליכט, נעהמט אַראָב פונ׳ם טיש די מעשענע לייכטער, און הייצט בּיי יודען די רובּעס; פון טעקלע, וואָס וואַשט גרעט, שווענקט איבּער געל־גרינע ווינדעלעך פון יודישע קינדער און מעלקט די קיה פון קאָנדראַט דעם שכּור, וואָס פאַר אַ גלעזעל בּראַנפען פערקויפט מען איהם — דעם גאַנצען קאַבּצאַנסקער חמץ; פונ׳ם פּריץ, וואָס יודען האַלטען בּיי איהם אַרענדעס, דערנעהרען זיך דערפון מיט ווייבּ און קינדער און מוזען, נעבּעך, פון יוצא וועגען, איהם צאָהלען ראַטע, וואָס מוזען, נעבּעך, צו איהם אָנקומען אונטער אַ יום־טוב, ער זאָל זיי שענקען זעקלעך קאַרטאָפלעס, אינדיקעס און ווייץ אויף מצה — און מעה, וועה געשריען! ערגער נאָך ווי אַלע פון מיטקאַ דעם קליין שייגעציל און זשוקיל זיין קליין הינטעל, פאַר וועלכען נישט נאָר קליינע יונגלעך האָבּען געציטערט, אויך יודען מיט בּערד, בּעווייבּטע, גרויסע תּקיפים, פלעגען האָבּען דאָס ניין־יעהריגע און פאַר איהם פאַר אַ מייל אַנטלויפען; גאָט ווייסט, צו וואָס דער בּיטערער גלות של מיטקאַ וואָלט געפיהרט, ווען ער זאָל זיך ציהען שטענדיג...

אַ נס נור איז געשעהן, וואָס מיטקאַ האָט ליעבּ געהאַט אַ יודיש שטיקעל חלה. פון אַ שטיקעל חלה, וואָס מען פלעגט איהם אונטעררוקען חייעש, איז ער געוועהנטליך אויף אַ געוויסער צייט, געוואָרען גוט,

וויך ווי א טייג, האט זיך בעלעקט און געקוקט שוין אנדערש אויף יודישע קינדער. וואס יונגלעך האבען פריהער נישט געטארט, האבען זיי שוין געמעגט. יעקב'ס טאפ לינזען איז געבליבען אויף תמיד טאקי זעהר א גוט מיטעל. ווער שמועסט, א יודיש שטיקעל געפילטע פיש איז גאר א וואונדער! נאר חוץ די אלע זאכען איז דאך מיטקא נישט מעהר געווען ווי א נאריש יונגעל און טאקי אליין ליעב געהאט אפטאן מעשים, שטיפען מיט חברה קונדיסים. ביים שפילען זיך איז ער מיט זיין גראבען קאפ שוין געלעגען ביי אונז אין די הענד. א פערדיל איז ער געווען זעהר א וואוילס, כח צו לויפען, צו דריגען מיט די פיס, האט ער געהאט, און זיי, מיט זייערע יודישע קעפלעך, פלעגען אויף איהם פאהרען רייטענדיג, דערלאנגען איהם הינטערוויליכס א שמיצעל און פיהרען איהם ביי דער נאז, וואוהין זיי האבען געוואלט... האבען זיי עפים געמייסטערט, געשטעלט א מילכען ערגיץ אויף א רינשטאקיל, האט ער מעהר נישט געטויגט ווי נאר דערצו. צו ברענגען זאמד, טראגען שטיינער, גראבען די ערד און קריכען אין בלאטע. יודישע קינדער פלעגען זיך נאר קוועטשען, אונטערהעלפען איהם מיט א סאפען, מאכענדיג: הא-הא, ארבייט טהו מיטקא, אזוי, אזוי!... אצינד אז מיטקע איז פון א שייגעציל געווארען א גרויסער גוי, איז אפשר מעגליך, אז ער איז ערגיץ אין דער וועלט היינט א גאנצער פריץ און טוט דאס אייגענע וואס אין דער יוגענד נעמט ביי דעם און ביי יענעם און איז נישט פויל אויף דער האנד.

זשוקעל איז אויך נישט געווען קיין שלעכטער הינטעל. פאר א שטיקעל ברויט פלעגט ער סלוזשען, שטעהן אויף די לאפקעס און דרעהען מיט דעם ווידעל. און הגם א שטיקעל ברויט האט א גרויסע ווערטה ביי קאבצאנסקער יודען, פונדעסטוועגען האט זיך קיינער דערוויס ניט געמאכט אונטערוואַרפען עס א מאל זשוקלען, טראכטענדיג ביי זיך: לאמיך א הונט פערשטאפען דאס מויל. ניחוי ני לאיע, לאז ער נישט בילען. — יודען מיט בערד פלעגען שמאכען פאר גרויס הנאה, ווען זשוקיל האט זיי אנגעטאן דעם כבוד, א חאפ צו טאן פון זייערע הענד דאס ביינדיל און געקוקט אויף זיי פריינטליך, בשעת קנאקענדיג עס מיט די שארפע הינטישע צייהן. פלעגען שמאכען, גלעטען דאס בערדיל, טרייסטענדיג זיך מיט דער האפנונג: נו חבר... פון היינט אן זענען מיר שוין חבר. שוין אהן סכנות... דערביי טאקי זיך מאכען קוראזש אנצורירען פון דערווייטענס זשוקלען, מיט א שפיץ פינגער א גלעט צו טאן איהם ביים קעפיל, און אז מען איז שוין יא א

שטיקעל חשוב ביים הונט, פריוען דערוויל טאקי אנצורייצען איהם אויף אנדערע: צטו-נא, קוסיי! ווי דער שטייגער איז פון א יודען א תקיף...

היינט, אין די עלטערע יאהרען, ווייסט אונזער הערשעלע שוין אז יודען צווישען אלע מענשען אויף דער וועלט זענען די העהנער וואס ליגען שטענדיג אונטער'ן פעקעליק נעבען ווייב און קינדער. דאס הויזגעזינד איז ביי א יודען דאס גאנצע לעבען, טיעף איינגעבאקען איהם אין הארצען, און דער טאטע זיינער איז דרינען געווען א יוד שביודען, א האהן שבהעהנער. ער ווייסט היינט וואויל, אז דער טאטע האט איהם זעהר ליעב געהאט, נאר דאס איז געווען א פערבארגענע ליעבשאפט אינווענינג אין הארצען, אויפ'ן יודישען שטייגער, אין פנים אבער האט מען עס איהם נישט ארויסגעזעהען. פארקעהרט, אויפ'ן פנים איז איהם שטענדיג געלעגען א פינסטערע חמארע. ער האט געקוקט עפים ווי בייז, אנגעלאדען, מיט א ביטער-ווייערער מינע. ס'איז איהם עפים ווי נישט אנגעשטאנען צו רעדען, לאכען, נאריש צו מאכען זיך מיט די קינדער, האלטענדיג אין דער סברא, אז פאר א טאטען פאסט נישט אזעלכע זאכען. קינדער בעדארפען פאר א טאטען מורא האבען, וויסען דרך-ארץ, און זיינע אויגען נישט אונטערשטעלען זיך הויך רעדען, א לאך צו טאן, חלילה, און בעדארפען געהן אויף די שפיץ פינגער. האט זיך א מאל א קינד פערזינדיגט מיט א הויך קול, מיט א געלעכטער און עפים א פרייע בעוועגונג, איז איהם עס, נישקשה, באקום אויסגעפאלען פון טאטענס א בליק, וואס האט איהם דורך-און-דורך-געשטאכען. מיט דעם ווייב האט ער פאר פרעמדע, אויך פאר אייגענע מענשען קארג-וואס גערעדט, זי נישט גערופען ביי דעם נאמען, נאר געזאגט געוועהנטליך: דו, הערסט דו! און א מאל אויך: טיפשה. אין הארצען איז ער געווען צו איהר טאקי זעהר גוט, גוט ווי די וועלט, נאר ארויסווייזען עס בעשיינפערליך האט ער עס פאר זיך געהאלטען פאר איין אומכבוד, עפים פריקרע, נישט שען פאר א יודען. ער — איז דאך ער, א מאנספערשוין, א יוד, און זי איז א זי, נאך אלע זאכען פארט נישט מעהר ווי א נקבה, א יודענע... ער איז געווען אין דעם הויזגעזינד טאקי איין אמת'ער האהן, וואס פיהרט זיך שטענדיג ארום מיט דער הוהן און מיט איהר פליד, זוכט, קראצט פאר זיי אויס ווערעמלעך, שפייז פון אונטער דער ערד. נאר זאל פריוען א הינדעל עפים טאן נישט ווי זיין ווילען, גיט ער עס א פיק אין

די מאַמע האָט אָנגעקאָכט אין יענעם גרויסן פּסח'דיגן טאָפּ, און פלוידערען, אויף וואָס די וועלט שטעהט.

אַ חוץ די דאָזיגע פּעל איז די מוראָ פאַר'ן טאַטען געווען גרויס. אין שטוב איז אונזער הערשעלע, ווי די אַלע איבריגע קינדער, געווען שטיל, נאָר אָבער ווי אַ שטיל וואַסעריל, וואָס גראָבט טיעף. צווישען זיך פלעגען די קינדער שטילערהייט אָבטאָן מעשים, קריגען זיך, נאָכקרימען זיך אויפ'ן וואונק, איינער דעם אַנדערן אַרויסשטעלען פיגען, דערלאַנגען אַ זעץ, אַ קניפּ און שאַ. איטליכער האָט געפּינעלט נאָכגעוואָלט הערשעלם צולהכעיס'ניק וועהנטליך געהאַט זיינעם אויף צוקריגען זיך. הערשעלם צולהכעיס'ניק איז געווען חנה-לעמיל. זיי זענען געווען ־ייער און וואַסער, צווישט קיין גלייכע מענשען. חנה-לעמיל האָט געוואָלט ווי אַ עלטערער ברודער, וואָס אָט באַלד אַ חתן-בחוריל, לעהרען דעם יונגערען דרך-ארץ. עס האָט איהם געברענט, פאַר וואָס דער טאַטע זעצט שבת ביים טיש הערשעלען נאָהענט נעבען זיך און שמעלצט זיך גאָר הערענדיג, ווי ער טערעלייקעט „כל-מקדש" און האַלט איהם אונטער אין די זמירות אויף אַ דין-קוויטשיג קול'כען. ער פלעגט דעריבער אַלץ קריכען צום טאַטען אויף הערשעלען מיט מסירות, בכדי צו פאַר־מיאוס'ן איהם אין זיינע אויגען, און שטילערהייט צווישען זיך פלעגט ער נאָכקרימען הערשעלען ווי ער טערעלייקעט, אריינשטעקען דערביי אַ פינגער אין גאָרגעלע, שאָקלען דאָס קעפּיל און אָנגעבלאָזען זיך ווי אַ אינדיק. הערשעלע פלעגט זידען ווי אַ קעסעל, אַרויסשטעקען דאָס צינגעל און מיט אויפגעשטעלטע קולעקלעך מאַכען אין איין כעס: פּוקע זיך, חנקע-לעמילדריג! אָבער אַלץ שטיל מען זאָל נישט הערען.

אין שטוב איז הערשעלע געווען ווי אַ שטאַר־ן אָנגעבלאָזען פּאַחיריל, זיך איינגעהאַלטען, קיין פּאַרע זאָל מען פון איהם נישט הערען, אַקעגען-זשע אָבער אין דרויסען האָט דאָס פּאַחיריל געלאָפּענעס און ס'איז אַרויס פריי אַלסדינג, וואָס אינוועניג אין איהם האָט זיך געשטיקט. דאָרט איז ער געווען אַ פייער, אַ שפּירט, איין קונדעס אין דער וועלט. ער האָט זיך איבערגעשלאָגען מיט אַלע יונגלעך אין אַרויסגעוויזען זיין גרויס בריה'שאַפט. אין שטיינער האַרפּען, האַפּען אַ ציג פאַר די הערנער און זעצען זיך אויף איהר רייטענדיג, אָנגעהמען פּלוצים דעם קאָבצאַנסקער קהל'שען צאָפּ פאַר דער באָרד און אויסרייסען איהם אַ פולע הויפען האָר, שטעכען חתן-כלה אונטער

קעפּיל. ער נעהמט פּאַרריסען דעם קאָפּ אין דער הויך, די אויגלעך פּייערען איהם, קוקט מיט גדלות און בכדי צו בעווייזען, וואָס אַזוינס ער איז, טהוט ער אַ קלאַפּ מיט די פליגעל, מאַכט אַ המלך, אַ בריטען, גרויסען קיקוריקו! דאָס בעטייט: תרבות, היהנער, ווייסט, ווער עלטער איז!...

צונעלאָזט און בערע. . . איז דער טאַטע געווען נאָר אין אַזעלכע געוויסע פּעל, ווען אַ קינד . אַ שטיינער, איז קראַנק געווען. דענסטמאָל איז ער פון איהם נישט אָבגעטרעטען אויף אַ טריט. האָט עס געגלעט, געטאַפּט ביים שטערען, איינגענומען מיט גוטע רעד און צוגעזאָגט מתנות, שענע שפּילכלעך, וויפיעל דאָס האַרץ גלוסט: אַ שען הילצערן שווערדיל אויף תשעה באָב אָבגעפאַרבט מיט שוואַרצע יאַגדעס, אַ גראַגער, אַ דריידיל, אַ פאָהן מיט אַ רויטען עפּעל, אַרויפגעשטעקט אויבען, דערביי טאַקי נאָכגעמאַכט ווי אַ גראַגער גראַגערט, ווי אַ דריידיל דרעהט זיך, זומזעט און ווי יונגעלעך מיט פאָהנען געהען צו די הקפות, קוויטשען: עוזר דלים הושיעה נאָ! אָט אַזוי, אַזוי... בכדי אַרויס־צובעקומען דערמיט ביים קראַנקען קינד, נעבעך, חאָטש אַ קליין שמייכעלע. איז עס איהם געראָטען, איז ער געווען איבערגליקליך. אָדער, אַ שטיינער, ווען עפּים אַ שמחה, אַ יום-טוב און מייסטענס פּסח צום סדר, אַז ער איז געזעסען אָנגעלעהנט, ווי אַ פריץ, אויף דער עסע־בעט אין קיטעל, דאָס ווייב קלאָר-ווייס אָנגעטאָן נעבען איהם, ער האָט זי גערופען מלכה, זי איהם — מלך. ביידע האָבען געלויכטען, געקוקט מיט שיינענדיגע אויגען, דאָס איינער אויפ'ן אַנדערן, דאָס אויף די אויסגעצוואָגענע קינדערלעך אַרום דעם טיש און דאָס אויף כוסות, אויף דעם טעלער, אין וועלכען עס ליגען ש־ן, פיין אויסגעלעגט ווי נעהעריג: די זרוע אין דער רעכטער האַנד, אונטען חרוסת, דאָס איי אין דער לינקער האַנד, אונטען כרפס, נרינם פון פעטרישקע און צווישען זיי מרור, געריבענער חריין, גאָר מחיה. אַ-נו, הערשעלע, פלעגט מאַכען דער טאַטע, אָנגעהמענדיג דאָס קינד פאַר'ן בעקעלע, פרעג מיך, הערשעלע, די פיער קשיות. הערשעלע האָט זיך צו־שאָקעלט, אָנגעהויבען הויך אויפ'ן ביי-קול'כען, מאַכענדיג דערביי מיט'ן גראָבען פינגער: טאַטע! איך וועל דיך פרעגען, טאַטע! פיער קשיות! און אָבגעקנאַקט לעבעדיג איין קשיא נאָך דער אַנדערער. דענסטמאָל איז מען פריי געווען צו רעדען, צו לאַכען, וויפיעל מען וויל. הפקר אַ וועלט. וואָס די קינדער פלעגען זיך אָנשיכור'ן מיט גאַנצע כוסות לאַקעריצע,

דער חופה מיט שפּילקעס, נאָכלויפען אַ משוגענעם אויף דער גאַס, אונטערהאַפּען זיך הינטער אַ וואָגען, בשעת פאָהרענדיג געשווינד, — דערצו איז ער געווען איין בריה טאַקי. ווייסע=חברה האָט דעריבער פון איהם שטאַרק געהאַלטען און איהם מכבד געווען מיט כהן אין אלע קונדייסקע זאַכען. אין די מלחמות צווישען די קונדסים, איז ער געווען דער גענעראַל, מיט עפּיס אַ פּאַפּירען שאַרטיצעל פון אַ בשמים= קרעמיל אויפ'ן קאָפּ, אַרומגעשטעקט מיט פעדערן. די גבורה אין דאָס גאַנצע גרויסקייט זיינס איז בעשטאַנען אין פּיטשקען, וואָס ער האָט געהייסען איטליכען מקיים פסק זיין, גלאַט אַזוי=זיך פון זיין כבוד וועגען, און אַז דער גענעראַל, הערשעלע לייזער=יענקילס, האָט בע= פוילען — איז מחויב געווען איטליכער, פון דעם קליינסטען ביז דעם עלטסטען, באַלד צו פאָלגען. בשעת פרידען, נישט קיין מלחמה=צייט, פלעגט אונזער הערשעלע מיט דעם גאַנצען פּעקיל יונגלעך זיך אָבגעבען מיט אַנדערע געשעפטען, און געשעפטען זענען געווען זעהר פיעל, ברוך= השם, אין איטליכער צייט.

זומער ביי טאָג פלעגט ער פיהרען ווייסע חברה באָדען זיך אין קאַבצאַנסקער טייך — אַ גרויסער רינשטאָק מיט אַ פערשימעלטער בלאָטע ביים ברעג, וואו שטאָדט=חזירים זענען געלעגען איינגעזונקען טיעף ביז איבער די אויערן, אַרויסשטעקענדיג נאָר דאָס פּיסקעל. דער גאַנג אַהין איז געווען לעבעדיג=רעש'יג, טאַקי ווי מען זאָגט, בעגראַנדע, נישט אויסגעלאָזען איין זאַך אויפ'ן וועג, מען זאָל עס נישט בעריהרען. יונגע געזולעך צולויפען זיך, אונטערפליהענדיג אַ ביסעל מיט די קליינע, נאָך נישט גוט בעפעדערטע פליגעלעך; דער גאַנער סאָפּעט, סמאָרעס מיט די נעזלעכער, אויסקרימענדיג דעם האַלז ווי אַ שלשלת. דאָס קעלביל ראָרט איז זיך מטריח אויפצושטעהן פונ'ם גראָז, שטעלט אויס אַ פּאָר אויגען, רוקט זיך אויף עטליכע טריט אָב, וואָרפענדיג מיט'ן קאָפּ און אָנבייגענדיג דעם שטערען צו דער ערד, פערדייסט דערנאָך דעם וויידעל און אַוועק,... חברה שפּילעט. זיך אָב, קנעפּעלט זיך אָב, נאָך געהענדיג, אין איילעניש, אַזוי אַז צוקומענדיג צום ברעג טייך פאַלט פון איטליכען דאָס אָנטהאָן פלוצים אַראָב — און פּוץ אין וואַסער אַריין, בול=בול=בול! —

צווישען מנחה און מעריב איז ווייסע חברה זיך צונויפגעקומען אויפ'ן יריד אין בית=מדרש, אין פאָלעש דאָרט, איטליכער מיט זיין מין סחורה און מען האָט געהאַנדעלט געשמאַק. איינער בייט אַ קרומען

אַלטען טשוואָק אויף אַ מעשענעם קנאָפּ אָהן אַ אויעריל. דער אַנדערער טהוט אַ וויז אַ ניסעל, אַ סווישטש און עס געפינען זיך דערויף צוויי שטאַרקע קונים, מיט שטיקלעך שפּיגעל=גלאָז, פּאַרצעלייענע שערבלעך פולע קעשענעס. יענער מיט אַ גרינער פּאַטשערקע איז פערטיפט אין עסק מיט דעם חבר, וואָס בערימט זיך מיט זיין נאָדעל=טעשיל און אַ צינערן אויער=לעפּעלע. הערשעלע אונזערער איז דאָס געווען דער שאַצער און געהאַפּט פון אויבען פאַר זיין מיה. געוועהנטליך לאָזט זיך דער יריד אויס מיט אַ קריג: קיינער איז נישט צופריעדען, איטליכער טענה'ט, ער האָט זיך מיאוס אָבגענאַרט. עס האַלט שוין ביים פּאַטשען זיך; עפּיס אַ קונדס, מיט אַ פּריש געגוזען גערגעלע טרומייטערט=צו, אַ טאַראַראַם, אַ געפּילדער, ביז דער שמש לויפט אין איין כעס אַרויס מיט אַ היק: שקצים! און חברה צולויפט זיך ווי די מייז, איטליכער אין זיין ווינקעלע.

חנוכה=צייט האָט „עפלאַקערט דאָס געשעפט מיט דריידלעך, פּורים= צייט — מיט מאַטעריאַל אויף המן=קלעפּלעך, שבועות=צייט — מיט אויס= געבלאָזענע אייער, צו מאַכען פייגעלעך. הכלל איטליכער יום=טוב מיט זיין מין סחורה... צייט אויף צו האַנדלען איז, ברוך=השם, געווען גענוג, ווייל דער מלמד פון דער תלמוד=תורה, וואו אונזער הערשעלע האָט געלערענט, איז אַליין געווען שטענדיג פערנומען מיט זעהר פיעל גע= שעפטען, אָהן עין=הרע. ער איז געווען אַ שטיקעל שדכן. פול געווען אויף אַלע חתונות, בריתי'ן און לויות, געווען אַ בעשטענדיגער עדות אויף גט'ן. חוץ דעם האָט ער בעדאַרפט אָבשפּרעכען עין=ה־ע'ס, איבערקוקען מזוזות און פון אַלע מלאָכות זיך אָבריסען צייט דאָנערשטאָג און פרייטאָג מיט אַ פושקעלע אין די הייזער אַרומצוגעהן. נאָר דעם שבת מעג מען איהם נאָכזאָגען, אַז די שעה צייט, וועלכע ער האָט זיך גענומען צום קנעלען, האָט ער געאַרבייט געשמאַק מיט אַלע כלים. די דאָזיגע קורצע צייט איז איהם גאַנץ גענוג געווען אויף איבערצושמייסען אַלע קינדער און ס'איז איהם נאָך איבערגעבליבען עטליכע לעדיגע מינוט צייט אויך אויף צו=שפּאַרען זיך מיט'ן קאָפּ צום טיש, אַביסעל זיך אויסצורוהען, אָדער קראַצען די באָרד, קרעכצען, געניצען וכדומה אַזעלכע מלאָכות. אויף הערשעלען פלעגט ער זאָגען: הערשעלע איז אַ גרויסער קונדעס, אָבער אַ וואויל יונגעל מיט אַ גוט קעפּיל. די מאַמע פלעגט, הערענדיג אַזוינס, זיך דערמאָנען אין איהר חלום, ווי גדליה=הערש, עליו השלום, האָט וויזענדיג אויפ'ן קינד געזאָגט: „ער וועט זיין אַ גוט שטיקעל אַרבייט,

א שאַרפֿע נאָדעל מיט אַ שפּיצעכדיג קעפּיל" און פאַר נחת זיך געשמאָלצט. דער טאַטע־ושע אקעגען, אויסהערענדיג אויף איהם ממירות, ווי ער איז פערשייט, פלעגט מאַכען געוועהנטליך מיט אַ שטעכווערטיל: יענעמס נאָמען מיט יענעמס נאַטור, זגס זאָל פעהלען אַ האָר! יענער, עליו־השלום, האָט זיין גאַנץ לעבען זיך געפּאָרעט מיט לעכער און דער היינט איז אויך פול אין אַלע לעכער. ער פּאָרעט זיך אויך און מאַכט נאָך לעכער... דאָס איז געוועזן אָנצוהערעניש אַ קעגען יענער מעשה, וואָס מיט הערשעלע איז זיך פערלויפען, אַזוי ווי ווייטער וועט שטעהן.

דאָס פערטע קאַפּיטעל.

ויהי היום, און ס'איז געווען אַ מאָל, איז אין קאַבצאַנסק אַ גרויס וואונדער געשעהן. פּלוצים, מען ווייסט נישט, ווי און ווי אַרום, איז פון ערגיץ אַ דאָקטאָר מיט אַ מאָל אָנגעקומען, עפּיס אַזוי ווי פונ'ם הימעל אַראָבגעפאַלען. יודען בכלל, אַז דערהערען נאָר אַ דאָקטאָר, רופט זיך זיי אַלע קראַנקהייטען אָב אין ד'ערפיהלען איטליכער זיינע וועהטאָגען. בימי ירחמיאל הרופא, פאַר אונזער ירחמיאל דעם רופא, וזוגתו יאַחנע הרופאת, און זיין ווייב יאַחנע די רופא'טע, איז אין קאַבצאַנסק שטענדיג געווען מיט חסד. ביי יודען האָבען די קראַנקהייטען געכורטשעט אינוועניג און מען האָט זיך געמאַכט נישט וויסענדיג. דער רופא האָט געטאָן זיינס געגעבען ראַטונקעס: געגאָלט, געשוירען, געשטעלט באַנקעס, פּיאַווקעס, געלאָזט צו דער אָדער, געצאַפּט בלוט פון די מאַנסבילען, און די רופא'טע פון איהר זייט האָט געטאָן איהרס, געצאַפּט בלוט ביי די ווייבער. מען איז פערשלאַפט געוואָרען און געשטאָרבען אָהן חכמות, אָהן גרויסע דולעניש. גאָרנישט, מען האָט זיך פּלוצלים געלעגט און פּלוצלים צוגעמאַכט איין אויג, נישט בעדאַרפען וזקא האָבען דערצו פריהער רעצעפּטען און אַפּטייקען... זיבעציג יאָהר — אַזוי איז שוין אין דער וועלט געשטעלט — קומט דאָך אַ מענשען צו לעבען, דערויף איז דאָך דאָ בפירוש אַ פּסוק אין תהלים, וואָס אַפּיקורסים אפילו קענען עס אויך נישט אָבלייקענען. אַי וואָס, מען שטאַרבט פריהער פאַר דער צייט, דרינען איז נישט שולדיג קיינער, נישט ירחמיאל דער רופא מיט זיין קליפּערגעצייג, נישט יאַחנע די רופא'טע מיט איהר קליפּערגעצייג און אויך נישט דער פּסוק, להבדיל, שולדיג אינגאַנצען זענען די חטאים... די חטאים

אין שטעדטיל. דעם, יענעם האָט זיך פערגלוסט, וואָס מען טהאָר ניעט... און דערויף איז דאָך דאָ אַ רב, זאָל געזונט זיין, מיט אַ קאָמיסיע שענע יודען, די זאַך אָנצושמעקען און אַרויסצופיהרען עס ווי בוימיל אויפ'ן וואַסער. אַזוי האָט זיך עס געפיהרט און פיהרט זיך אויף אַזאַ שמייגער שטענדיג, נאָר מיט דעם דאָקטאָרס ווייז=געבען זיך אין קאַבצאַנסק האָט ווי קרענקען נאָך דעם ערשטען זומער=רעגען, אַרויסגעשפּראָצט מיט אַ מאָל שלאָפקייטען אַלערליי, אָהן אַ צאָהל: ספּאַזמעס, בויבווייטאָג, שטעכעניש אין די קריזשעס, שפּאַרעניש אונטערן לעפּעלע, קוועטשעניש, בייסעניש, מכּות, געשווירען — און אונזער יודישע קראַנקהייט, מעלידען, איז פון דער פערבאָרגעניש אַרויס גאַנץ אָפען, זיך ענטפּלעקט, ווי עס געהער צו זיין, מיט אַלע פּישמישעוקעס... נישט געווען איין יוד אַ גאַנצער, אָהן אַ חסרון. יונג און אַלט זענען צום דאָקטאָר געלאָפען אויסלאַטען און פערריכטען אַ ביסעל דאָס געזונד. קליינע קינדער מיט גרויסע בייכלעך און דינע פיסלעך האָבען מאַמעס אויף די הענד געטראָגען און צו איהם געלאָפען. גאַנץ קאַבצאַנסק, ווי עס וויזט זיך אַרויס, איז איין בקור חולים, אַלע זענען צובראָכען. גאָט דער לעבעדיגער ווייסט, מיט וואָס עס וואָלט זיך אויסגעלאָזט, ווען דער דאָקטאָר זאָל נישט געווען אַזוי פּלוצלים, ווי ער האָט זיך באַוויזען, אַזוי פּלוצלים אויך פערשוואונדען. יודען פערגעסען זיך ווידער די ווערטאָגען, הערען זיך נישט צו, שלעפּען זיך אַרום, כל=זמן עס דינען זיי די פיס, און לעבען, ווי דער שטייגער איז, מיט דעם אומפּעט... ירחמיאל דער רופא קריכט ווידער אַרויס, ווי די לבנה נאָכדעם אַז די זון פערגעהט, אַרבייט אויף אַלע כלים און יודען — שטאַרבען מיט חסד...

הערשעלען אָבער איז דער דאָקטאָר פון'ם זינען נישט אַרויסגעגאַנגען. די גאַנצע מעשה איז איהם זעהר געפעלען. עס גלוסט זיך איהם ווערען אַ דאָקטאָר, איהם נאָכצוטאָן און צו מאַכען, ווי ער, די גאַנצע שפּיעל מיט דער ווייסער חברה. קינדער האָבען, ווי די מאַלפּעס, ליעב נאָכצוטאָן די גרויסע אין אַלע זאַכען. ווי זאָגט מען עפּיס: קינדער קייען, וואָס אַלטע שפּייען. ווייסע חברה קרוינען למזל אונזער הערשעלען פאַר אַ דאָקטאָר און די שפּיעל הויבט זיך אין אַ גוטער שעה אָן. הערשעלע ווערט צוליעב זיך, צוליעב זיין כבוד, אַ גוטער און זאָרגט זיך קלאָמפּערשט פאַר זיינע חברים'ס געזונט, ווינשענדיג דערביי טאַקי פון'ם גאַנצען האַרצען: אַ, קרענקען זאָלען זיי, רבונו של עולם! און בעדאַרפען צו זיין הילף אָנקומען..

פרייטאָג איינמאָל אין דער פריה, אַז דער מאַמע איז מיט בויכווערטאָג אָנגעקומען צו נעהמען אין קליטיל אויף באָרג פעפער, ציטערינג און מגהל אויף שבת, לקח'ענט אונזער הערשעלע שטילערהייט אַראָב צו ביסלעך פון די דאָזיגע זאַכען און אַוועק שאַ, קימש אַהין, אויפ'ן פרייען גראָז, אויפ'ן לעדיגען פלאַץ הינטער דער שטוב. ער זעצט זיך דאָרט נעבען פליט, פאַר איהם שטעהט אַ קליין פּאַפּירען קעסטעלע, וואָס קאָסט איהם דריי קנעפּלעך מיט אַ יערכען בייטעלע אַ צוגאָב דערצו. אין קעסטעלע געפינען זיך עטליכע קליינע פלעשעלעך, פאַר וועלכע אַ חבר זיינער האָט ביי איהם גענומען אַ נוס, אַ צווילינג, וואָס האַלטענדיג איהם אין מויל ביי דעם נוס=שפּילען, איז ער איהם שטאַרק מזל'דיג געווען אויף אָבצודאַצען די קינדער; אויך אַ גרויסען זשוק מיט לאַנגע הערנער, געהאַנגען צוגעבונדען אויף אַ לאַנגער פערדישער סטרונע. און בשעת די מאַמע פּאָרעט זיך אין שטוב דאָרט, ברעכט, נעבעך, זיך דעם קאָפּ, ווי ס'איז פון'ם ביסעל מאַטעריאַלע עפּיס צו מאַכען, פּאָרעט זיך אויך איהר זוהנדיל דאָ מיט דעם אַראָבגעלקח'ענטען פעפער, ציטערינג, מעהל און שאָר ירקות, צו מאַכען דערפון רפואות, וועסערלעך, טראָפּענס אין די פלעשעלעך. פאַרטיג מיט די רפואות, טראַכט ער ביי זיך: אַ צינד וואו נעהמט מען עפּיס אַ קראַנקען, טאַקי מיט אַ גוטער אמת'ר מכה, צו באַווייזען די גרויסע קונץ אין דאָקטאָריע? און ווי ער זיצט זיך אַזוי אין טראַכט, דערזעהט ער פונדערווייטענס, ווי משה=יאָסי, אַ פּאַרוואָהרלאָזטער יתום, אַ נאַקעטער, אַ באָרפיסער, פאָהרט אויף אַ שטעקען רייטענדיג און אַרבייט, נעבעך, פאַר אַלע גאָר אַ שרעק: פאַר דעם פוהרמאַן, אויך פאַר דעם פערדיל און אויך פאַר דעם וואָגען. ער שמייסט דעם שטעקען, אַנטרייבענדיג איהם מיט אַ געשריי: וויאָ, וויאָ! ער הייבט פיסלעך, פוצט אויס דאָס בייכיל, פערוואַרפענדיג אַהינטער דאָס קעפּיל, הירזשעט ווי אַ פערד, שפּרינגט: אָ=האָ=האָ! און לויפט גאַלאָפּ; ער פויקט מיט דער האַנד אויף די אָנגעפּוישטע באַקען. פון דער זייט אַ קלאַפּ, פון יענער זייט אַ קלאַפּ, חריפּעט, סקריפּעט און מאַכט אויף אַלערליי משונה קולות: טראַ=טראַם=טראַראַם! הואַ=חיפ=סיפּ! ווי אַ קלאַפּעריי און אַ סקריפּ פון רעדער. ער יאָגט לעבעדיג, קאַקענדיג=טשאַקענדיג, פייפענדיג גלייך צו הערשעלען און, צוקומענדיג נאָהענט, טהוט ער אַ הירזשע, דערנאָך אַ געשריי: טפּררווא! אויסלאָזענדיג מיט אַ צעהנגאַרענדיגע חחח איפּ=סיפּ און שפּרינגט אַראָב פון'ם שטעקען.

זינט הערשעלע פאַלט אויף אַ המצאה בײַ משה־יאָסי'ס אָנקומען און נישט לאַנג געטראַכט, מאַכט ער צו איהם אויף קונדעס־לשון אזוי:

— סויסע־סאָסי, משה־יאָסי, סו־סילסט, דו־ווילסט, סאָן־סראַנק, זײַן־קראַנק?

— סײַן, נײַן! — ענטפערט משה־יאָסי אָב, אויך אויף דעם אייגענעם לשון טאַקי, סאָל־סאָט, זאָל גאָט, סיטען־היטען.

— זאָג יאָ, נאַרעלע. טאַקי גאָר אָהן קאַטאָוועס. גענוג דײַטש! מאַכט הערשעלע, לאָמיר רעדען פּראָסט יודיש, זאָג־זשע יאָ, נאַרעלע. וואָס קען דיך עס אַרען? דו זײַ קראַנק און איך וועל דיר געבען רפואות... נו דו ווילסט?

— איך וויל, הערשעלע, איך וויל בעסער עסען.

עסען?... עסען, משה־יאָסילע, האָב איך נישט, נאָר צוזאָגען אויף שפּעטער אַמאָל, יאָ, זאָג איך צו. נאַ דיר מײַן האַנד תּקיעת־כּף. נו, וועסט־דו שוין זײַן קראַנק, נאַרעלע?

— איך בין דאָך אָבער געזונט, הערשעלע,

— נישקשה, נאַרעלע, איך וועל דיך מאַכען קראַנק. איך וועל דיר טאָן אַ דראַפּעלע, אַ קלײַן דראַפּעלע אונטען אויפ'ן פּוס. זעהסט־דו, גט מיט דעם משוואַק.

אזוי רעדט הערשעלע אײַן דעם חבר און נעהמט פון דער פּליודערען־קעשענע אַרויס אַ פערזשאַווערטען משוואַק.

— עס וועט דאָך אָבער וועה טאָן, הערשעלע!

— גאָר אַ קלײַן דראַפּעלע, משה־יאָסינאָ, ווי איך בין אַ יוד! עס וועט וועה טאָן אַ ווײַלע און באַלד טאַקי אויפהערען. איך וועל דאָך דיך היילען, איך מײַן דאָך דײַן טובה. וואָס דען? דײַן טובה, נאַרעלע, מײַן אויך דאָך... און דו ווילסט עס נישט פאַרשטעהן.

— גיב־זשע מיר, אויב יאָ אזוי, באַלד טאַקי עסען. אי, בין איך הונגעריג, הערשעלע

— אַ גערעם אַביסעל! מאַכט הערשעלע, אָנברוגז'ענדיג זיך קלאָמפערשט, געה דיר, געה! איך וויל איהם היילען, טאָן אַ טובה, און ער עסען! פרעסען!...

אויף דעם דאָזיגען שמועס־קומען אָן עטליכע ווײַסע חברה־ניקעס, זיי קוועלען גאָר אָן פון הערשעלעס אַפּטייקעל און פון דעם אײַנפאַל זײַנעם. נעהמען זיך שטאַרק צו משה־יאָסין, אײַנצושמועסען איהם מיט גוטע רעד:

— משה־יאָסינאָ, נאַרעלע אײַנער! אַבי מען מאַכט דיך נאָר קראַנק, וועט מען דיר דערנאָך, נישקשה, שוין אונטעררוקען עפּיס קײַען. דו פאַרשטעהסט?...

איטליכער גיט איהם די האַנד תּקיעת־כּף, איבערשלאָגענדיג מיט אַ ציצה. משה־יאָסי קוקט איבער די ציצה, אויב זי איז נישט, חלילה, קײַן פּסול'דיגע, און אַז ער זעהט, זי איז כּשר, די אַלע אַכט פעדים מיט די פיער קניפּלעך זענען ווי געהעריג איז, רופט ער זיך אָן אויפשטעלענדיג אַ פינגער נעבען דער נאָז, מיט אַ התראה:

— געדענקט־זשע, קינדער! אויב נישט, וועט אײַך גאָט שטראָפען. זאָגט אָמן!

משה־יאָסי שטרעקט אויס, אין אַ גוטער שעה, דעם פוס, די יונגלעך האַלטען איהם גוט פון בײדע זײַטען און הערשעלע נעהמט זיך צו דער פּיאַטע זײַנער מיט דעם משוואַק. פריהער מאַכט ער איהם פּאַמעליך אַ קלײַן דראַפּעלע, משה־יאָסי פערבײַסט די ליפּען און שווײַגט; דערנאָך געהט ער איהם אַרײַן אַביסעל טיעפער מיט'ן משוואַק, משה־יאָסי מאַכט: אַי־אַי־אַי! — חברה טרייסט איהם: נישקשה, לאָז זיך, נאַרעלע, לאָז! מען וויל דאָך דיר געבען אַ רפואה... הערשעלע איז נישט פויל און שטופּט דעם משוואַק אַרײַן נאָך ווײַטער, עס רינט בלוט, משה־יאָסי רײַסט זיך פון די יונגלעכס הענד און שרײַט: געוואַלד!

— שאַ, שאַ, סויסע־סאָסי, משה־יאָסי! — נעהמט איהם אונזער הערשעלע אײַן אויף קונדעס־דײַטש מיט אַ פרעהליך האַר'ן. סי־סאַקע, די מכּה דיר, האָב איך שוין געמאַכט. אַצינד בעקומסט־דו פון מיר סרועה, אַ רפואה.

הערשעלע נעהמט אַ פלעשעלע און גיסט זײַנע טראָפּענס אויף משה־יאָסי'ס פרישער וואונד. ער פערקרימט זיך, נעבעך, אַ שרעק, שרײַט: עס ברענט, געוואַלד עס ברענט! נישט מיט זײַן קול.

משה־יאָסי האָט טאַקי געהאַט רעכט, געוואוסט, נעבעך, וואָס ער שרײַט. די טראָפּענס זענען געוועזען צו שטאַרק פעפערדיג און געברענט ווי פײַער דאָס רויע פלײש איהם אין דער בלוטיגער מכּה. ער האָט געצאַפּעלט, געקרעכצט און זיך פערגאַנגען ווײנענדיג פאַר גרויס וועהטאָג.

די קונדסים האָבען געחאַפּט אַ ציטער און זיך צולאָפען. הערשעלע איז אויך אַנטלאָפען אַביסעל אין דער זײַט און זיך געשטעלט קוקען פון דאָרט אויף זײַן חולה. אַ היבשע צײַט האָט ער, נעבעך, זיך געוואַלגערט אויף דער ערד, שרײַענדיג אַלץ אין אײַן קול: עס ברענט, ברענט!

דערנאָך איז ער ווי־ס'איז אויפגעשטאַנען און האָט מיט אַ יאָמער, אַ קלאָג זיך געלאָזט געהן זיין וועג, הינקענדיג שטאַרק אויף דעם רעכטען פוס. געקומען איז ער געזונט און אַוועקגעגאַנגען קראַנק. ער איז געקומען הונגעריג, נאָר לעבעדיג, פרעהליך, הנאה האָבענדיג פון דער ליכטיגער וועלט, פונ'ם שענעם פריהמאָרגען — און האָט, פאַר גרויס גוטסקייט צו איהם, בעקומען אַ מכה!...

משה־יאָסי איז אַוועקגעלעגען אַ היבשע צייט מיט אַ פוס געשוואָלען ווי אַ באַרג און אויסגעקרענקט די טובה הערשעלעס. אַז די דאָזיגע מעשה איז אָנגעקומען צום טאַטען דורך חנה־לעמיל, אַלסדינג מיט איטליכם פיצעלע, האָט ער איהם גוט מכבד געווען, אַז ער זאָל געדענקען און ווי אַ טאַטע דעם זוהן געזאָגט מוסר אַזוי:

— שקאָץ איינער! טובות ווילסט־דו טאָן? מאַך בעסער יענעם נישט קראַנק און פערשפאָר, שקאָץ איינער, דערנאָך איהם צו היילען, צו טאָן איהם טובות. וואַרט נאָר, וואַרט, דו וועסט ביי מיר האָבען טובות! אַ צעהנטען וועסט־דו פאַרזאָגען...

— בין איך דען איינער? — טענה'ט דער זוהן וויינענדיג און וויל די שולד אַרויפלעגען אויך אויף אַנדערע. פאַר וואָס מעגען יענע... יענע?

— שאַ, שקאָץ! טהוט דער טאַטע בייז אַ חיק. יענע זענען אויך אַזוינע שקצים ווי דו. דו הערשט, הערשיל! מען איז מוחל דיר און דיין גלייכע אייערע שענע טובות!...

דאָס פינפטע קאַפיטעל.

אַך, ווען נישט דאָס עסען, ווען נישט דאָס עסען, וואָלט דאָס לעבען אין קאַבצאַנסק פאַר הערשעלען קינדוויז געווען זעהר אַ גליקליכס, ווי אין גן־עדן! צייט אויף צו שטיפען, אַרומצולויפען פריי, האָט ער געהאַט, אַ שענעם נאָמען ביי ווייסע־חברה האָט ער, ברוך השם, געהאַט: עסקים אַלערליי האָט ער, נישט צו פאַרזינדיגען, אויך געהאַט. ער איז געווען אַ גענעראַל, אַ סוחר, אַלסדינג וואָס איהר ווילט און וואָס מאַכט יונגלעך איבער־גליקליך. נאָר איין קליינינקייט — אָט דאָס עסען, וואָס דאָס מענענדיל זיינס פלעגט מאָנען עסען, דאָס האָט איהם נאָר צודרעהט, פאַרשטערט די שמחה. ס'זענען געווען צייטען, ווען ער איז געקומען אַ היים הונגעריג נאָך אַזוי פיעל מיה און אָנשופען זיך, נעבעך געחלשט עסען, חאָטש וואָס־ס'איז, פון יוצא וועגען — און גאָרנישט נישטא קיין לעק! ער פלעגט וויינען, זיך קראַצען, האַלטענדיג ביידע הענטלעך אין די האָר פונ'ם קאָפּ און שרייען, שרייען, ביז ער איז געבליבען ליגען אָהן כחות און אַנשלאָפען געוואָרען. שפעטער איז ער שוין מיט אַזעלכע זאַכען געוועהנט געוואָרען און, אַז ער איז הונגעריג געווען, פלעגט ער מאַכען מיט די ליפען און שווייגען. אַ רבי'ן אויף שווייגען, אויף שטילערהייט לײַדען, האָט ער געהאַט קיילע־ריקלע'ן.

זי איז געווען אַ שלאַפע, בלייך ווי די וואַנד, דער האַלז געשוואָלען, איין אויער פאַרלעגט, פאַרשטעקט מיט וואַטע. זי פלעגט, נעבעך, איבערטראָגען איהר שמערץ, אויך קעלט, הונגער, זיצענדיג אַיינגענורעט אין אַ ווינקעל, ווי אַ שטילע טויב און קוקען מיט אַ פּאָר פערטראַכטע, ליבטע אויגען, שאַ, שטיל, נאָר וואָס זי פלעגט מיט אַ חאָרחלען

שלינגען די סליונקע און דערביי עפּיס משונה זיך קרימען. דאָס איז געווען אַ קרימען־זיך נישט מיט גאַל, מיט בייזקייט אויף די גרויסע יסורים. ניין, דאָס גוטסקייט איז איהר געלעגען אויפ׳ן פּנים. דאָס קרימען־זיך האָט בעטייט נאָר פאַרקעהרט, זי טהוט זיך, נעבעך, אָן אַ כּח, נישט אַרויסצו־ווייזען די וועהטאָגען מיט אַ הויכען זיפץ, ווען עס גיט איהר אינווענינג אַ צופּ, אַ קלעהם. און איטליכער קרים איהרער האָט אויסגעריסען ביי יענעם אַ שטיק האַרץ... אַזאַ רבי קען לעהרנען שׂכל, מאַכען וויך, גוט און פרום אַ סך בעסער ווי אַלע מוסר־ספרים, בעסער ווי יענע נאַרישע חכמים מיט זייערע עסיג־זויערע־לאַקריץ־זיסע שטראָף־רעד. אפילו וואַסקע דער קאָטער (איהר ווייסט דאָך ועמען מען מיינט... יענעם, דאָרט אין קרילאָוו׳ס באַסנע) אַ פרעסער, אַ נאַשער, וואָס די נשמה זיינע ליגט איהם נאָר צווישען די טעפּ, אפילו איהם וואָלט אַזאַ רבי צונומען — הלוואי ער זאָל אַזעלכען נאָר האָבען! — עס וואָלט איהם פערגאַנגען דער חשק צו סמעטענע און שטאַרק צופריעדען געווען האָטש מיט זויערמילך.

זערשעלע איז געווען אַ פערשייט קינד, אַ לעבעדיגס, אַ ריהרעני־דיגס. קוים האָט ער זיך געשטעלט אויף די פיסלעך, אַ בליק געטאָן אויף גאָט׳ס וועלטעלע אַרום איהם, איז דאָס וועלטעלע איהם זעהר שען געפעלען און חשק געהאַט ווי אַ הענעלע צו שפּרינגען, צו לעבען, נאָר דאָס לעבען האָט איהם אָנגעקוקט ווי אַ שטיף־מאַמע מיט אַ בייז פּנים! הרבית, יונגעלע! לאָז זיך אַ קבצן נישט גלוסטען... דאָס בייזע פינסטערע לעבען האָט איהם אָבגעשטעלט באַלד טאַקי ביים צופיהרען זיך די הענטלעך; איהם גענעבען צו פאַרשטעהן דעם טעם פון נויט, פון הונ־גער; איהם איינגעראַמט אַ סוד, ווער, משטיינס־געזאָגט, ער איז, פון וואַנען, משטיינס־געזאָגט, ער שטאַמט, לויטער קבצן, לויטער אומגליק... און איהם געפרעגט די ערשטע קשיא: הערשעלע, וואָס איז מיט דיר אַזוינס די שמחה?

הערשעלע׳ס יוגענד איז פערגאַנגען געשווינד, אָבגעבליהט גיך און ער איז קינדווייז נאָך געוואָרען אַ קליין יודעל: דערשלאָגען, פערטראַכט, מיט אַ פערזאָרגט פּנים און אַלע פּאָסטעמקעס פון אַ גרויסען, בעווייבטען יודען, עס האָט איהם נאָר געפעהלט אַ בערדיל. דער יוד האָט אין זיין ביסעל לעבען אויסצושטעהן אַזוי פיעל מיני צרות און לייד, אַז ס׳בלייבט איהם נישט קיין צייט פאַר דער קינדהייט. זי גיט נאָר אויף אַ ווײלע אַ שיין, ווי די זון אין אַ מיאוס׳ן ווינטער־טאָג, און פאַרגעהט טאַקי באַלד

אין אַ גרויסער לאַנגער, פינסטערער חמאַרע. קוים קריכט דאָס יונגעלע אַרויס פון די וויקעלעך און טהוט זיך אַ שפּיעל, גיט מען איהם אַ חאַפּ צום טייטעל... מען שלעפּט אויף איהם אַרויף דעם יאָך און וויאָ, וויאָ, יודעל! —

אַך, רבונו של עולם, גלוסט זיך עס מיר אַצינד האָטש פון דער־ווייטענס אָנקוקען דעם יודען, וואָס איז אויסגעוואַקסען פון יענעם יודעל, וועלכען מיר איז בעשעהרט געווען צו זעהן אַ מאָל! דענסטמאָל איז ער נאָך נישט אַלט געווען קיין צוויי קיילעכדיגע יאָהר. איך געדענק נאָך ווי היינט זיינע צוויי פּאה׳קעלעך, זיין יאַרמילקעלע, זיין שפּענצעריל און לייבסערדאַקיל. עס שטעהט מיר פאַר די אויגען זיין בלייך, פינסטער פּנימיל, ווי ער האָט זיך ענטפלעקט פלוצלים פון אַ קליין אַלקיריל, צו־שויבערט, אַיינגעטונקט אין פעדערען, פון די קישעלעך, אַ פּנים, אויף וועלכע ער האָט געשלאָפען; ווי ער האָט זיך פאַמעליכען צוגערוקט אין שטוב צו דער מוטער, איהר זיך געזעצט אויפ׳ן שוים, מיט די כּשר׳ע הענטעלעך אַרויסבעקומען איהר פונ׳ם בוזעם די ברוסט, געמאַכט אויף זיין זים לשון אַ ברכה — שהכּל און געזויגען... אָמן! האָב איך גע־ענטפערט מיט כּוונה, בעטראַכטענדיג מיט גרויס נחת דאָס זויגענדיגע קליינע יודעל, אויך די מאַמע, געקוקט און געזאָגט: אשריכם ישראל, אַז וואויל איז אייך, פאָלק ישראל!...

מיט די קונדסים איז זאָנזער הערשעלע טאַקי אַליין געווען חבר, האָט מיט זיי געשטיפּט ווי פריהער, נאָר דאָס איז געווען אַ אַנדער מין שטיפען, שוין ערענסט, מיט בערעכנונג, דערביי נישט אַ ריס צו טאָן די צעריסענע קאַפּאָטע, נישט בלייבען, חלילה, שטעהן מיט אַ הוילען קאָפּ אָהן אַ היטעל, נישט אויסצורייסען איינער ביים אַנדערען אַ האָר פון דער פּאה, און מען האָט אין דעם שפּיעלען־זיך פערלאַנגט, אַליין נאָכצוטאָן די גרויסע; מיט אַ גרויסען צורעדען, מיט אַ גרויסען זיך אַביסעל דורכגעהן, דאָס איז געוועהנטליך ביי קינדערשע קליינע יודלעך אַ כּבוד, זעהר אַ גרויסער. — גרויסע געהען כּסדר נאָך די גראַדען פון אונטען אַרויף: אַ חתן־בּחור, אַ בעל־הביתיל, אַ בעל־הבית, אַ כּלי־קודש, פונ׳ם שמש ביז דעם רב, בעלי־מלאכות זענען צווישען יודען נאָר אַנדערע מיני גרויסע, עפּיס נישט אַהער, נישט אַהין, האָבען געוועהנטליך אומגאַנג מיט יונגלעך, מאַכען זיך עפּטערס נאַריש מיט זיי און האָבען ביי די אמת׳ע גרויסע איין פּנים, ווי זיי, הייסען אויך חברה־לייט, שקצים, יונגאַטשעס ווי זיי.

הערשעלע הייבט אָן צוטרייבן זיך אַרום די גרויסע, צוקוקענדיג זיך צו זייערע גענג און צוהערענדיג זיך צו זייער שמועס. זאָלען צווי יודען זיך שטעלען ערגיץ שמועסען, האַקט נעבען זיי, ווי פון דער ערד, אויס הערשעלע, פערדרייט דאָס קעפּיל אַרויף און האָרכט מיט אַ האַלב אָפען מיילכען. זאָלען גרויסע עט אַזוי־זיך אַביסעל דורכגעהן, שלעפּט זיך זיי הערשעלע פון הינטען נאָך, ווי אַ קיה אַ קעלביל. אַ באָרד איז ביי הערשעלען גאָר קיין קאַטאָוועס נישט, אין אַזעליכער באָרד שטעקט תורה און חכמה, אַ באָרד קען אַלסדינג, ווייס אַלסדינג, וואָס אַ באָרד זאָגט איז תורת לאַקיטען. אַז ער האָט אַ מאָל דערצעהלט יונגלעך עפּיס אַזוינס, וואָס איז אויסגעקומען משונה ווילד, פלעגט ער אויסלאָזען מיט די ווערטער: לאַכט נישט, לאַכט נישט, דאָס האָט געזאָגט אַ יוד מיט אַ באָרד. און אַקעגען אַזאַ ליגען מיט אַ וואָהרצייכען איז שוין נישט געווען, וואָס צו טענה׳ען.

„קינדערווייז, האָט הערשעלע געמיינט, גרויסע זענען עפּיס גאָר אַ מין אַנדער וועלט און קליינע זענען באַר זיך אַ וועלט און די דאָזיגע ביידע וועלטען געהערען זיך איינע מיט דער אַנדערער נישט אָן. נאָר שפּעטער, שפּעטער האָב איך בעשיינפּערליך אַרויסגעזעהען, אַז ס׳איז אַ גראָבער טעות. איין וועלט, כ׳לעבען, מיט איינע הנהגות, איינע חכמות און איינע חפצות, קליין און גרויס, יונג און אַלט, וואָס מאַכט עס אויס? אַלע זענען יודישע קינדער. דער חילוק איז נאָר דאָס: אַ קליין קינד טאָהר נישט און אַ גרויס קינד מעג. וואָס ביי קינדער מיט בערד הייסט אַ חכמה, גוטסקייט און פרומקייט, דאָס איינענע טאַקי ביי קינדער אָהן בערד רופט מען נאַרישקייטען, שקאָצעריי, יונגעלשע זאַכען...“

אונזער הערשעלע איז, ביים ווערען אַ קליין יודעל, געשטאַנען מיט איין פוס צווישען די קליינע און מיט דער אַנדערער צווישען די גרויסע יודישע קינדער. מיט יענעם פוס צווישען די חברים איז ער געשטאַנען פעסט אויף דער ערד. קליינע יונגלעך שפּיעלען זיך פשוט דאָ אויף אונזער עולם, זענען ביים שטיפען מיט דעם גאַנצען קאָפּ אַריינגעטאָן אין אַזעלכע זאַכען, וואָס שטעהען פאַר די אויגען און מען טאַפּט זיי אָן מיט דער האַנד. יענער פוס אָבער, וואָס צווישען די גרויסע, האָט געפיהלט אַ מאָל, ווי עס פערשווינדט אונטער איהם די ערד און בלייבט הענגען עפּיס ווי אין דער לופטען; גרויסע קינדער אַז צושפּילען זיך, פליהען זיי אין הימעל אַריין, פערקריכען שטיפענדיג העט, העט וויט, אַזוי אַז ס׳האַפּט אַוש אָן אַ שווינדעל... שטעהענדיג אַזוי אויף משקולת, האָט

הערשעלע זיך צוגעהערט צו די גרויסע מיט ביידע אויערען. און ווען ער וואָל האָבען אפילו נאָך עטליכע פּאָר אויערען, וואָלט ער אַלע טאַקי געברויכט נאָר דערצו, וויל זאַכען אויף צו הערען איז געווען זעהר פיעל. הערשעלע האָט זיך אָנגעהערט ביי זיי מופתים און וואונדער גאָר אָהן אַ צאָהל — מעשיות פון יענער וועלט, וואָס אין גיהנום און אין גן־עדן טהוט זיך, מיט איטליכס פּיצעלע בעזונדער, גלייך ווי זיי וואָלטען ערשט פון דאָרט געקומען און אַלסדינג געזעהען אַליין מיט אייגענע אויגען; מעשיות פון גלגולים, פון מתים, וואָס געהען אַרום אויפ׳ן עולם־התועה; מעשיות פון די גוטע... און נישט־גוטע; מעשיות פון מלאכים און אליהו הנביא, גאָט׳ס משולחים, וואָס וואַנדערען אויס, וואו די וועלט האָט אַ עק און זענען פול אין איטליכס ווינקעלע. דערביי איז דערצעהלט געוואָרען אַ וואונדער־שענע מעשה, וואָס האָט זיך אַ מאָל, אַ מאָל געטראָפען טאַקי דאָ, אין קאַבצאַנסק, מיט וועלכער עס האָט געקלונגען און עס קלינגט נאָך ביז היום די וועלט. די מעשה איז אַזוי געווען:

דאָס זעקסטע קאַפּיטעל.

בּימי רבי שמעלקע, אין דער צייט ר׳ שמעלקעס, אַ עלטער־זיידע פון אונזער עושר, ר׳ יודעל קאַבּצאַנסקער, האָט זיך איינמאָל אונטער אַ פּורים אין אַ שלעכטער ענגער צייט גאַנץ קאַבּצאַנסק אַוועקגעלאָזט קיין גלופּסק. איבּערגעבּליבּען פון די אַלע מאַנסבּילען איז נאָר ר׳ שמעלקע אַליין. ר׳ יודעלס עלטער־זיידע ר׳ שמעלקע, זכרונו לברכה, אַ גוטער, אַ פרומער, מיט דעם פּינטעלע יוד, פון דעם אַלטענם חסידים, איז געווען, נישט פאַר קיין יודען גערעכט, אַ בּעזידעטניק. די אַלע מיטעל, וואָס ער האָט איבּערגעטאָן צו האָבּען חאָטש איין קינד, אַ קדיש, האָבּען נישט געהאָלפען. ער האָט לסוף אַוועקגעלעגט דעם בּעל־שם, דעם טאַטער מיט דער טאָטערין, להבדיל, און זיך גענומען צו דיענען גאָט. וואָס דיענען הייסט, מיט אַ בּרען, נישט אויסצושפּאַנען זיך אויף אַ רגע פונ׳ם יודישקייט. מילא אַז קאַבּצאַנסק האָט זיך דאָ אַוועקגעלאָזט, איז ר׳ שמעלקע געבּליבּען געפּלעפּט: סטייטש, פּורים וועט ער נישט דאַווענען און לייענען די מגילה מיט אַ מנין יודען! און וועמען וועט ער שיקען „משלוח מנות״? און מיט וועמען וועט ער מאַכען אַ כּוסה, ווי גאָט האָט געבּאָטען? און ווי ער זיצט זיך דאָ אַזוי אין איינע צרות, אסתר־תענית, צווישען טאָג און נאַכט, אָהן אַ קאָפּ, עפּענט זיך פּלוצלים די טיר און עס קומען אַריין ניין פאַרשוינען. דריי גרייז־גרויע אין ראַצעמאָרענע זופּיצעס, איינער עפּיס אין אַ מין חאַלאַט מיט טראָלדען, די בּאָרד צוּ־קאָשמעט און אויפ׳ן קאָפּ אַ הויבּער, שפּיצאַסטער ספּאָדיק. נאָך איינער אין אַ מין סוויטקע, אָדער אַ טשימערקע, מיט אַ לעדערנעם בּייגאַרטעל, דאָס פּנים בּעוואַקסען מיט אַ וואַלד האָר. און נאָך איינער עפּיס אַזוי ווי

פערשלאָפען מיט אַ גראָבּער רויטער נאָז, פול אָנגעזעצט מיט בּלאָטערען, חיימפּערלעך, און האָט נישט געקענט אַיינשטעהן אויף די פיס. די איבּעריגע דריי פאַרשוינען זענען געווען אָנגעטאָן עפּיס טערקיש, פאָרענט בּרוסט־טיכלעך מיט פליטערלעך, הינטען קורצע פאַרטיכלעך, נישט ווי מאַנסבּילען, נישט ווי ווייבּער. בּיים אַריינקומען האָבּען זיי געקושט די מזוזה, מיט אַ געשריי: — אַ גוטען־אָבענט! אַ גוט יום־טוב, רבּי שמעלקע!

ר׳ שמעלקע געהט זיי אַקעגען און גיט איטליכען פון די פאַרשוינען אַ בּרייטען שלום־עליכם, מיט אַ פרעג, ווי דער שטייגער איז, פון וואַנען פאָהרען עס יודען? יענע יודען ווי די טערקען האָט ער אָנגענומען פאַר ירושלמים און דעריבּער האָט ער זיי געמאַכט גאָר אַ גרויסען בּרוך־הבּא, טראַכטענדיג בּיי זיך: וואוילע געסט, כ׳לעבּען! פון זיי וועט מען עס אָנהערען זיך אַביסעל פון דער „מערת המכפּלה״, פון דער מוטער רחל׳ס קבר און אפשר וועט מען בּיי זיי קענען קויפען אַ זעקעלע ארץ־ישראל־ערד, אויף צו בּעשיטען זיך נאָכ׳ן טויט, ווערים זאָלען נישט עסען.

— ר׳ שמעלקע! זאָגט די טשומערקע, די סוחרים מיינע פרעגען, אויבּ ס׳איז מעגליך בּיי אייך צו האַלטען פּורים. זיי וועלען אייך גוט בּעצאָהלען.

— חלילה! ענטפערט ר׳ שמעלקע, געלד — בּשום אופן נישט. זעהר אָנגעלעגטע געסט, כ׳לעבּען! מיין לוין וועט שוין זיין דאָס, וואָס איך וועל מיט אַזעלכע טייערע אורחים אָבּריכטען די סעודה גאַנץ פרעה־ליך, יודישליך. וויין און נאָך אַנדערע משקה: ווישניק, מאַלינניק, האָבּ איך גענוג. פאַר נויט וועט מען קענען נעהמען אַ פאָר פלעשלעך פונ׳ם פּסח׳דיגען. און איהר, ר׳ יוד, טהוט ער אַ זאָג צו דעם אין דער טשומערקע, איהר זייט דאָך אַ בּעל־העגלה און וועט זיך מסתמא פון אַ גוטען טרונק בּריופּאַז נישט אָבּזאָגען. בּראַנפען האָבּ איך נאָר אַיין זנטיק.

— בּראַנפען!... וואָס בּראַנפען?... רופט זיך אָבּ יענער מיט דער רויטער נאָז, אונטערקומענדיג נעהנטער. אויף בּראַנפען בּין איך אַ מבין, איינער טאַקי אין דער וועלט.

— זעהר אָנגעלעגט! דאָס האָבּ איך אין אייער פּנים אַרויסגעזעהען טאַסי בּאַלד, — זאָגט ר׳ שמעלקע צו דער רויטער נאָז. — איהר זייט מיר זעהר קענטליך... זייט איהר נישט יענער בּרענענדיגער חסיד, מיט וועלכען מיר האָבּען אַ מאָל איינאיינעם יום־טוב געהאַלטען בּיים צלטען,

זאָל מאריך ימים זיין? יאָ. איהר זייט אויף בראַנפען אַ מבין, אַ גרויסער
מבין, ווי איך בין אַ יוד!... איהר פאַרשטעהט דאָך מיך, וואָס מיט
דעם וואָרט „מבין" איך מיין. דעם ענין פון בראַנפען, וואוהין דאָס
געהט... דער ברען, וואָס דרינען שטעקט, נישט גלאַט פשוט אַזוי
זיך... דאָס פאַרשטעהען נאָר מיר, אַזעלכע ווי איהר, ברענענדיגע,
פייערדיגע יודען...

ר' שמעלקע האָט געפיהרט זיינע געסט אין שוהל אַריין און מען
האָט דאָרט געדאַווענט מעריב. איינער פון די אַלטעטשקע האָט געלייענט
די מגילה מיט אַ זיס קול, גאָר מחיה. ביים לייענען: ווי המן הרשע איז
דערהויכט געוואָרען, ווי איהם גלוסט זיך דורך פאַלשע מסירות און
בלבולים אויס'הרג'ענען אַלע יודען, איז דער שפּיצאַסטער ספּאָדיק אונטער-
געשפּרונגען און פאַר כּעס געמאַכט אַזאַ קולאַק, אַז ר' שמעלקע איז
פערציטערט געוואָרען. ער האָט אַ חאַפּ געטאָן געשווינד דאָרט אַ שטעקען
פון די לאַנגע חופּה-שטעקענס און דערמיט מיט דעם גאַנצען כּח גע-
שלאָגען המן הרשע איבער די טר'עפּלעך פונ'ם בעל-מימר, איהם דעם
טויט געמאַכט, און אַז צום סוף האָט געהאַלטען אין דער מגילה בי־
המנ'ס מפּלה, האָט דער ספּאָדיק געשיינט, געלויכטען, געשפּרונגען און
געטאַנצט פאַר שמחה. די אַלטעטשקע האָבען זיך אונטערגעהעטשקעט
און געזונגען „שושנת יעקב" מיט אַ זיס ניגונדיל. די נאָז מיט ווייספּערלעך
האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטען און אַ זאָג געטאָן:

— וואָס טויג מיר די מעשיות, איך וואָלט פון אַלע שמחות שוי
געוואָלט דערלעבען נעהמען אַביסעל בראַנפען, טאַקי דאָ באַלד אויפ'ן
אָרט.

דאָ האָט זיך אויך צוהיצט אונזער ר' שמעלקע, איז געשווינד
צוגעלאָפען צום שמש'ס שאַפקעלע, אַרויסגערטאַפּט פון דאָרט אַ פלעשיל
בראַנפען, שליש, מיט עטליכע קעלישקעלעך און געמאַכט מיט די פאַר־
שוינען לחיים. דער שמש אַליין איז דענסטמאָל נישט געווען, וואָרום אין
דעם כּתב מיט איהם איז געשטאַנען בפירוש אַריינגעשריבען אַ פונקט,
אַז חנוכּה און פורים האָט ער, ווי אַנדערע, דאָס רעכט אַרומצוגעהן אין
די הייזער — אין גלופּסק. אויך איז דאָרט געשטאַנען אַ פונקט, אַז נאָר
ער אַליין האָט דאָס רעכט מאַכען אין קלייזעל אַ מין שיינקעל און שיינקען
דאָרט אַ גאַנץ יאָהר בראַנפען. דערביי האַלטען דאָרט אויך צום פערבייסען
רעטשענע קיכלעך, אייער-בייגעל וכדומה אַזעלכע זאַכען, אויף וועלכע מען
מאַכט אַ ברכה בורא מיני מזונות און מען בעדאַרף זיך דערצו נישט וואַשען.

די גאַנצע נאַכט האָט זיך ר' שמעלקע משמח געווען מיט די דריי
פאַרשוינען. אויף מאָרגען אין דער פריה זענען זיי אַלע געגאַנגען אין
וואַסער, נאָר די נאָז האָט נישט געוואָלט געהן.

— ניין, ניין, האָט זי געזאָגט, פע, איך האָב פיינט וואַסער.

— קומט, האָט ר' שמעלקע צו דער נאָז געמאַכט, קומט, ניש־
קשה, אונזער מקוה-וואַסער איז געדיכט, מען קען זי שניידען מיט אַ
מעסער...

בשעת לייענען די מגילה אין דער שוהל האָט דער ספּאָדיק און די
אַלטעטשקע געטאָן דאָס אייגענע, וואָס נעכטען. נאָך דעם דאַווענען האָט
מען זיך געזעצט עסען און טרינקען. נאָך דעם עסען האָט מען זיך גע־
נומען מקיים זיין משלוח מנות, נאָך דעם משלוח מנות האָט מען גע־
מאַכט ברכה און געגעסען המן-קרעפּלעך, המן-טעשלעך, מאָהנדלעך און
געטרונקען ווישניק. נאָך דעם ברכה-מאַכען האָט מען זיך ווייטער געזעצט
עסען און טרינקען, מקיים זיין די סעודה, מען האָט געגעסען, געטרונקען,
מקיים געווען, געשיכּור'ט, אויף וואָס די וועלט שטעהט. די נאָז האָט
געטרונקען מעהר פון איטליכען. איידער איינער האָט אויסגעטרונקען איין
כּוסה, האָט די נאָז אויסגעטרונקען צעהן, געגאָסען ווי אויפ'ן שטיין.
בקיצור, מען האָט אַזוי פיעל מקיים געווען, געטרונקען, געשיכּור'ט, אַז
דער קאַבצאַנסקער עולם איז אויף מאָרגען נאָך שושן-פורים צוריק גע־
קומען פון גלופּסק, האָט מען געטראָפען ר' שמעלקען נאָך טויט-שכּור.
אַז ר' שמעלקע האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז ער געווען ווי אַ דולער פאַר
גרויס וואונדער: די פאַרשוינען זענען עפּיס ווי אויסגעטריקענט געוואָרען,
אין שטוב איז עפּיס אַ איבערקעהרעניש, קיין זאַך נישט אויף זיין אָרט,
וואָס ער זוכט, איז נישטאָ, וואָס ער בעדאַרף, איז ווי אין וואַסער
אַריין, ס'איז איהם אַ גרויס וואונדער, גאָר ניט צום פאַרשטעהן!...

דער אַלטער, זכרונו לברכה, האָט שפּעטער מגלה געווען דעם
סוד זיינע מקורבים, די מקורבים דערנאָך זייערע מקורבים און אַזוי איז
עס געגאַנגען פון איין אויער אין דעם אַנדערען, ביז דאָס איז בעקאַנט
געוואָרען דער גאַנצער וועלט. יענע פאַרשוינען זענען געווען די גוטע
בּנופיאָ, גאָר דאָס גוטע פּעקיל!... די דריי אַלטעטשקע זענען עס געווען
די אָבות; דער חאַלאַט אין הויכען שפּיצאַסטען ספּאָדיק — מרדכי, אָנ־
געטאָן בגדי מלכות; די טשומערקע — אליהו הנביא; די נאָז מיט ווייס־
פּערלעך — דער בעריהמטער שכּור לוט, וואָס שלעפּט זיך נאָך דעם
פּעטער אברהם אבינו; די דריי טערקען מיט פּליטערלעך און פאַר־

מיכלער — מתתיהו כהן גדול מיט צווי קינדער, אָנגעטאָן אין חושן ואפוד. דער עלטער האָט געזאָגט, אַז איידער די גאַנצע קאָמפּאַניע איז געגאַנגען צו ר׳ שמעלקען, האָט זי פריהער זיך געלאָזט מעלדען און בײ איהם גענומען רשות, וואָרום ר׳ שמעלקע איז דאָך זיין חסיד און קאַבּצאַנסק געהער צו איהם. דאָס הייסט, געהערען איינגענטליך געהער זי צו אַ פּריץ, נאָר דעם גראָשען מאַכט ער.... דאָס הייסט, דער פּריץ האַלט די קיה פאַר די הערנער און ער, להבדיל, מעלקט...

ר׳ שמעלקע האָט אָנגעהויבען פון יענעם יאָהר מצליח זיין. סעריל זיין דריט ווייב, נאָך גאָר אַ יונגער, אַ לעבּעדיגס, אַ ברענענדיגס, וואָס ער האָט זי גענומען נאָר פאַר אַ בעל-הבית׳טע און שטוב אַריין, האָט טאַקי אין ניין חדשים אַרום נאָך דער מעשה, וואָס איז געשעהען, געהאַט חנוכה-צייט אַ יונגעל. דאָס איז ר׳ מרדכילע-מתתיהו (אַזוי האָט דער אַלטער געהייסען איהם אַ נאָמען געבּען נאָך מרדכי הצדיק און מתתיהו החשמונאי). פון דעם ר׳ מרדכילע-מתתיהו איז אַרויסגעקומען ר׳ יעקב-אליה, היינטיגען ר׳ יודעל קאַבּצאַנסקערס אַ פאָטער.

קאַבּצאַנסק נעהמט זיך שטאַרק איבּער מיט דער דאָזיגער מעשה. סטייטש דאָרט בײ איהר זענען געווען אַזעלכע פאַרשוינען! ווער שמועסט ר׳ יודעל, דער איז גאָר בײ זיך פאַרריסען, שטאָלץ ווי אַ רוח. אַ קאַטאָוועס עפּיס, זיין ווידע האָט אויסגעטרונקען אַ קעלער וויין, געשיכּור׳ט מיט לוט׳ן... און טהוט דערפאַר גרויסע שידוכים.

אַז הערשעלע האָט דערנאָך די דאָזיגע מעשה איבּערגעדערצעהלט די יונגלעך, איז זי איטליכען שטאַרק געפעלען. עטליכע יונגלעך האָבּען נאָך עדות געזאָגט און זיך געשוואוירען, ווי זיי זענען יודישע קינדער, זיי זאָלען אַזוי הערען שופר של משיח, ווי זיי האָבּען עס אַליין מיט זייערע אויערען געהערט פון זייערע טאַטעס דערצעהלען — און אַלע האָבּען געגלויבּט, אַז דאָס איז אמת. צווי יונגלעך האָבּען זיך געשפּאַרט איבּער לוט׳ס נאָז, איינער שרייט, ניין! אַזוי האָט מיין טאַטע געזאָגט: רויט, אָהן ווימפּערלעך. און דער אַנדערער שרייט אַקעגען: ניין, ניין, מיט ווימפּערלעך! מיין טאַטע ווייסט בעסער, ער זאָגט — מיט ווימפּערלעך! עס ווערט אַ קריעג איבּער די טאַטעס, וועמעס טאַטע ווייסט בעסער, איינער דעם אַנדערען ניט און טאַטען אַריין. יונגלעך מישען זיך אַריין, עס ווערט אַ געשריי: ווימפּערלעך, נישט ווימפּערלעך! גלייך ווי עס וואָלט זיך געהאַנדעלט איבּער זעהר אַ וויכטיגע זאַך, שטאַרק נוגע אין לעבּען אַריין, אַזוי וויכטיג, אַ שטייגער, ווי יענע זאַכען, איבּער וועלכע

ערע געלעהרענטע האַמפּערען זיך אַ מאָל אין זייערע ספרים... מען האַט זיך צוליעב דער נאָז אָן פאַר די נעז, מען גיט זיך צוליעב די טאַטעס אין טאַטען אַריין. הערשעלע איז אויך טרוקען נישט אַרויס און געלייזט אַ דראַפּ אויף דער נאָז צוליעב דעם כבוד פון זיין טאַטען, פאַר וועלכען ער האָט זיך מוסר נפש געווען... בײ דעם טאַטען אָבּער איז דאָס נישט אָנגעלעגט געווען און ער האָט דעם געטרייען זוהן פאַר דעם דראַפּ אויף קידוש השם גוט טאַקי אויסגעשמיצט אַזוי:

— פע, דיינע מיאוסע געננג!... אַל׳ץ דיינע מעשיות, דיינע נאַרישע, יונגעלשע מעשיות!..

דאָס זיבעטע קאַפּיטעל.

דער דלות האָט אין קאַבּצאַנסק געטוּישטשעט גאָר אַ טרעק און די יודישע קינדער דאָרט זענען געזעסען מיט פאַרלעגטע הענד, גאָרנישט צו טאָן — און גאָרנישט טאַקי צו קענען, נעבעך, טאָן — ווי דעם דלות אַרויסצוטרייבּען. מען פלעגט, צוגויפּקומענדיג זיך אינאייִנעם, אין בית-מדרש אונטער'ן אויווען, נאָר אַלץ אָכצען און קרעכצען: נישט די וועלט, וואָס אַ מאָל, נישט דאָס, וואָס פאַרצייטען!... אַ מאָל איז געווען טע-טע-טע! און היינט — עט... וואָס אַ מאָל איז געווען אַזוי, איז היינט גאָר אַזוי... דאָס אייגענע, דאַכט זיך אין פּלוג, און פאָרט אַ גרויסע נפקא-מינה. פאַרצייטענס זענען מענשען געווען מענשען, יודען — יודען און געשעפטען — געשעפטען... און היינט, משטיינס-געזאָגט, וואָס?... בּיים אויסלאָזען דעם „וואָס?" האָט מען געוועהנטליך געקוקט אייִנער דעם אַנדערען אין די אויגען אַריין, שווייגענדיג שטיל, און געוואַרט הערען אַ תירוץ אויף דער קשיא „וואָס"? — אייִנער האָט געקראַצט, געריבּען דעם שטערען, געטראַכט און האָט דערנאָך געעפענט דאָס מויל און — אַ געניץ געטאָן. דער אַנדערער האָט, אָננעהמענדיג זיך בּיים בּערדיל מיט אַ צוגעמאַכט אויגעל, אַ מאַך געגעבּען מיט דער-האַנד און עפּיס ווי פאַר זיך געבּעבּעקעט: עט... וויים-איך!... יענער האָט, אויפהייבּענדיג זיך פונ'ם אָרט, אָנגעשפּאַרט בּיידע הענט מיט אויסגעשפּרייטע פינגער אויפ'ן שטענדער, זיך צושאָקעלט און געמאַכט: איך וועל אייך דערצעהלען, הערט איהר, היינט איז טאַקי נאָר, פאַרשטעהט איהר מיך. משיח-צייט. — מיט דעם ענטפער זענען געוועהנטליך אַלע צופריעדען געווען. איטליכען צופלאַקערען זיך דערבּיי די אויגען און מען טהוט זיך

אַ נעהם צום שמיעס וועגען דעם דאָזיגען ענין, אָנגעהויבּען האָט זיך עס שטענדיג דערמיט, אַז דאָס היינטיגע זעקס-טויזענדיגע יאָהר איז גאַנץ פּריטאָג, נאָך דעם חשבּון איז אַצינד ערב שבת נאָך האַלבּען טאָג און שוין דאָ אַלע סימנים, אַז משיח געהט, משיח וועט בּאַלד קומען: די טויערען פון פּרנסה זענען צוגעשלאָסען, אין קעשענע נישטאָ קיין פּרוטה; ארץ-פּיאַסקע עזות פּנימער זענען היינט צווישען יודען שרעקליך פיעל; יונגלעך האַלטען זיך פאַר גרויסע לייט, פּריצים; אַ דיק. זאַט בּייכיל מיינט, אַז אַלע חכמות — אַ כּפּרה פאַר זיינם אַ בּויך-סברא... צרות און גזרות קומען מיט איטליכען טאָג און עס שמעקט שוין מיט דער מלחמה פון גוג-מגוג. איבּער גוג-מגוג לעגט מען אַנידער אַ בּרייטען שמיעס, עס פאַלען איבּער איהם אַלערליי דעות. אייִנער טהוט אַ נעהם דעם בּעקאַנטען ספר „אבקת רוכל", טיטשעט מיט דעם פינגער און לייענט הויך פאַר אַלע דעם זיבּעטען צייכען דאָרט, אַזוי:

„האות השביעי, דער זיבּעטער צייכען, הקדוש-בּרוך-הוא וועט דער וועלט אַ מופת. מען זאָגט, אין רוים איז דאָ אַ מירמעלשטיין, וואָס זעהט אויס ווי אַ בּילד-שענע נקבה, אַ מכוערת, און דאָס איז גאָטס אַרבּייט, ער אַליין האָט זי אַזוי בּעשאַפען. קומען די רשעים צו דער מירמעלשטיינענער יפהפה, ומחממין אותה ושוכבים אצלה, און מאַכען מיט איהר קוצעניו-מוצעניו. זי ווערט מעוברת, והיא מתבקעת, און סעקט אַ קינד מיט דעם נאָמען אַרמילו"ס דער שטן, וועלכען די אומות רופען אַנטיקריי"שטו. ער איז אומגעלומפּערט גרויס: צוועלף איילען לאַנג און צוועלף איילען בּרייט. די אויגען רויט, האָר — גאָלד געפאַרבּט מיט גרינע פּיאַטעס און צוויי האַלז-און-נאַקענס. דער דאָזיגער מין פאַרשוין גיט זיך עס אויס דער וועלט פאַר משיח'ן, געהט און נעהמט איין מדינות. בּאותה שעה, דענסטמאָל יקום נחמיה בּן-חושיאל, שטעלט זיך איהם אַקעגען נחמיה דער זוהן פון חושיאל (דאָס איז משיח בּן יוסף!) מיט דרייסיג טויזענד גבּורים פונ'ם שבט אפרים און אין דער דאָזיגער מלחמה ווערט נחמיה בּן-חושיאל דערהרג'עט, און אַזוי געהט שלים-שלימזל בּיז דעם אַכטען צייכען. — האות השמיני יעמוד מיכאל, וועט אויפשטעהן דער מלאך מיכאל און בּלאָזען שופר, דריי תקיעות. בּיי דער ערשטער תקיעה ווייזט זיך משיח בּן-דוד מיט אליהו-הנביא, פאַרנעהמט די צדיקים און נאָך יודען צונויפגעלאָפענע, וואָס בּלאָנקען זיך אַרום אין דער מדבּר און פיהרט זיי קיין ירושלים. נאָט רעגענט

מיט פייער און שוועבעל און האָגעל און דערהרג׳עט ארמילו״ס הרשע בײַ דער צווייטער תקיעה, אין דעם נײַנטען צייכען, שטעהען די טויטע אויף לעבעדיג פון די קברים. משיח בן־דוד לאָזט זיך אוועק צונויפנעהמען די איבעריגע יודען אין אַלע עקען וועלט. פריצים טראָגען די יודעלעך אויף די פלייצעס און ברענגען זיי אַ מתנה צו גאָט, קיין ארץ־ישראל... בײַ דער דריטער תקיעה, אין דעם צעהנטען צייכען, ענטפּלעקען זיך די עשרת השבטים מיט די בני משה, רויטע יודעלעך, גאָר אָהן אַ צאָהל. יודעלעך לעבען, זיצען זיך אין הויכע ספּאָדקעס אויף די קעפּ מיט פאַרלעגטע הענד, קוקען און האָבען הנאָה פון דער לויטערער שכינה...״

קאַבצאַנסקער יודען שמעלצען זיך, הערענדיג נעבען אויוועץ, עס צושפּיעלען זיך זיי די נעבליטען, ווערען בײַ זיך שטאַרק, זענען גרייט צו נעהמען פיילענבויגענס און לויפען אין דער מלחמה... מען פאַרגעסט אויך נישט די גרויסע סעודה פונ׳ם לויתן און דעם שור הבר מיט דעם יין המשומר. רבה בר בר חנאָ׳ס פּעטע גענזלעך, פון וועלכע עס רינט שמאַלץ, ווערען אויפגעגעבען צום בריליאַנטענעם טיש אויף גין־גאָלדענע פּאָלימעשקעס. צדיקים עסען, טרינקען און לעקען די פינגער. — מיינע הונגעריגע קאַבצאַנסקער יודען בעלעקען זיך, עס געהט זיי איבער די סמאַהע, מען הערט, ווי עס בורטשעט זיי אינווענינג אין בויך און זיי קו־צען, קראַצען זיך, נעבעך... מען לעגט אוועק פאַר צרות דעם לויתן און מען נעהמט זיך לעת־עתה צו דער פּאָליטיקע, צו דעם גאַנצען ענין פון טכסיסי מלחמה, אין וועלכען זיי האַלטען זיך פאַר גרויסע בריות און טהוען דרינען אויף פשט׳לעך גאַנץ שכל־דיג. די גאַנצע לאַנד־קאַרטע איז בײַ זיי אויסגעמאָלט אויף דער האַנד. און בשעת בעריל מיט זײַן קאָמפּאַניע שטעלען אויס אויף דער דאָלאָניע קירה׳ס חיל, אויף די פינגער דעם תוגרם, צווישען זיי בײדע, אויף דעם קוה חיים, אַ ים, אָדער דעם פּרית און עס קעהרט זיך אַ וועלט, איז לייזער מיט זײַן קאָמפּאַניע שטאַרק בעשעפטיגט מיט די שרים זייערע דאָרט, אין הימעל, אויסווייזענדיג בפירוש פון רש״י, אַז קיינער פון די מלכיות האָט נישט די מפּלה דאָ אונטען, ביז עס פאַלט נישט דער שר זײַנער דאָרט אויבען. בעריל וויל שוין צומאַכען די פינגער אַזוי, אַז דער תוגר זאָל אומקומען, אַרײַנפאַלען אין ים.

— ניין, בערעלע! שרייט איהם לייזער, אומזיסט דײַן מיה, דו עם־הארץ איינער! פאַלען מוז גאָר דער שר של אדום, אַזוי, גראָבער

יונג, שטעהט געשריבען. אַז מען ווייסט נישט, בעדאַרף מען שווייגען און זיך נישט מישען...

בערעלען פאַרדריסט עס זעהר שטאַרק און וואָס לייזער זאָל פון אַצינד אָן נישט עפּיס זאָגען, שרייט ער, איהם אויף צו להכעיס, אַלץ פאַרקעהרט. למשל, ווען די צייט איז געקומען איבערצוצעהלען די קאַסע פון געוויסע נגידים און לייזער האָט זיך גענומען געשמאַק צום עסק, האָט געשאַצט על פּי יושר ר׳ איצע גלופּסקערס פאַרמעגען אין צוויי מיליאָן און ר׳ קלמן׳ס פאַרמעגען גאָר אין אָנדערטהאַלבען מיליאָן קערבלעך, איז בערלען אויסגעקומען צו שאַצען דוקא פאַרקעהרט, נישט אַזוי וועלען טרעפען דערמיט ר׳ קלמנ׳ען, ווי לייזערן, און דערפון איז אַ מאָל ארויס מיאוסע זאַכען. אַ טייל האָבען געהאַלטען מיט לייזער׳ן, אַ טייל מיט בערלען. מען האָט זיך געדונגען, געהאַמפּערט, געווערטעלט: וואָס איז, עפּיס געלט־שמעלט?! ישרנים פלעגען זיך אַרײַנלעגען אין שלום אַרײַן: פאָלגט אונז, גיט נאָך בערלען אויף ר׳ קלמנ׳ען, וועט ער אײַך נאָכגעבען אויף ר׳ איצען.

— מה רעש? האָט איינער געמאַכט אַ פּשרה: ר׳ איצע האָט אַ מיליאָן זיבען הונדערט־פופציג־טויזענט און ר׳ קלמן אויך אַזוי פיעל, אַ מיליאָן זיבען הונדערט־פופציג־טויזענט קערבלעך. מיר דאַכט זיך, ס׳איז גאַנץ אָרענטליך, בײדע צדדים קענען צופריעדען זײַן. לייזער און בעריל בעדאַרפען שטעלען משקה, עס קומט פון זיי בראַנפען.

— קוילעט אונז דאָ פאַר אַ גראָשען, שרייט לייזער מיט בערלען אין איין אָטעם, מיר האָבען אָסור נישט קיין פּרוטה.

— עט, האָט מען געענטפערט, נישקשה, דער שמש וועט באָרגען, גיט איהם נאָר אַ משכון...

אַז ס׳פלעגט קומען צו רעד פון ר׳ יודעל קאַבצאַנסקער, האָט איטליכער געמאַכט אַ מינע מיט אַ ערענסט פּנים. אַלע האָבען געזאָגט פּה אחד, ער איז נישט אַזוי רייך, ווי אָהן עין־הרע אַ מוצלח. נאָר פאַר וואָס איז ער נישט אַזוי רייך, ווי אַ מוצלח? אָט דרינען האָבען זיך געטיילט די מיינונגען. אַ טייל האָבען געזאָגט, אַז אליהו הנביא האָט דענסטמאָל, דענסטמאָל געשיקט דעם זיידען ר׳ שמעלקען משלוח־מנות אַ יערכען ביטעלע מיט אַ פעניגיל, פון דעם ביטעלע לאָזט זיך קיינמאָל נישט אויס, און איהם איז שטענדיג דאָ נאָר אַזוי פיעל געלד, וויפיעל עס קען אַרײַן, נישט מעהר, נישט וועניגער. ווידער אַ טייל האָבען געזאָגט:

— ניין, אליהו הנביא האָט געשיקט משלוח מנות ר׳ שמעלקען נאָר אַ ווינשפינגערל מיט דעם שם המפורש. ער האָט אָבער אָנגעזאָגט, ער זאָל ווינשען נאָר אַזוי פיעל צו האָבען, וויפיעל ער בעדאַרף.

— עט! האָבען יענע מיט אַ קנייטשעל געמאַכט, עט און נאָך אַ מאָל טאַקי עט!... ווען אפילו אַזוי — וואָלט דאָך ר׳ שמעלקע ביים ווינשעניש מיט דעם ווינשפינגערל, אַז עס האַלט שוין ביים ווינשען, געקענט ווינשען, אליהו הנביא זאָל איהם ווינשען, אַז ער זאָל מעגען ווינשען, וויפיעל ער ווינשט זיך צו־ווינשען!... אוי, אוי, מיר זאָלען עס נאָר האָבען ווינשפינגערלעך, חייסען מיר שוין, וואָס עס וואָלט געווען!...

— אַח־ח־חאַ! — האָט מען געקרעכצט, שלעכט אַרום און אַרום. אין מיטעל טאַקי נאָר אַ ווינשפינגערל. וואָס זאָלען מיר טאָן? אויס פּרנסות. חאָטש צערייס זיך, שונאי ציון, ווערט דיר גאָר נישט העלפען... היינטיגע צייטען צו לעבען, ווי־ס׳איז צו דערהאַלטען די נשמה בעדאַרף מען האָבען ריינע נסים...

דאס אכטע קאפיטעל.

אונזער הערשעלע, וואָס האָט שוין געוואוסט, נעבעך, דעם טעם פון נויט, וואָס דאָס יונגע בלוט זיינס איז נאָך געווען זודיג־הייס, וואָס די דערקוועטשטע נשמה זיינע, אַזוי פריה פאַר דער צייט, האָט זיך, ווי אַ געפאַנגען פייגעלע אין דעם שטייגיל, געשלאָגען, נעבעך, אַרויסרייסען זיך פון דער קלעהם אין דער פרייער וועלט—ער, הערשעלע, האָט זיך אָנגעחאַפּט אין דער ווינשפינגערל מיט אַלע זיינע געדאַנקען און עס גענומען אויף זיינע כּלים. כ׳לעבען, רבונו של עולם, האָט ער ביי זיך געטראַכט, פאַר וואָס זאָלען טאַקי, גאָר אָהן קאַטאָוועס, יודען, נעבעך, נישט האָבען אַזעלכע מיני ווינשפינגערלעך? פאַר וואָס אַ מאָל, אַז ס׳איז געווען דיין גוטער ווילען, האָסט־דו דיינע קינדער ישראל געגעבען מן אין דער מדבר, פייגעלעך, טויבען זענען געפלויגען אין מויל אַריין און פון אַ שטיין האָט זיי געפליצט וואַסער צו טרינקען! לאָז זיך דאַכטען, אַז היינט זענען יודען אויך אין דער מדבר צווישען שלאַנגען, עקדישען און דעם פיפערנאָטער. — אַך, ווי שען זיין קינדערשער שכל האָט איהם אויסגעמאָלט אַזאַ פינגערל, וואָס אַז מען זאָגט: פינגערל, פינגערל! איך ווינש דאָס, איך ווינש יענס, האָט מען דאָס, וועלכעס מען ווינשט, גאָר אָהן מיה, אָהן קאָפּדאַרעניש. אַ תענוג, כ׳לעבען! אין מעשה־ביכלעך האָט ער בעגעגענט זעהר פיעל וואונדערליכע זאכען, וואָס זענען געשעהען אויף דער וועלט דורך צויבער, דורך שמות און ווינשפינגערלעך. ער האָט געלייענט, אַ־שטייגער, װי איינער איז אַ מאָל געפלויגען רייטענדיג אויף אַ רוח איבער טאָלען און איבער בערג, איבער וועלדער, איבער פעלדער ביז ער איז געקומען ערגיץ אויף אַ קעמפּע. אויף דער קעמפּע שטעהט

א בריליאַנטענער שלאָס, א פּאַלאַץ מיט הונדערטער חדרים. אַריינקומענדיג אין פּאַלאַץ, זעהט ער: גילדענע טישען זענען געגרייט מיט די טייערסטע קרעדענצען און מען זעהט נישט קיין לעבעדיגע מענשען. נעהמט דער בחור אַרויס זיין ווינשפינגערל און מאַכט: פינגערל, פינגערל! איך וויל עסען, איך וויל טרינקען. דאָס וויל איך, יענס וויל איך, וויל, וויל און וויל. — קומען עס אַריין באַלד פּרינצעסינס, בת-מלכות, איינע פון דער אַנדערער שענער, גאָר מחיה, איינגעטונקט אין פּעריל, אין דימאַנטען, אין גאָלד, אין זילבער און טהוען זיך א נעהם צום בחור. עס טהוט פּלוצלים א זעץ א שאַרפע קאַפּעליע, מען פיהרט דעם בחור לעבעדיג מיט א מאַרש אין א מירמעל-שטיינענער באָד. וואו ער גלייכט זיך אויס די ביינער. דערנאָך הויבט זיך אָן א מאָהלצייט מיט גילדענע יויך, מיט דעם טייערסטען ראָזינקעס-וויין. טיינער איז נישט פויל, עסט טרינקט, טהוט זיך וואויל. אַזוי געהט עס ווייטער, ווייטער און ווייטער... דאָס ווינשפינגערל איז איהם ווי א טשוואַק געזעסען שטייף אין קאָפּ, שטענדיג וועגען דעם אַלץ געטראַכט, און ז״ז איהם אין שלאָף אפילו פונ'ם זינען נישט אַרויס.

דאָס וואָס א ווינשפינגערל איז דאָ, ג״ז דאָך א געוויסע זאַך, און ער האָט דרינען הייליג געגלויבט, וואָרום אַזוינס האָט ער דאָך געהערט אויך פון זיין טאַטען. א טאַטע ווייסט... סטייטש, פון וואַנען האָט ער דען געהערט יענע אַלע מעשיות פון יענער וועלט, פון אַלסדינג, וואָס קאָכט זיך אין גיהנום, אין גן-עדן, פון מלאכים, בעלי-שמות, מכשפים, שדים און רוחות, ווען נישט טאַקי פונ'ם טאַטען. היינט ווען ער זאָל נישט געווען גלויבען אין „גרונט" אַריין, אין דעם אני מאמין, אַז א טאַטע ווייסט", וואָס-זשע וואָלט געוואָרען, חלילה, פון זיין ביסעל יודישקייט??...

כל-זמן הערשעלע איז נאָך געווען א יונגעל, פלעגט ער אַלץ טראַכטען, אַז ווען ער זאָל נאָר האָבען א ווינשפינגערל, וואָלט ער זיך געוואונשען א וואַרעמע, פרישע בולקע מיט א ראָסעלפלייש און א פעטען קוגעל נאָר אין מיטען דער וואָך, ווייל דענסטמאָל פלעגט עס זעהר אָפט ליידען הונגער, ניט פאַר יודען געדאַכט, און קיין בעסערס פון אַזעלכע מאכלים איז דאָך אויף דער גאַנצער וועלט מעהר שוין נישטאָ. אויך וואָלט ער געוואונשען, אַז אַלע מלמדים און חדרים זאָלען, אינאיינעם מיט די סידורים טאַקי, פערשוואונדען ווערען מיט דעם רויך, ער זאָל פון זיי טאַקי, רבונו של עולם, קיין זכר נישט בלייבען, ווייל אָנקוקען האָט ער נישט געקענט דעם חדר און דעם מלמד זיינעם, דעם רוצח. פון דער

מוזיקע וואָלט ער זיך געוואונשען א גוטען שופר-בלאָזער און א קאַטערינשטשיק, וואָרום קיין אַנדערע מוזיקע, חוץ א שופר א גאַנץ חודש אלול און א קאַטערינקע, דאָס איז אויף עטליכע טעג פערוואָרפען געוואָרען א מאָל אין זיין שטעדטיל, האָט ער נישט געהערט. — שפּעטער, אַז ער איז עלטער געוואָרען און אָנגעהויבען צו פיהלען אַנדערע מיני בעדערפענישען, האָט ער אויך געהאַט אַנדערע מיני ווינשעניש. דענסטמאָל וואָלט ער זיך געוואונשען א בת-מלכה, א פּרינצעסין, א שטוב מיט א בעל הבית'ישקייט, עטליכע ציגען מיט א צוויי-דריי בהמות.

די בת-מלכה האָט אונזער הערשעלען זיך דענסטמאָל געמאָלט אין דער געשטאַלט פון ביילען, א יאָדערדיג מיידעל, א דיקס, קורץ געוואַקסען מיט רויטע פולע באַקען, א פעררייסען נעזיל און שוואַרצליכע-ברענענדיגע אויגען.

איהר טאַטע בן-ציון צביה'ס — א גלעזער און דערביי טאַקי שוין אויך א שטיקעל אַרכיטעקטער, נישט אַזאַ מייסטער מיט דער האַק, ווי א מבין — האָט געהאַט זיין אייגענע שטוב, די דריטע פון הערשעלעס טאַטענס הויז, און ווי דער שטייגער איז יודישע שטעדטלעך, איז א נאָהענטער שכן א אייגענער מענש, געהער צו דער משפחה און מאַכט אויס מעהר ווי א לייבליכער קרוב אין די גרויסע שטעדט. קליינשטעדטילדיגע שכנים וויסען איינער ביים אַנדערען א מינדסטע זאַך, וואָס מען רעדט, וואָס מען קאָכט וואַרמעס, איטליכס פיצעלע, וואָס טהוט זיך אין שטוב. איינער דעם אַנדערען קוקט-נאָך, צאַטעוועט ווי א שפּיאָן. מען קריגט זיך, זידעלט זיך און מען בעט זיך איבער, ווידער אויף דאָס-ניי צוקריגען זיך. שכנות קריכען איינע צו דער אַנדערער נאָך א קויל פייער, לייען א האַקמעסער, א ריבאייזען, א כשר-שטיין, א פאַרעווען טאָפּ, א ווייקשעפּיל און א איי אויף חלה-שמירען, האַלטען זיך א עצה, אויף וויפיעל אייגלעך אָנצוהויבען די פּיאַטע, ווען אָבצולאָזען און פערשליסען דעם זאָק, פאַרהערען זיך אין איינגעמאַכטס-פּרעגלען פון אַגרעסען, און אויספּלעכטען דעם פּורים-קוילעטש און אָבצוויקלען די קישעלעך. טראָגען איינע צו די אַנדערע ווייזען אויף חידושים דעם המנטאַש אויף פּורים, דעם קניש און דעם פיינקוכען אויף שבועות; איינע ווינשט דער אַנדערער: דערלעבט איבער א יאָהר אין פיעל גוטס מיט דעם מאַן און די קינדער! טראַכטענדיג א מאָל אין האַרצען: פּוקע זיך, שלימזלניצע, נעהמען זאָל דיך דער רוח!... הערשעלעס מאַמע און ביילעס האָבען געלעבט צווישען זיך ווי נאָהענטע שכנים, און הערשעלע אַליין איז קינדוויז שטאַרק חבר געווען מיט ביילע'ן; פלעגען לויפען, שפּילען זיך אין זשמורקעס מיט נאָך חברים און חבר'שעס,

טאַנצען, שפּרינגען באַרפוסערהייט נאָך אַ רעגען אין די קאַליושעס און זינגען ביידע, האַלטענדיג זיך ביי די הענטלעך, דאָס באַקאַנטע לידעל.

„אַ זון מיט אַ רעגען,
די כלה איז געלעגען.
וואָס האָט זי געהאַט?
אַ יונגעלע.
ווי אַזוי האָט עס געהייסען?
משה׳לע.
וואו האָט מען עס געוויגט?
אין אַ וויגעלע.
וואו האָט מען עס באַגראָבען?
אין אַ גריבעלע״.

ביילע פלעגט אַ מאָל אין שפּאַס אַנשטאָט משה׳לע זאָגען: „הערשעלע״, און הערשעלע פון זיין זייט האָט אַנשטאָט „די כלה״ געזאָגט אויף קאַטאָוועס: „ביילעניו״... ביילע פלעגט קענען דערצעהלען מעשיות פון גזלנים, מכשפים, מכשפה׳טעס און פון אַ רב מיט אַ רביצין. הערשעלע פלעגט אויסהערען איהרע מעשיות, קוקענדיג איהר אין מויל אַריין מיט גרויס פערגניגען און גאָרנישט. — ביילע איז פאַר איהם געווען דאָס אייגענע וואָס פּייטיל, מאָטיל און נאָך אַנדערע חברים. נאָר שפּעטער אַ ביסעל, אַז הערשעלע איז שוין אַ גמרא־יונגעל, הויבט ער פלוצלים, פון דער העלער הויט, אָן פאַר איהר זיך צו שעהמען, אַליין נישט רעכט צו וויסען פאַר וואָס, פאַר ווען? גאָרנישט, גלאַט אַזוי, ער שעהמט זיך... ער האָט צוגלייכער צייט זיך געשעהמט, אויך טאַקי שטאַרק חשק געהאַט צו איהר, חאָטש פונדערווייטענס אָנצוקוקען זי. און ווען ס׳איז אַמאָל אויסגעקומען צונויפקומען זיך מיט איהר אינאיינעם, פלעגט ער רויט ווערען און אַראָבלאָזען די אויגען. זי האָט אויף איהם קוקענדיג אויך אָנגעהויבען זיך צו שעהמען און ביידע האָבען געזוכט איינער דעם אַנדערען ווי מעגליך אויסצומיידען. נאָר וואָס מעהר ער האָט זי אויסגעמידען, האָט איהם אַלץ מעהר דאָס האַרץ געצויגען צו איהר געזיכט. איהר קול האָט איהם ליעבליך געקלונגען אין די אויערען. איהרס אַ וואָרט פונדערווייטענס איז איהם זיך צוגאַנגען אין אַלע אברים. קיין בעסערע, קיין שענערע פון איהר, האָט זיך איהם געדאַכט, איז אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ. ער האָט שוין געוואוסט דענסטמאָל פונ׳ם לערנען, אַז קוקען אויף אַ אשה און טראַכטען פון איהר, איז אַ גרויסע עבירה. נאָר וויל ער האָט עס גע־

וואוסט, דעריבער טאַקי האָט זיך איהם ערשט געגלוסט; וויל ער האָט געלערענט, אַז דאָס איז אַ עבירה, דעריבער טאַקי האָט עס איהם, ווי אויף צו להכעיס, שטאַרק געצויגען דווקא אויף ביילען צו קוקען, און וויל דאָס איז געווען אַ געהאַפּטער קוק בגנבה, נישט גאַנץ פריי, ווי פריהער, דעריבער האָט ער טאַקי עפּיס געטראַכט... געטראַכט און זיך געשעהמט. — אַז הערשעלע האָט, רייבענדיג זיך צווישען קאַבצאַנסקער לייט, איבערגענומען ביי זיי דעם שטייגער פון ווינשען אינאיינעם מיט דער מעשה פונ׳ם ווינשפינגערל, האָט ער זיך געוואונשען אַ בת־מלכּה. דאָס הייסט — ביילען.

דאָס ווינשעניש אין קאַבצאַנסק איז געווען איינע פון די גאַנץ געוועהנליכע בעשעפטיגונגען, צו אונטערהאַלטען זיך און פאַרברענגען דערמיט אַביסעל די צייט — אַ בעשעפטיגונג, וואָס איז געקומען פונ׳ם שטענדיגען ליידען מאַנגעל אין די נייטיגסטע בעדערפנישען און פונ׳ם לעדיג זיצען אָהן פּרנסה. אַזוי ליגט שוין בטבע פונ׳ם מענשען: „דאָס וואָס געהט אָב, געהט נישט אַרויס פונ׳ם זין, מען באַגיטיגט זיך חאָטש מיט דעם טראַכטען דערין“... „האָפנונג און ווינשעניש איז דער נויטס מלאכה, דאָס משוגע זיין איז פאַר וואוילטאָג און הצלחה“. אַזעלכע גרויסע בריות אין דעם ווינשען, ווי קאַבצאַנסקער יודען, זענען נישטאָ אויף דער גאַנצער וועלט: פריער, לעדיגע צייט האָבען זיי גענוג, אין צרות זענען זיי, ברוך השם, אויך נישט זשעדנע, היינט וואָס־זשע איז דאָ פאַר אַזאַ וואונדער, אַז אין דעם ענין ווינשעניש האָבען זיי דערגרייכט אַזאַ הויכע מדרגה מעהר פון אַלע לייט אויף דער ערד! וואָס נאָר עפּיס אַ שמועס, איז ביי די קאַבצאַנסקער באַלד אַ ווינשעניש. לאָמיר אָננעמען, למשל, דאָס, אַ שטייגער: שמיעסענדיג פון ים אוקינוס קען זיך איינער פערגינען צו־ווינשען: אַזוי פיעל געלד זאָל איך האָבען, וויפיעל זאמד אויפ׳ן ברעג זיינעם אַרום און אַרום! — עט, מאַכט דער צווייטער, דער גאַנצער ים זאָל זיין טינט און איך זאָל האָבען אַזוי פיעל, וויפיעל, מען האָלט מיט דעם טינט געקענט אָנחתמנען טראַטעס, איטליכע אויף טויזענט קערבלעך!... — און איך, ווינשט דער דריטער, אויפהייבענדיג מיט אַ זיפצעלע די אויגען צום הימעל: ביידע זאָלט איהר שטאַרבען, רבונו של עולם, און איך אַליין זאָל אייך ירשה׳נען... גוט צוברענגען פלעגט מען געוועהנטליך די זומערדיגע ליכטיגע אָווענטען. עס וועט גאַנץ גענוג זיין אויסצומאָלען דאָ אַ קאַרטינקע פון איין אָווענט אַזעלכען:

אין די הייזער ברענט נישט קיין ליכט. מיר און טויער זענען

אָפּען. מען עסט װעטשערע פאַר דער לבנה. נאָך דער װעטשערע שיטען
זיך, װי די מורעשקעס, אַרויס פון די הײזער: מאַנסבילען אָהן קאַפּאָטעס,
אין די אײנע טלית-קטנ'ס, װײבער צושפּילעט, נאָר אין די אונטערשטע
קלײדלעך, קינדער אויסגעטאָן האַלב נאַקעט. שכנים אַ גאַנצע קופּע לענען
זיך אויס אין דרויסען, יונג און אַלט, קינד און קײט, אַלע אינאײנעם.
גילדענע פּאַסען פון דער לבנה שלאָגען זיך דורך ערגיץ צװישען דעכלעך,
ציהען זיך איבער קעפּ, איבער פיס אין דער קופּע מענשען, קריכען
װײטער, װײטער, טאַנצענדיג אויף װענט, אויף פלײטען און װײזען אָן דאָ
אַ קאַץ, װאָס דראַפּעט זיך, ניסטערט אויף אַ דאַך, דאָרט קיה אויסגע-
שטרעקט אויף דער גאַס, מעלה-גרה'ן, אונטערשמײסענדיג זיך פּאַמעליך
מיט די װײדלען אין קײבען, זיפצען מיט אַ חריפ, עפּיס װי פונ'ם בויך.—
די ערשטע עטליכע מינוט איז איטליכער בעשעפטיגט מיט זיך, מען גע-
ניצט, סלוקערצט, מען טרײבט פלײ און מען קראַצט זיך. װײבער הויבען
דערװײל אָן דעם שמיעס װעגען דער הײנטיגער װעטשערע, איטליכע מיט
איהרס: בײ דער זענען די שטשיפּקעס בע'טעמט געװען אַזוי, אַז דער
מלכות האָט עס געמעגט עסען; בײ יענער איז דער אַרבעס צוקאָכט
געװען װײך, װי מאַרך, אַז מען האָט געלעקט די פינגער. אײנע דער-
צעהלט דאָס גרויסע גליק, װאָס זי האָט געטראָפען: פאַר אַ גראָשען
האָט זי געהאַנדעלט אין מאַרק אַ מציאה — אַ רעטיך, גרויס װי דער
קאָפּ, פון װעלכען מען האָט גענוג גענעסען אין דער פריה, אויך אַצינד
אויף דער נאַכט און ס'איז נאָך איבערגעבליבען אַ היבשע שטיק אויף
מאָרגען, מען זאָל לעבען און געזונט זײן! אַלע רעדען הויך אויף אַלער-
לײ דינע, קװיטשעדיגע קולות. די מאַנען ברומען לעת-עתה אונטער.
זײ מישען זיך אַרײן נאָר, װי פון יוצא װעגען, גלאַט אַזוי מיט אַ װאָרט.
זײ לענען זיך דערנאָך מיט דעם בויך אַרויף און, פערקוקענדיג זיך אויף דעם
אויסגעשטערענטען בלויען הימעל, נעהמט מען זיך געשמאַק שמיעסען.
װאָס טהוט זיך אַזוינס דאָרט אויבען. די לבנה װײזט זיך אויפ'ן אָרט,
װאו דער עולם ליגט: מען קוקט אין איהר אָן די ליכטיגע צורה פון
יהושע און איטליכער מאַכט: אוי, אַ נאָז מיט אויגען!... איציק און
בערל, װאָס האַלטען זיך פאַר שטיקלעך שטערענזעהער, חקרנים, טײטען
מיט פינגער אויף דעם „אלף-בית“ פון די שטערען און האַמפּערען זיך
װעגען דעם „תיו“ און „חית“. דער איבעריגער עולםטהוט צוליעב זײ בײדע,
איטליכען פון די צװײ חקרנים, װאָס טײטעלט איהם מיט אַ פינגער, גיט מען
נערעכט, שװערענדיג זיך: יאָ, אמת טאַקי, איך זעה, זעה, װי איך בין אַ יוד!

— אַי, אַי! צושרײט זיך שטאַרק פערװאונדערט אַ יוד, עפּיס אַזוי
פיל שטערען דאָרט, דאָרט איז די געפלעקטע, װײסליכע פּאַסען,
אַנגעזועצט װי מאָהן! אַזוי פיעל רענדלעך װינש איך מיר צו האָבען...
— געהט שוין, געהט! — מאַכט דער אַנדערער, — איך לאָז פאַר
װעלװעלער, פאַר איטליכס שטערענדיל אַ קאָפּיקע.
עס געפינען זיך בעלנים אויף נאָך װעלװעלער, צװײ, פינף. צעהן
פאַר אַ גראָשען, און בשעת יודען טאָרגעװען זיך דאָ אַזוי, רעכענען,
צעהלען, לאָזען אַראָב די מקחים און װאַרפען דעם קורס פון די שטערען,
זיצט דאָרט אין דער זײט אײנער עפּיס אַ לץ, דרשה'ט און זאָגט גלײכע
װערטלעך. די װײבער אַרום איהם שרײען קלאָמפּערשט: פּע, גענוג! פאַר-
שטעקענדיג זיך די אויערען, הערען זיך אָבער זעהר גוט צו און קײכען
פאַר געלעכטער... קינדער זיצען אויך נישט לעדיג, קיצלען זיך, דער-
לאַנגען אײנער דעם אַנדערען אַ קלאַפּ, אַ שנאָל אין דער נאָז הינטען
אַרום. דער פון דער נאָז טהוט אַ קװיטש, יענער פונ'ם שנאָל מאַכט זיך
צום תם, נעבעך, נאָר אַ צדיק אין פעלץ און בײזערט זיך קלאָמפּערשט:
שאַ, שאַ! מאַמעס שילטען די קינדער, בענומען זאָלען זײ הלװאי װערען,
און אַגב טאַקי זײ מכבד מיט אַ קניפּ. די טאַטעס װאַרפען אַװעק
די טאָרגעס און פאַלען פלוצלים פונים הימעל אַראָב אויף דער ערד. דעם
האָט אַ זשוק זיך אַרײנגעפּלאָנטערט אין באָרד, יענעם אין די פאות, דעם
דריטען קריכט עפּיס אונטער'ן העמד דאָרט אויפ'ן רוקען. אַ רויטע קיה,
אַ פרעסערין, פון װעלכער עס האָט זיך אָבגעטאָן דער שלאָף, פערקריכט
בײם שטשיפּען גראָז, אין דער זײט גאַס ביז צו דער גאַנצער עדה יודען,
דערעהט זיך צו זײ אויס מיט דעם הינטען, מחילה, און פיהרט זיך עפּיס
אויף פּע, נישט מיט דרך-ארץ. אַלע זידלען זי מיאוס אָב, טרײבען זי
און שרײען: הײדאַ! אין אײן קול. זי דרעהט זיך געשװינד אויס פון
יודישע הענד און לויפט אַ הין אין איהר רוה אַרײן. דערפון שפּינט זיך
עפּיס אַ לאַנגער שמיעס: װעמענס קיה איז דאָס? װיפיעל מילך גיט די
קיה? װיפיעל איז די קיה װערט? „שאַ, װיפיעל, מײנט איהר, יודען!“
טהוט פלוצלים אײנער אַ פרעג: „זאָל װערטה זײן די גאַנצע קאַבצאַנסקער
טשערעדע, שוין מיט די ציגען אינאײנעם?“ אײנער שאַצט עס אַזוי פיעל,
דער דריטער װינשט זיך דאָס צו האָבען, װיפיעל ס'איז װערטה מעהר.
איטליכען בעזוכען חאַפּט אָן אַ װינשעניש און מען װינשט, װינשט, ביז די
צונג װערט מיעד רעדענדיג און מען הערט פונדערװײטענס, װי אײנער
חראָפּעט שוין אָהן עין-הרע געשמאַק. די מאַנען טרײבען די װײבער

קימט שלאָפען! די ווייבער מיט זייער חן קווינקלען זיך קלאַמפּערשט: עס גלוסט זיך זיי גאָר ניט געהן אין בעט אריין און וואָלטען די גאַנצע נאַכט געזעסען דאָ, אין דרויסען, געשלאָפען; א יונג פּאָר פּאָלק געהט אוועק באַלד טאַקי, די איבעריגע מאַכען שיהות, דינגען זיך, ביז פון ערגיץ אַ ווינקעלע שפּרינגט אַרויס פּלוצלים א ציג, וועלכע א פּאָר ווייסע חברה'ניקעס האָבען איבערגעשראָקען, אונטער'גנבה'נענדיג זיך שטיל'ערהייט צו איהר אויף דער פּריזבע דאָרט; זיי נאָך איהר און זי אין גרויס איילעניש, יאָגעניש, פּוץ אריין צווישען דער קופּע יודען. עס ווערט א מהומה, א קאָכעניש, מען גיט זיך א הייב אויף גיך און בטלנ'דיג חלומות. צולויפט מען זיך געשווינד, איינער נאָך דעם אַנדערען נישט צו נאַגען אפילו א גוטע נאַכט! —

דאס צווייטע בוך.

ערשטע ראפיטעל.

אז די הייליגע תורה זאָגט; „יששכר חמור, יששכר איז א עזעל, ■דם, א בּרייטבּייניגער, רובץ, וואָס הויערט, בין המשפתים, צווישען די געמאַרקען", וועט נאָכדעם, דאכט זיך, קיינעם שוין נישט פריקרע זיין דאָס פערגלייבעניש פון א יודיש בר-מצוה-יונגעל צו א לאָשאַקיל ביים נעהמען עס צו דער אַרבייט. — עס לויפט זיך א קליין לאָשאַקיל הינ-טער דעם וואָגען, וועלבע די ווייסטע מאַמע זיינע, די שקאַפע, שלעפּט נעבּעך, איינרייסענדיג זיך דאָס געזונד און חאַפּענדיג הינטערווייליכם א שמיצעל, גאָרנישט, עס זאָל איהם דאָס אָנהויבּען צו אַרען. עס לויפט זיך פריי, יאָגט הענדום-פּענדום, דריגעט מיט די פיסלעך, טאַנצט, שפּרינגט האָץ-האָץ-האָץ לעבּעדיג-פרעהליך, פעררייסענדיג דעם ווידעל, און האָט הנאה פון לעבּען. פּלוצלים טהוט מען איהם אָן א ציימיל, מען שפּאַנט עס צו מיט אַ שטריקעל צו דער פערוואָגעלטער מאַמען, געה, בחור, גיט מען איהם שמַארק אָנצוהערעניש מיט דער בּייטש, געה, בּחור, אויפ'ן דראָנזשיק! דאָס האַרץ רייסט קוקענדיג, ווי יונגערהייט איז עס, נעבּעך, דערשלאָגען, ווי יונגערהייט געהט עס בּעטריבּט, פערומערט אין דעם שווערען יאָך. אין דער-ערד איז, נעבּעך, זיין קאָפּ■ ■ז אַך און וועה צו זיינע יונגע יאָהרען!

אונזער הערשעלע ווערט בּר-מצוה — א לאָשאַקיל שוין מיט א ציימיל! זיין קעפּיל און זיין דאַר-קינדערש הענטיל, נעבּעך, זענען געבּונ-דען, געוויקעלט שטייף מיט רימענס, רצועות. דאָס ערשטע מאָל מאַכט

ער דעם „לשם יחוד“ מיט לייב און לעבן און אַלע זיינע קרעפטען צו
זיין פון היינט אָן משועבד, איינגעשפּאַנט אין דער עבודת הבורא...
„וארשתיך לי לעולם“ און איך האָב דיך פערקנאַסט צו מיר אויף
אייביג! זאָגט הערשעלע, אַרומדרעהענדיג די רצועה אויפ'ן פינגער. אַ
צווייטען מאָל אַ דרעה און ווייטער „וארשתיך“! אַ דריטען דרעה און ווי-
דער „וארשתיך לי באמונה“ איך האָב דיך פערקנאַסט צו מיר מיט דעם
גלויבען „וידעת את ה'“ און דו זאָלסט וויסען, וואָס פאַר אַ גאָט מיר
האָבען!...

— געגוג, הערשעלע, זיין אַ יונגעל! דערמאָנען איהם אויך די
עלטערן מיט אַ מוסר. — אויס פריי! שוין צייט צו זאָרגען, צייט אין
זינען צו האָבען עפּיס תכלית-זאַכען... קום. לאָשאַקיל, אויפ'ן דראָג-
זשיק, קום שלעפּען דעם יאָך, קריעה רייסען אויף דעם שטיקעל-ברויט,
פערשוואַרצט ווערען מיט אונז אינאיינעם!

צוויי מאָל מזל-טוב דיר, קאַבצאָנסקער אָרעם בר-מצוה-בחור'ל! —
מזל טוב דיר מיט דעם „עול עבודה“, מיט דעם יאָך פון עבודת הבורא!
און מזל טוב דיר אויך מיט דעם „עול דרך ארץ“ מיט דעם יאָך פון
דער ביטערער פרנסה און דעם וויסטען לעבען! געזעגען זיך אָב מיט
דיינע יונגע יאָהרען — דו בינסט געבונדען! האָב מורא פריי דעם קאָפּ
אויפצוהייבען — ס'איז אַיין עבירה, מען טאָהר נישט!... זאָרג, זיפץ,
קרעכץ און לאָז דיר דאַרען, טריקענען דער מוח...

און אַזוי ווי הערשעלע האָט געהאַט אַ שען קוויטשיג קול'כען, האָט
דער טאַטע דרינען געזוכט דעם תכלית, געוואָלט דערפון מאַכען אַ
פרנסה — דאָס זוהנדיל זאָל איהם אונטערהאַלטען ימים-נוראים דאָרט אין
דעם [גלופּסקער קלייזיל, וואו ער איז שוין היבשע עטליכע יאָהר כסדר
געווען אַ בעל תפלה. בר-מצוה איז הערשעלע געוואָרען נאָך שבת-נחמו.
פונקט טאַקי אין דער צייט, ווען בעלי-תפלות הויבען אָן זיך צוגרייטען
צום דאַוונען, ווען זיי שטעלען די „כלי“, פּריווען דעם האַלז, פאַרהערען
זיך אין שטייגער; ווען עס לאָזט זיך אין די אָיוענטען הערען, ווייט אויף
דער גאַס, שטיקלעך פון דער ראש-השנה'דיגער „שמונה-עשרה“ אויף
זיינענדיגע, טרויעריגע נגונים.

נישט דער סאַלאָווייטשיק, דער זיסער וואַלד-זינגער פאַר אַ וועלט
מענשען, נישט ער איז דער משורר פאַר יודישע קינדער; נישט פאַר זיי
שפּיעלט ער זיינע שענע לידער וועסנע-צייט אין „ספירה“, אויפוועקענדיג
דערמיט אין לייטישע הערצער געשמאַקע געפיהלען פון ליעבשאַפט —

ניין! דעם יודענס סאַלאָווייטשיק איז דער בעל-תפלה, געפיהלען פון
ליעבשאַפט וועקט ער אין איהם אויף מיט דעם וואונדער-שענעם „אתה
זוכר“ און זיסע ליעבליכע ווערטער פון די הייליגע [נביאים. דעם יודענס
ליעבשאַפט איז גערליך ריין, האָט נישט, ווי גאָט, קיין בילד, קיין גע-
שטאַלט, ער ברענט, ער איז פערקאָכט, ציהעט זיך פאַר גרויס חשק
מיט אַלע זיינע געדאַנקען אַהין, אַהין — צו דער הייליגער שכינה דאָרט
אין הימעל...

„כה אמר ה'! אַזוי זאָגט גאָט, שרייעט אויס הויך אויף אַ קול
דער בעל-תפלה: „זכרתי לך חסד נעוריך“, אוי געדענק איך דיר, כנסת
ישראל, דאָס גוטסקייט דיינס אין דער יוגענד, אהבת כלולותיך, די
ליעבשאַפט דיינע כלה'וויז, לכתך אחרי במדבר, דיין שפּאַצירען-געהן
מיט מיר אין דער מדבר, בארץ לא זרועה, ערגיץ אין אַ העק עפּיס
דאָרט. — עס גיט דעם יודען אַ בריה, אַ צופּ ביים האַרצען, ער צאַ-
פּעלט, פּלאַטערט, שטרעקט אויס די הענד מיט אַ הייס געבעט טיעף
פון דער נשמה: אַי-אַי-גאַטוניו, ליעבער, זיסער רבונו של עולם! —

און איידער נאָך ער קומט צו זיך, צו-יאַחמערט זיך דער בעל-תפלה, צו-
גיסט זיך און לאָזט אַרויס אין זיסע ריהרענדיגע שטייגער: „הבן יקיר לי
אפרים, אַ טייער זוהנדיל איז מיר אפרים-לעב, אם ילד שעשועים, אַ
קינד-אַ טרייסט, כי מדי דברי בו, ווען איך רעד פון איהם, זכור אזכרנו
עוד, קומט ער מיר אויפ'ן זינען אַלץ מעהר. על כן המו מעי לו, דאָס
האַרץ געהט מיר אויס נאָך איהם, רחם ארחמנו נאם ה', אַ גאָטס
רחמנות, נעבעך, אויף איהם“. — מיין יודעלע שטעלען זיך אין די אוי-
געלעך טרערען, מאַכט פּיסקעלעך ווי אַ קינד, עס וויינט אין איהם דאָס
הערצעלע און פּיסטעט זיך: אוי, טאַטעניו! הייליג, ליעבהאַרצ'דיג,
געטריי פאַטעריל!...

דעריבער פערזאַמלען זיך, ווי די בינען אַז דערשמעקען ערגיץ
האָניג, רעדלעך יודען הינטער די פענסטער פון לייזער-יאַנקיל'ס שטוב,
וואו ער אַרבייט געשמאַק אין „ונתנה תוקף“ און נאָך אַזעלכע גוטע
שטיקלעך. לייזער-יאַנקיל זעצט ווערטער, צוגיסט זיך אויפ'ן העלזעלע אין
שטייגער, איבערגעהענדיג פון דער געמבע אין אַ ביי-קול, און הערשעלע
ענטפערט איהם אָב אויף אַ קוויטש. ביידע האָרעווען, געהען אָב מיט
שוויס, קולות אַלערליי פליהען — דאָס פון איטליכען בעזונדער, איינער
נאָכ'ן אַנדערען כסדר און דאָס אויסגעמישט אינאיינעם. דרעהעלעך מיט
אַ צוק אַהער און אַהין, דער אַ קוועטש אַראָב, ברומענדיג מיט

א פרעג אויף דער גראָבער סטרונע, יענער א הייב פון אונטען אַרויף, אויסקוויטשענדיג אַ ענטפער אויפ'ן גליינקיל. די העלזלעך אַרבייטען בים=באַם=בים — און יודען הינטער די פענסטער זענען זיך מחיה הערענדיג.

אַזוי קנאַקט דער קאַבצאַנסקער סאָלאָוויטשיק, שפּיעלט זיינע טרויערדיגע=זיסע נגונים אין די אָווענטען ביז אַ פּאָר טעג פאַר סליחות, וואָס דענסטמאָל ווערט ער אַנשוויגען און קלייבט זיך אין וועג אַריין אין איין צייט מיט די שוועלבעלעך און אַלע אַנדערע זומער=פייגעלעך. זיי אַ הין, ערגיץ אין די וויטע, וואַרעמע לענדער, און ער מיט חערשעלען קיין גלופּסק, דאָרט אין קלייזיל...

שאַ, שטיל איז סליחות=צייט אין דעם וואַלד, ווי אין קאַבצאַנסק שבת, ווען דער עולם שלאָפט נאָך מיטאָג, און דאָס שטילקייט דאָרט וואַרפט אַ מרה=שחורה. די ביימער שטעהען פערטראַכט, פערזאָרגט, נאָר נישט דאָס פּנים, דאָס געשטאַלט וואָס פריהער. זייער שאָקלען מיט די צווייגען — דאָס איז אַ ברעכען מיט די הענד, זייער זשומען — דאָס איז אַ ביטערער יאָמער, אַ זיפצען, אַ קרעכצען פון אַ געטרייער מוטער, וואָס בלייבט איבער אַליין נאָכדעם ווי איהרע קינדער צופאָהרען זיך אין אַלע זייטען. דאָרט וואו עס האָט ערשט געלעבט, זיך גע'רעש'ט, געזונגען, געשפּרונגען און איטליכעס ווינקעלע, איז אַצינד שטיל=רוהיג ווי אויף אַ בית=עולם. אַלסדינג דאָרט דערמאָנט אין דעם צושיידען זיך מיט די ליעבע, טיעף אין האַרצען איינגעבאַקענע. נישטאָ דאָס פריהערדיגע לעבעדיגקייט, דאָס פרישקייט און אויפגערייטקייט, אַלסדינג שטעהט עפּיס ווי ברוגז, זעהר אומעטיג. דער הימעל קוקט אויך נישט פריינדליך און איז עפּיס שטאַרק אָנגעבלאָזען. וויסט איז די נעסט — די פייגעלעך זענען זיך צופלויגען... פערזאָרגט, פערטראַכט שטעהט דער וואַלד, גלייך ווי ער פיהלט, אַז דאָס אויפהייבען זיך און אַוועקפליהען פון זיינע שפּיעל=פייגעלעך בעוויזט נישט אויף קיין גוטס. ער מעג זיך ריכטען, אַז באַלד=באַלד וועט זיך אָנרוקען אויף איהם אַ חמאָרע — דער ווינטער מיט זיינע ביטערע קעלטען. און ער איז אַצינד דעריבער פעראומערט, שטאַרק בעטריבט.

שאַ, שטיל, ווי סליחות=צייט אין דעם וואַלד איז אַ צינד אויך אין קאַבצאַנסק. מיט לייזער=יאַנקיל'ס ריהרען זיך, האָט זיך אויך גע'ריהרט אפשר אַ האַלב שטעדטיל. ס'איז אַוועק קיין גלופּסק, ווי געוועהנטליך, אַ טראַנספּאָרט מיט אַלע סאָרטען לעבעדיגער סחורה, זוכען אין גלופּסק דאָס שטיקעל פּרנסה.

קאַבצאַנסק האָט געשפּירט די ביטערע צייט, עס נעהט אויף דעם עולם דער ווינטער מיט אַלע זיינע בעדערפנישען: הייצונג, אַ שוך, אַ קלייד, און טאַקי עפּיס עסען אויך. נישטאָ דער זומער ווען מען, קומט איבער עס=אַזוי מיט גרינוואַרג און פטר'ט אָב דאָס לעבען ווי עס איז מיט שהי=פּהי, מיט אַ רעטעכיל, אַ גרין אוגערקעלע, מיט אַ קנאָבעל, אַ ציבעלע, אַפי' פערשטאָפּען דעם מאָגען, אויסשטעהן איהם דעם בלבול וועגען דער אכילה... און דער נוטער אַלטעכטיגער גאָט, וואָס דערנעהרט אַלע זיינע בעשעפעניש, פונ'ם גרויסען וויזיל=טיער ביז צום קליינערטיל אין איי, ער מוטה עס בייצייטענס אַן די זומער=פייגעלעך: פליהט צוכען אייער שפייז אַהין אין די וואַרעמע לענדער — און איהר קאַבצאַנסקער יודען: שלעפּט זיך, אָרטינקע יודעלעך, זוכען אייער פּרנסה אין ווייטער דאָרט אין גלופּסק!

דאָס צווייטע קאַפּיטעל

מען בעדאַרף וויסען, וואָס הייסט אַזוינס ביי אַ יונגעל פאָהרען. בכדי צו פאַרשטעהן הערשעלעס האַרץ ביים קלייבען זיך אין וועג אַריין. גליקליכער פון איהם איז אויף דער גאַנצער וועלט נישט געווען אין דעם טאָג, ווען ער האָט זיך צוגעגרייט פאָהרען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען אין אַ פרעמדער שטאָדט אינאיינעם מיט די עלטערן. לייזער=יאַנקיליכע האָט זיך אויך נאָכגעשלעפּט. געהייסען האָט עס, זי פאָהרט אויף קבר=אָבות, נאָר באמת האָט עס געשמעקט מיט אַ געשעפטיל. אויך מיט אָנקוקען, דאַכט=זיך, עפּיס אַ חתן, פאַר ציפּע=סאָסיען אָדער פאַר עמיצען אַנדערש — דאָס איז שוין איהר זאַך, קיינעמס עסק נישט. און בכדי אויסצושלאָגען די הוצאות, האָט זי מיטגעפיהרט אַ ביסעל סחורה, אָבצוזעצען עס אין גלייכען געלט דאָרט, אין גלופּסק. אונזער הערשעלען האָט זיך געדאַכט, אַז גלופּסק איז ערגיץ אין עק וועלט. עפּיס, נעבען די הרי=חושך, וואו דער הימעל לאָזט זיך אַראָפּ. און דער טאָג פאָהרען אַהינצו וועט זיך ציהען לאַנג, זיך נאָר ניט אויסלאָזען.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז מיט אַ נאַכט פריהער האָט הערשעלע קיין אויג נישט געקענט צו=מאַכען, זיך געוואָרפען אויף זיין געלעגער פון איין זייט אויף דער אַנדערער, טראַכטענדיג אַלץ פונ'ם גרויסען גליק, וואָס איהם שטעהט פיר. עס האָט איהם זיך געדאַכט, ווי גאַנץ גלופּסק שטעהט אַצינד און קוקט אַרוים אויף זיין טאַטען, אַלע אין איין קול: וואו איז ער, ר' לייזער=יאַנקיל? ווען קומט ער, ר' לייזער=יאַנקיל? אַ מעשה, אַ מעשה! נאָך איז נישטאָ ר' לייזער=יאַנקיל! און פּלוצלים

ווערט אַ גרויס פרייד, אַ גדולה — ר' לייזער=יאַנקיל פאָהרט! ר' לייזער=יאַנקיל איז שוין געקומען! ער איז נישט אַליין, ער האָט מיטגעבראַכט אויך זיין בחור'ל, אַ כלי=שלמה! עס איז אַ צונויפלויפעניש, אַ ערדטרעטעניש, מען שלאָגט זיך איבער דעם טאַטען מיט דעם קינד, איטליכער רייסט זיי צו זיך אויף אַכסניא, אויף וואַרמעס, אויף אַ קערמישיל. מען טייט אויף זיי פון דערווייטען מיט די פינגער: אָט זענען זיי, אָט געהען זיי, ר' לייזער=יאַנקיל מיט זיין בחור'ל! זיי שטעלען=אויס אַ שטיקעל דאַווענען, אַ „נעריצך", זינגען אַ מאַרש, אַ וואָלעכיל, פערבייסען מיט אַ קליוואַנער בעטלער — און דער עולם ווערט משוגע, שפּרינגט אויס דער הויט הערענדיג אַזוינס.

קוים וואָס הערשעלע האָט דערלעבט טאָג, איז ער געשווינד אויפגעשטאַנען, אָבגעגאָסען נעגעל=וואַסער, געחאַפּט דאָס תפילין=זעקעלע, דורך וועלכען דאָס מזל זיינס איז איהם אַזוי דערהויכט געוואָרען, און געלאָפען אין בית=מדרש, אין דער גיך אָבדאַווענען. אויסער דעם האָט ער טאַקי נאָך געהאַט עטליכע נייטיגע געשעפטלעך, וועלכע ער האָט בעדאַרפט פאַר'ן אַוועקפאָהרען מיט זיינע חברים דאָרט אָבאַרבייטען. ווייל די חברים זענען אויך בייצייטענס געקומען אין בית=מדרש אַריין, ווייל דער חודש=אלול, ווי איטליכען איז בעקאַנט, איז איבערהויפּט אַ צייט, ווען פאַר יונגלעך שטעלט זיך דער גרויסער יריד, און אַבי געזונט, מיט אַרבייט האָט מען ניט צו זאָרגען, געשעפטען זענען, ברוך=השם, דאָ איבער'ן קאָפּ: מען בעדאַרף דערטאַפּען מיט קונצען דעם שופר און זיך פּרוּווען בלאָזען הינטערווייליכס דאָרט אין דער ווייבערשער שוהל: דערביי מוז מען פיהרען די גאַנצע תכסיסי מלחמה מיט דעם שמש, וואָס ער איז דענסטמאָל דערצאָרענט און בייז ווי צעהן רוחות. אויך בעדאַרף מען זיין אויפ'ן הייליגען אָרט, אויפ'ן פעלד, ס'איז דאָך דאָרטען עפּיס דאָ אַ בוים מיט כל=נדרי=באַרלעך. היינט איז דאָך אויף דער וועלט עפּיס אויך דאָ אַ וועלדיל מיט ניס=ביימער, ערשט צייטיג געוואָרענע, מען מוז געהן רייסען, אָנשטאָפּען פולע פּליודערען. געלויבט איז גאָט, וואָס אונטער אַזאַ צייט מיט אַזוי פיעל וויכטיגע געשעפטען איז מען נאָך האָטש פריי, פּטור פון לערנען — די מלמדים לויפען דענסטמאָל, געהען צו קינד, קוואָקען אויף אַ קנעלונג און „בוצקען" זיך און בייסען זיך פאַר די נעז, נעבעך. הערשעלע האָט געקוקט שטאָלץ אויף זיינע חברים אַרום איהם אין פאָליש פונ'ם בית=המדרש, טראַכטענדיג ביי זיך: אויך מיר מעני [illegible] משטיינס=געזאָגט, זיי בלייבען דאָ און איך — איך פאָהר!

מען זאָל איהם דענסטמאָל געווען זאָגען, אַ שטייגער: הערשעלע! דער פריץ שענקט דיר דאָס גאַנצע שטעדטיל קאַבצאַנסק מיט זיין שלאָס, אַבי בלייב דאָ, פאָהר נישט, וואָלט ער געשפּיגען קלעק און נישט געוואָלט אפילו הערען. — ער געזעגענט זיך מיט חברה און לאָזט זיך געהן לעבעדיג, פרעהליך.

אַ טאָג איז דענסטמאָל געווען זעהר אַ שענער, ווי עס גיט זיך אויס אַמאָל אין אלול, איינער פון די געשענקטע טעג. נאָך גאַנץ פריה האָט פון איהר געצעלט דאָרט ביים עק הימעל אַרויסגעשיינט די זון מיט איהר ליכטיג פּנים און, צוטרייבענדיג ביסלעכווייז דעם פריש־קיהלבליכען טומאַן, זיך געשפּיגעלט אין טוי־טראָפּענס, וואָס האָבען געפינקעלט, געשפּיעלט אין אַלערליי קאָלירען ווי די בריליאַנטען. די שאָטענס רוקען זיך מיט דרך־ארץ טריט־ביי־טריט אַלץ צוריק און וואָס ווייטער, ווייטער ווערט העלער און העלער. פרעהליך סווישצען די וואָראָביטשיקעס, אונטערשפּרינגענדיג מיט די דינע פיסלעך אויף די דעכער, אויף די פּלייטען, דאָס — צונויפלויפען זיי זיך פּעקליכווייז אינאיינעם, עפּיס האַמפּערט מען זיך איבער אַ קערנדיל, עפּיס שמיעסט דאָ קהל איבער וועגען זייערס אַ וויכטיגע זאַך און דאָס — צולויפען זיי זיך אין בעזונדערע פּאָרלעך, טאַנצענדיג איטליכער אַקעגען זיין בעשעהרטער, וויטען זיך, האַלזען זיך, ליובען זיך, צאַפּלען, פּלאַטערען מיט די פליגעלעך — און פּיק, פּיק אין קעפּיל... מעקענדיג לויפען ראַפּטאָס ציגען פון אַלע געסלעך אַהין, וואו עס פערקלייבט זיך די טשערעדע, פון דאָרט געהט זי אויפ'ן גאַנצען טאָג אַוועק אין פעלד אַריין. די פערשייטע ציגען, די שקצים שפּרינגען רעש'ענדיג פאַרריסען די ווידעלעך העט פאָראויס, די קיה ריהרען זיך פאַמעליך מיט סטאַטיק, נישט געאיילט, צונייגענדיג מיט די קעפּלעך, ווי פיינע בעלי־הבית'טעס, רוהיג, שטיל, נאָר עטליכע פאַרדרעהען אַהינטען די קעפּ און לאָזען אַרויס ווי פון אַ צעשפּאָלטענעם שופר אַ הייזעריגען, אַ קיהיש־נאַרישען „מע" גלאַט אַזוי זיך, אַ גרוס גאָר פריינטליך דעם גאַנצען שטעדטיל יודען, אָדער „אַ זיי געזונט" די פערבליבענע קעלבלעך. שאָקלענדיג זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער, פיהרט דער גאָנער זיין גאַנץ געזינדעל יונגע גענזלעך, וואָס ערשט אַריין אין די פעדערען, בלאָזט פון זיך אַ שרעק, נאַגאַטשעט, שטרעקט דעם האַלז, פערוואַרפענדיג מיט'ן קעפּיל און לאָזט זיך מיט דער קאָמפּאַניע אַראָב אַהין צום וואַסער.

דער טאָג איז שען, ליכטיג ווי הערשעלען אויפ'ן האַרצען. הער־

שעלע שפּילעט־אויף געהענדיג דאָס קאַפּאָטקעליע, שטרעקט אויס די הענד האַפּען די לאַנגע שניי־ווייסע פעדים, וואָס טראָגען־זיך אַרום אין דער לופט ווי דינע שפּינוועבס; פערקוקט זיך אויך אויף די טויבען, וואָס שוועבען, דרעהען זיך העט אין דער הויך מיט אויסגעשפּרייטע פליגעלעך, ריין־קלאָר גלאַנצענדיגע, גאָלד און זילבער — און ער האָט הנאה, ס'איז איהם עפּיס גוט, גרינג אויף דער נשמה. ער פיהלט, אַז היינט איז ער גליקליך. די געשעפטען זיינע האָט ער, געלויבט איז גאָט, אָבגעאַרבייט נאָך בעסער ווי געוואונשען. ער איז פריי, ער פאָהרט, ס'איז יום־טוב'דיג גוט אַרום און אַרום. רבונו של עולם! טראַכט ער — און די אויגען בענעצען זיך איהם פאַר פיעל פרייד — איך דאַנק דיר און לויב דיר פאַר דיינע חסדים. נו, מען בעדאַרף זיך נעהמען צו דיין דיענסט: פרום זיין, לעהרנען, דאַווענען געשמאַק — זיין אַ יוד.

געהענדיג אַזוי אויפגערייטמט, שטאַרק צופריעדען מיט אַ האַרץ פול פרייד, קומט איהם פלוצלים צו די אויגען דאָס טייערע געשטאַלט, די ליכטיגע צורה פון ביילען.

ביילע איז זיך געשטאַנען נעבען דער פריזבע ביי איהר שטוב, וואו זי האָט אַרויסגעשטעלט טריקענען דאָס צו־וואַשענע געפּעס און אויסגעהאַנגען אויף אַ שטריקעל עטליכע איבערגעשווענקטע שטיקלעך גרעט. זי איז געווען נאָך נישט אָנגעטאָן, נאָר אין איין אונטערשט קליידיל, פון הינטען פאַרשטעקט, באָרפיס. די אַרבעל פונ'ם העמד ווייט פערקאַטשעט אויף די פולעטשקע, דיקע אָרעמס ביז איבער די איילענבויגענס. דער בוזים אַביסיל אָפען, דער גאַנצער האַלז, מחילה, אין דרויסען און פער צופּאַטעלט, ווי געוועהנטליך אַ בריה אַ מיידיל פריהמאָרגען.

אונזער הערשעלע שטאַרק אויפגערייטמט, שמחת־תורה'דיג, לויפט צו אין גרויס חדוה האַסטיג צו זיין בת־מלכה, פרעגט איהם בחרם, ווי אַזוי דאָס איז געשעהען, עפּיס גאָר טאַקי ווי דער גוטער יאָהר וואָלט איהם פון הינטען צו איהר אַ שטופּ געטאָן. ער געזעגענט זיך מיט איהר, נעהמענדיג זי ביי דער האַנד, ווי זי וואָלט געווען אַ מאַנספאַרשוין, און רעדט עפּיס פאַר פייער, פאַר וואַסער, נישט רעכט צו געדענקען וואָס.

ביילע בלייבט פערגאַפט, ווייסט נישט וואָס צו טאָן. און אַז די ערשטע היץ איז אַריבער, לאָזט הערשעלע אָב ביילעם האַנד. מאַכענדיג, נאָך אַל'ץ נישט רעכט ביים זינען, מיט אַ נאַריש געלעכטעריל:

— הע... בײ אַ מײדיל די האַנד!... אַ יודענע, הע, שלום עליכם!...

נאָר װי ער קומט באַלד אינגאַנצען צו די געדאַנקען, נעהמט איהם אָב דאָס לשון, ער װערט רויט און בלײך. בײלע שטיקט זיך שטילער־הײט פאַר געלעכטער מיט אַראָבגעלאָזענע אויגען, אַװעקרוקען זיך אין דער זײט, און הערשעלע טראָגט זיך אָב געשװינד װי אַ גנב.

הערשעלע איז געװען עפּיס נאָר צודרעהט, בײ זיך אין האַרצען מיאוס אַראָבגעפאַלען. סטײטש, װאָס האָט ער געטאָן!... ערשט זאָגט ער צו, דעם רבונו של עולם צו דיענען, זײן אַ יוד — און פּלוצים אַזאַ מעשה, אַזױנס „איהם" אָבצוטאָן!... פּע! — ער שפּײעט, קראַצט זיך פאַר פערדראָס אין דער פּאָה און מאַכט: נאַ־נאַ!...

דאָס דריטע קאַפּיטעל.

אַז הערשעלע איז געקומען אַ היים, האָט ער געהאַפּט אַ שטיקעל פסק, פאַר װאָס ער האָט זיך עפּיס אַזױ געזאַמט. דער טאַטע איז שױן געװען אָנגעטאָן אין די װעג־קלײדער: אַ ציצען, אָבגעבליאַקעװעט חאַלאַטיל, די אַרבעל און די פּאָלעס פון פאָרענט אײנגעטונקט אין פעטע, פערהאַרטעװעטע פלעקען פון אַלערלײ מאכלים, אױסגעמישט מיט גרינליכער טאַבאַקע און געגלאַנצט עפּיס מיט אַ מיתה־משונה־קאָליר, דער הינטען אױסגעריבען און ערטערװײז דאָרט קוקען אַרױס שטיקלעך קליאָטשע. אױפ'ן קאָפּ עפּיס אַ מין אָבגעפּאָהרען, שטאַרק צוקנײטשט מיצעל. נאָר די אַלטע צעריסענע װעג־שיך מיט לאַטעס, װעלכע ער האָט בעדאַרפט אָנטאָן, זענען איהם דערװײל אױף די פיס נאָך נישט געװען, מען האָט זײ ערשט געזוכט און געפּריװוט מיט דער קאָטשערע אַרױסשאַרען פון אונטער דער בעט. דאָס הױזגעזינד האָט געטאַנצט אַרום איהם, שטאַרק בעשעפטיגט מיט אײנפּאַקען די קלױטקעס און ער איז געשטאַנען אָנגעזאָטעלט װי אַ פערדיל.

יאָ, נעבעך, טאַקי אַ פערדיל, װאָס האָט בעדאַרפט שלעפּען אױף זיך אַ שטוב מיט קינדער. אײן מאָל אין יאָהר פלעגט ער מוזען זיך אַזױ אײנשפּאַנען, געהן אין װעג אַרײן, אײנרײסען זיך דאָס געזונט, אַרבײטען אױף אַלע כלים און פון דער דאָזיגער נסיעה איז אָבגע־האַנגען דאָס לעבען פונ'ם הױזגעזינד דאָס גאַנצע יאָהר... דעריבער האָט זיך אין אַזאַ טאָג געװיגט די גאַנצע שטוב, אַלע זענען אױף־געװען און לײזער־יאַנקיל, נעבעך, איז געשטאַנען אָנגעזאָטעלט בלײך, פערטראַכט מיט אַ ערגסט פּנים.

די מאַמע איז געווען אָנגעטאָן אין איהרע וועג־קליידער, עפּיס מיני שמאַטעס אַזעלכע פון חמעלניצקעס צייטען, אין וועלכע זי איז אויסגעקומען גרעבער, דיקער ווי שטענדיג און אַ מין טיכעל אָנגערוקט אויפ׳ן שטערען ביז איבער די אויגען. נאָר הערשעלע אַליין האָט פערשפּאָרט זיך איבערצוטאָן. מעהר ווי דאָס איינע קאַפּאָטקעלע אויפ׳ן לייב האָט ער נישט געהאַט. די מאַמע האָט איהם אפילו געהייסען איבערקעהרען דאָס קאַפּאָטקעלע אויף דער לינקער זייט, הערשעלע אָבער האָט איהר בעוויזען בעשיינפערליך, אַז דער אונטערשלאַק איז מיאוס פערשמירט, אויך צוהאַקט, צופאַלען און טאַקי געבליבען ביי דאָס זיינינע — פאָהרען גאַנץ פראָסט ווי ער געהט, דערפאַר האָט ער שוין געמוזט צוליעב טאָן, נעהמען אויפ׳ן קאָפּ דעם טאַטענס אַ אַלט היטעל עפּיס אַ מין קאַטערוכע, וועלכעס מען האָט שוין לאַנג געמענט מיט דעם חמץ פערברענען, און אַרומגאַרטלען זיך מיט אַ קרייקע.

אַט אַזוי אָנגעטאָן ווי געהעריג, האָבען אונזערע פאַרשוינען, נאָכדעם ווי זיי האָבען אין איילעניש עפּיס איבערגעחאַפּט, זיך געזעגענט מיט די קינדער, געחאַפּט די קלימקעס און יאָגענדיג אין איין אָטהעם, פערשוויצט, פערסאָפּעט, פערדולט ווי אויף אַ בייזער מהומה, אַזוי ווי דער שטייגער איז פון יודען ביים פאָהרען.

אויף אַ לאַנגען וואָגען אין דער הויך, איז געשטאַנען אַ שטייג מיט עופות און אַ קאָרב מיט אייער אין פּאָלאָווע, וועלכע די מאַמע האָט אוועקגעשטעלט דאָרט בייציטענס נאָך אין דער פריה.

דער וואָגען איז אָנגעזעצט געווען ענג מיט פאַרשוינען, כמעט אַ פערטיל קאַבצאַנסק. דאָרט האָבען זיך געפונען מיידלעך, ווייבלעך, וואָס זענען געפאָהרען זיך שטעלען פאַר דיענסטען און אַמען, אויך אַלערליי סאָרטען יודען: שענע יודען, כשר׳ע יודען, מיט׳ן פולען מויל יודען, ברענענדיגע יודען, צעבראָכענע יודען, גילדענע־אָדער־יודען, גלאַט יודען, אַזוי־זיך יודען און אויך־מיר־יודען. ס׳איז געווען אַ פערמישעניש, אַ פערפּלאָנטעניש, אַ פערבייטעניש מיט די פיס און אַ צונויפשטיקעניש נאָר אומצוקומען.

הערשעלע מיט די פאַרשוינען וואָס אין דערמיט, האָבען געשוויצט, טאַקי משונה געשוויצט. די שענע יודען האָבען, נעבעך, געשוויצט ווי אַ ביבער, די פנים׳לעך זייערע זענען געווען אויסגעפּריעט ווי אַ צימעס און אויב מע האָט זיך נישט פערקיהלט, איז נאָר

דעריבער, ווייל דער וואָגען איז געווען בעלאַגערט פון די אויפגעחאַפּטע פאַרשווינדלעך, וואָס זענען אויף משקולות געשטאַנען, געזעסען מיט קינצען פון הינטען, ביי די זייטען, אויך אויף דער קעלניע, נישט צוצולאָזען אויף די וואָס אין וואָגען קיין פּיצעל לופטעלע. נאָר אין אַנהויב איז איטליכער געזעסען ברוגז, עפּיס אָנגעדרודעלט, אונטערגעוואָרטשעט אויף דעם בעל־העגלה און ביים חאַפּען אַ קלאַפּ אין די קריזשעס, אַ קוועטש אין דער מאָזאָליע פונ׳ם פינגער האָט מען שטאַרק פערקרימענדיג זיך פערביסען מיט די ליפּען, מילא נו־נו. נאָר דערנאָך איז מען געוואָרען שוין אַביסעל היימישער, דרך־ארץ אין דער זייט, איינער דעם אַנדערען בעט מחילה: רוקט זיך אַביסעל! פון יענעמס אַ זעץ טהוט מען אַ געשריי. יודען זענען נישט צופריעדען און קריגען זיך. די מאַמע האָט אַלץ געפּילדערט אויף אַ צעבראָכענעם יודען, ער זאָל נישט צעברעכען איהר די אייער. דער טאַטע האָט געהאַלטען פערמאַכט דאָס מויל, איינגעוויקעלט דעם האַלז מיט אַ שטיקעל פּיי, נישט צו פערלירען, חלילה, דאָס קול. די פערד הויבען־אָן זיך אונטערפּוילען, שלעפּען זיך פּאַמעליך, מאַכענדיג מיט די אויסגעקראָכענע ווידלען און די פאַרשוינען מאַכען זיך הארץ, הויבען צווישען זיך אָן אַ שמועס.

דער ערל, עפּיס אַ אָרמער, ערגיץ אַמאָל געוועזענער עקאָנאָם, וואָס די גאַנצע צייט, זינט פונ׳ם אויפזעצען זיך זיינעם אין וואָגען, איז ער געווען פערפּאָפּען, נישט אויף דעם עולם — האָט זיך לסוף אויפגעחאַפּט שוין ניכטער, געקוקט ווי אַ נעכטיגער אויף דער גאַנצער קאָמפּאַניע אַרום איהם און זיך צוגעהערט צום שמועס, וועלכער איז געווען פאַר איהם טערקיש, פּרוּווענדיג באַלד טאַקי אַריין אין דער מיט אויך מיט אַ שמועס, וואָס איז ווידער פאַר יודישע קינדער געווען תרגום. נאָר אַ יודיש קעפּיל בייסט אין תרגום אויך. אַבי געחאַפּט נאַ־עפּיס, איין וואָרט פון צעהן, האָבען זיי זיך שוין געשטויסען, געדרונגען דאָס איבעריגע מיט זייער איינענעם שכל און זיך געקלינגט אַלע אינאיינעם, געבען דעם גראָבען פּויערשען קאָפּ צו פאַרשטעהן זייער כיין מיט אַלע מיני הסברות: אַביסעל מיט אונזער לשון, אַביסעל מיט זייער לשון, אַביסעל מיט די הענד, אַביסעל מיט דעם ווינק, אַ דרעה מיט דעם פינגער אויף אַ נגון, נישקשה מען האָט זיך פערשטאַנען.

עס האָט זיך געצווינען אַ שמועס וועגען דעם, וואָס ביי זיי.

וועגען דעם וואָס ביי אונז, להבדיל. זיין נאָמען איוואַן איז אונזערער, מען האָט עס גענומען פון, להבדיל, יוחנן. די אַלע שבע חכמות זענען גענומענע, אונזערע, מען האָט איהם אויך דערקלערט זעהר אַ וואוילען משל פונ׳ם מדרש, אַ גלייכוווערטיל פון דער גמרא, קלאָר געמאַכט איהם אין יודישע מנהגים מיט דעם שכל, וואָס דרינען שטעקט. איוואַן, אַ פּנים, ער האָט מודה געווען — עטליכע מאָל האָט ער אַלץ אויסגעשריען: קוגעל, צימעס! און זיך דערביי בעלעקט. די ווייבער האָבען געקייכט פאַר געלעכטער, געמאַכט:

— צו זיין קאָפּ, צו זיין לעבען! קוקט איהם אָן, ווי ער בעלעקט זיך, ער האָט ליעב אונזער קוגעל!

עפּיס אַ יוגענד מיט אַ צוגעדעקטען קאָפּ. וואָס פאָהרט זיך שטעלען פאַר אַ אַם, ברומט שטילערהייט אונטער פאַר זיך אַ טרויעריג לידעל:

„אויפ׳ן הימעל ליכטען שטערנדליך,
אין וועלדיל שפּילט אַ סאָלאָוויי,
דער גאַנצער וועלט איז ליעב און פרעהליך,
און מיר אַליין אַז אָך און וועה.

דער ערל קעהרט זיך אַוועק, מאַכט זיך אַביסעל נאַריש מיט די ווייבער און מען גיט אויף איהם אַ מאַך מיט דער האַנד: אַ ערל בלייבט טאַקי אַ ערל!

נאָכדעם ווי מען איז אַ היבש שטיקעל וועג זיך אָנגעגאַנגען צופוס אונטער אַ בערגיל, אונטערשטופּענדיג דעם וואָגען און ווידער זיך אויפגעזעצט, האָט דער עולם יודען זיך געשמאַק אַ נעהם געטאָן צו אַ ברייטען שמיעס. מען רעדט פון אַלסדינג, וואָס קאָכט זיך דאָ אויף דער וועלט און דאָרט אויף יענער וועלט. מען רעדט פונ׳ם האַנדעל, שאַצט דאָס פאַרמעגען פון אַ סך גבירים, עס קומט אויך צורעד די אַלטע מעשה מיט ר׳ שמעלקען און עס בלייבט, אַז ער האָט פון אליהו=הנביא בעקומען אַ ווינשפינגערל. עס הויבט זיך באַלד טאַקי אָן אַ געקרעכצעריי, אַ געזיפצעריי, אַ געווינשעריי. איינער זאָגט, ער זאָל האָבען אַ ווינשפינגערל וואָלט ער געווינשען דאָס, דער אַנדערער — דאָס און דאָס, דער דריטער — יענס... הכלל איטליכער ווינשט עפּיס אַנדערש. צדקות איז געפאַלען גענוג ווי מיסט, מיט דער פולער האַנד. איינער דעם אַנדערען ווייזט אַרויס זיין גרויסע פריינדשאַפט, צוזאָגענדיג דעם, יענעם

גילדענע בערג. דאָס גוט=ברידערשאַפט צווישען דער קאָמפּאַניע ווערט געשטאַרקט, מען פיהלט זיך עפּיס געטרייסט, נישט אַזוי פערוואָרפען, פאַרגעסען אין דער וועלט און איינער מיט דעם אַנדערען איז זעהר צופריעדען.

אָט אַזוי האָט זיך עס געטאָן ביז מען האָט, מיט דעם אויבערשטענס הילף, אַקעגען נאַכט זיך קוים לעבעדיג פאַרשלעפּט קיין גלופּסק.

דאס פערטע קאפיטעל

והיא און זי, גלופסק. האט צו לייזער-יאנקלען נישט אזוי געמאן ובואם מקאבצאנסק, בײ זײער אנקומען פון קאבצאנסק איז גלופסק זי נישט נגלאפען אקעגען מקבל-פנים זײן, ווי הערשעלע האט אין דער הײם זיך פירגעשטעלט. מען האט זיך איבער זי נישט געשלאגען, נישט געריסען איטליכען בעזונדער צו זיך אויף סטאנציע, אויף א מאהלצײט. מיישין זענען קאלטבלוטיג געגאנגען פאו־בײ, זי אפילו נישט אנצוקוקען.

הערשעלען איז די זאך איז פלוג שטארק קשה געווען און שטעהענדיג ביים ארויסקריכען פונ'ם וואגען מיט א פעקיל אין די הענד אויף דער גאס, האט ער געקוקט אויפ'ן טאטען פערוואונדערט, אהן ווערטער, גלייך ווי גערעדט: הא, וואס זאל עס אזוינס בעטייטען? שטעקט נישט דרינען אפשר עפּיס א גראבער טעות? נאר נאכדעם ווי ער האט געחאפּט פין הינטען א דישעל און דער טאטע א שטופּ, אזוי אז ער איז, נעבעך, געפלויגען ווייט אויף עטליכע טריט, שיער נישט ארויפגעפאלען אויף דעם חזיר, וואס האט געשמאק געחראמקעט בײ דער זייט גאס, וואהין מען האט ערשט פון א גאניקיל אין דער-הויך ארויסגעגאסען, ווי געוועהנטליך, א פולע, משונה א שמעקענדיגע פאמיניצע מיט אלעם גוטען, און צו דעם דישעל מיט דעם שטופּ אויך געליזט נאך א מאל צעהן אין טאטען אריין, פאר וואס שטעהען עס יודען, ווי די ליימענע גולם'ס, פארשטעלענדיג דעם וועג — אט דענסמאל פון אזא אנצוהערעניש איז איהם, הערשעלען, פארענטפערט געווארען די קשיות. ער האט אראבגעלאזט די נאז, שוין טאקי גוט פערשבאנען..

און ער און דער טאטע זענען איז זײנע אויגען א ביסעל אראבגעפאלען.

באלד ביים קומען איז לייזער-יאנקיל אלץ געשטאנען און זיך געראטהען מיט דעם ווייב וועגען זײערע זאכען און אויב אצינד איז נישט שפעטליך א געה צו טאן צו בעקאנטע, נאר נאך אזא בעגעגניש איז בײ זי בײדע געבליבען מעהר קײן שיהות נישט צו מאכען און בלייבען דערווייל אויף נאכט-לעגער דא איז דער בעל-העגלה'שער אכסניא.

הערשעלען האט מען מכבד געווען מיט אריינטראגען פעקלעך אין שטוב אריין, דארט ארויף אכטונג געבען און אליין האבען זי זיך געבאבירעט ארום דער שטייג מיט עופות, איבערגעשמיעסט מיט דעם בעל-העגלה, ער זאל מוחל זײן אריינפאהרען אין הויף אריין, וואו די שטייג וועט דערווייל שטעהן אויפ'ן וואגען ביז מארגען.

נישט פאר קײן יודישע קינדער געדאכט אזא נאכט, וועלכע הערשעלע האט אויף דער אכסניא אין גרויסע צרות צוגעבראכט. הונגעריג, מיעד און צעבראכען פון וועג הא״ ער שוין שפעטליך בײ נאכט, אין דעם גרויסען רעש און דער מהומה פון אלערליי מיני פארשוינען, זיך דערשטופּט ערגיץ אין א ווינקעלע און זיך א ווארף געטאן אויף עפּיס א הינקענדיגען צעריסענעם טאפּטשאן. דארט האט מען איהם שוין יא טאקע מקבל-פנים געווען, און אויפגענומען פאר א גאנץ טײערע גאסט — גלופסקער וואנצען, ווי דער גאנצער וועלט איז בעקאנט, נעהמען זעהר גערן אויף אורחים מיט אלע כבוד'ן: האלזען זי, קלעפען אין זי און קריכען זי אונטער די נעגעל. הערשעלעס קראצען זיך און אנצוהערעניש-געבען מיט די הענד, אז ער איז זי מוחל דעם כבוד, האט אקעגען אזעלכע נפשות נישט געהאלפען. זי האבען זיך טאקי געטאן זײערס, זיך געדרעהט, געארבייט ארום דעם אורח מיט גרויס פערגניגען, ביז ער האט געמוזט זיך אבטראגען שא, שטיל און זיך געלעגט פּשוט אויף דער ערד.

אט אזוי האט זיך אויסגעלאזט הערשעלעס יענער פרעהליכער טאג אויף וועלכען ער האט אזוי ארויבגעקוקט און זיך פירגעשטעלט אין איהם גרויסע גליקען!...

מארגען נאך גאנץ פריה האט די מאמע זיך געאיילט אין שטאדט אריין וועגען איהרע געשעפטען. שפעטער אביסעל נאך איהר איז אויך אוועק דער טאטע. ביים אוועקגעהן קוקט ער זיך ארום, אז די קעשענע איז איהם צוריסען און פאר גרויס איילעניש האפּט ער און ניט איבער דאס

ביטעלע מיט זיין ביסעל פאַרמעגען הערשעלען, וואָס איז איבערגעבליבען אַליין נעבען די זאַכען.

אונזער הערשעלע דערטאַפּט פון אַ זעקעלע אַ שטיק ברויט מיט אַ גרויסער, געלער אוגערקע, אויך אַ ציינדיל קנאָבעל און נעהמט זיך וואויל טאָן, עסען געשמאַק, ווי אויפשטעהענדיג פון אַ קרענק.

אונטערגעלעהגט דאָס האַרץ בעקומט ער שטאַרק יצר-הרע אַרויס-צוגעהן אויף אַ ווײַלע אין דרויסען, אָנצוקוקען וואָס פאַר אַ פנים גלופּסק האָט.

פאַר הערשעלעס אויגען עפענט זיך עפּיס גאָר אַ נייע וועלט. אלס-דינג איז פאַר איהם ניי, גלייך ווי ערשט בעשאַפען געוואָרען, ערשט אַרויסגעקראָכען פון דער ערד. ער שטעהט פערגאַפט, פערריסען דעם קאָפּ און ווייסט נישט אויף וואָס פריהער צו קוקען. נאָר צום ערשטען וואַרפט זיך איהם אין די אויגען אַ געדיכטע קאַשע פון יודען. מען לויפט, מען שטופּט זיך אין יאָגעניש ווי אויף אַ שרפה. יודען, יודענעס, קינד און קייט — אָהן עין-הרע ווי באָב! — אויסגעמישט אין אַלע אינאַיינעם, אָנגעטאָן אין אַלערליי מלבושים, פון צעריסענע שמאַטעס ביז די טייער-סטע קליידער. צווישען זיי אויך נקבות אין סאַמעטענע מענטעלעך מיט זיידענע, פער-ריפּעטע קליידלעך, נאָר שררה'סטעס און ווען זיי זאָלען נישט געווען רעדען זינגענדיג הויך, אויף דער גאַנצער גאַס, מיט אַ קוויטש, שנייצענדיג דערביי די נאָז, וואָלט ער זיכער געמיינט, אז דאָס זענען פריצעס...

פון אַלע זייטען פאָהרען בוידען,ביידלעך, פוהרלעך, אַ טייל פער-פלאָנטען, פערהאַקען זיך מיט די רעדער, אַ טייל מיט די דישלעס, און זידלערייען, געשרייען, גוואַלדען ביז דעם זיבעטען הימעל.

דאָס וואָס רינשטעקלעך פלייצען אין די גאַסען, איז איהם קיין וואונדער נישט געווען, ס'איז דאָך אַ יודישע שטאָדט. אין קאַבצאַנסק איז געגוג די אייגענע סחורה. ווי דען אַנדערש? דערויף איז דאָך עס אַ גאַס אויף אויסצוגיסען דאָרט פּאָמייניצעס. אַ וואונדער איז איהם נאָר געווען די שפּיצעכדיגע שטיינער, וועלכע וואַלגערען זיך אין די גאַסען. צו-וואָס נאָך שטיינער אַזעלכע אויף צוברעכען ריק-און-לענד, אַז אָהן דעם קען מען אויך אין די גריבער דאָ פאַלען זעהר שען און ברעכען דאָס געניק! איינפאַלען זאָל איהם פלוצלים, אַז דאָס איז אַ ברוק, סטייטש ווי אַזוי, אַז געברוקירטע גאַסען זענען פאַר איהם געווען נאָך גאָר אַ סוד, נישט געהערט, נישט געזעהען קיינמאָל אַזוינס. אָט ערשט שפּעטער, אַז ער

איז זיך דערגאַנגען פונ'ם סוד, וואָס אַזעלכס בעדייט, איז איהם עס טאַקי שוין מעהר קיין וואונדער נישט געווען. אַזוי איז שוין טאַקי רעכט. אויך איז איהם קיין וואונדער נישט געווען די איינגעהיקערטע שטיבלעך מיט צעבראָכענע דעכלעך, אָנגעזעצט געדיכט איינס נעבען דעם אַנדערען, ווייל אַזוי בעדאַרף זיין, אַזוי האָבען אַ פנים הייזער, ווי געוועהנטליך יודישע הייזער. משונה ווילד האָט איהם אויסגעזעהן נאָר אין מיטען דרינען אַ מויערול אין צוויי, אין דריי גאָרען. רבונו של עולם, ווי שטיכט זיך עס אַ יוד אַרויף אַזוי הויך אונטערן הימעל און שטעלט זיך נאָך איין דאָס לעבען אַרויפקריכען צוהין אויף אַ שמאָל לייטעריל פון דרויסען! טאַקי נאָר ודוי, פריהער ווען מען געהט אויף אַזאַ לייטעריל טרויף, מוז מען אָבזאָגען ודוי, זיך געזעגנען מיט דעם לעבען.

די אויגען הערשעלעס האָבען אַלץ געקוקט, געפונען וואָס צו זעהן, דאָס קעפּיל זיינס האָט אַלץ בעטראַכט, געטראַכט און די פיס זיינע זענען זיך דערווייל אַלץ געגאַנגען, געגאַנגען ביז ער האָט פלוצלים זיך אַ חאַפּ געטאָן — ע-ע! ער איז פערגאַנגען ווייטליך און שוין לאַנג צייט צוריק.

צוריק אָבער ווייסט ער נישט דעם וועג. ער הויבט אָן פרעגען ביי יודען, ווי געהט מען צו דער קאַבצאַנסקער אכסניא. אַ טייל קוקען איהם, אין איילעניש, לויפעניש, בייזליך אָן, נישט צו ענטפערן אַ וואָרט. אַ טייל מאַלען איהם אויס בקיצור מיט דער האַנד:

— געה, יונגעלע, גלייך, גלייך, דערנאָך לינקס, ביז צו אַ געסעלע, דערנאָך רעכטס און ווייטער לינקס. דאָרט, יונגעלע, טהו אַ פרעג, וועט מען דיר שוין ווייזען.

הערשעלע, אַ ברירה האָט ער געהאַט, איז געגאַנגען, פערקראָכען אין געסלעך, זיין בלאָטעס, געשפּרונגען איבער שמאָלע, איינע פון די אַנ-דערע ווייט אָבגעטרעטענע קלאָטקעס, אָנחאַפּענדיג זיך דערביי אין דער זייט פאַר פּליטען. ער איז, אַ פנים אַריין גלופּסק אין די קישקעס, אין דעם מאָגען, וואו ס'איז געדיכט, עס שמעקט און פאַרגעהט אין נאָז. ער האָט געאַרבייט אויף אַלע כלים און איז, נעבעך, אָבגעגאַנגען מיט שווייס ביז ער האָט זיך אָנגעשלאָגען אויף אַ פיינעם יונגען מאַן, וואָס איז אַזוי גוט געווען זיך אָבצוגעבען אַ ביסעל מיט איהם.

קום זאָגט דער יונגער מאַן, בעטראַכטענדיג הערשעלען מיט אַ גוט שמייכעלע פונ'ם קאָפּ ביז די פיס. קום, איך וועל דיך אונטערפיהרען. ביזט דאָ, ווי איך זעה, נאָך גאָר אַ פרישין.

הערשעלע דאַנקט דעם יונגען מאַן פאַר זיין גוטען ווילען כמעט מיט טרעהרען אין די אויגען. —

— העלפען אַ גר איז אַ מצוה, מאַכט דער יונגער מאַן מיט אַ שיינענדיג פּנים. דאָ אין גלופּסק, טאָהר מען קיין פּריטץ נישט זיין, בּיי אונז דאָ בּעדאַרף מען גוט היטען די קעשענעס. פאַרשטעהסט-דו מיך, יונגעלע?

הערשעלע טהוט זיך גנעהענדיג אַ טאַפּ אין קעשענע.

— דו בּיסט שוין אַ חתן?

— ניין! — ענטפערט הערשעלע שוין מיט אַ פרעהליך האַרץ.

— פאַר וואָס ניין? אָט וועסט-דו זעהן, בּיי אונז וועט מען אין גיכען דיר שטעלען אַ חופּה.

הערשעלע שטיקט זיך פאַר געלעכטער.

— וואָס, דו גלויבּסט נישט? אָט וועסט-דו זעהן. לאַך דיר, לאַך, נישקשה! אָט איז אַ קלאַטקעלע. פאַמעליכען האָבּ נאָר אין זינען די קעשענע.

הערשעלע טהוט זיך ווייטער אַ טאַפּ.

— נו, ס'איז דאָ?

— שרעקט זיך נישט, ס'איז דאָ.

— פאַר אַ יאָהרען האָט זיך דאָס אייגענע טאַקי געטראָפען מיט אַ בּחור'ל ווי דו. ער האָט זיך אַלץ געטאַפּט, געמיינט, אַז בּיי איהם ליגט עס אין קעשענע דאָס בּייטעלע, און לסוף וואָס לאָזט זיך אויס? — בּוירעם! די קאַרמאַנשטשיקעס, בּרענען זאָלען זיי, האָבּען עס בּיי איהם נישט פאַר דיר גענדאַכט, דערטאַפּט און אַנשטאָט דעם אַריינגעלעגט אַהין עפּיס שפּאַרגאַלען, אשר-יצר-פּאַפּירלעך. דו פאַרשטעהסט? — נעהם עס, מחילה, טאַקי אַרויס און קוק רעכט אָן. פויל טאָהר מען נישט זיין.

אונזער הערשעלע איז נישט פויל, נעהמט אַרויס דאָס בּייטעלע און האַלט עס פאַר די אויגען.

— זעהסט-דו, האַ? וואָס איך האָבּ דיר געזאָגט! — דאָס זענען די לעצטע ווערטער פונ'ם פיינעם יונגען מאַן, וואָס אויסחאַפּענדיג הערשעלען פון די הענד דאָס בּייטעלע, מאַכט ער אַ פּליטה און ווערט בּאַלד ווי אויסגעטריקענט.

הערשעלע בּלייבּט אין דער הייסער מינוט שטעהן ווי אויסגעפּאַטשט מיט אַ פּאַר אויסגעשטעלטע אויגען און אַיין אָפען

מויל, נישט צו-וויסען, וואו ער איז און וואָס מיט איהם טהוט זיך אַזוינס.

דעט עולם'ס ווערטיל: „אַ גאַסט אויף אַ וויל זעהט אויף אַ מייל" האָט טאַקי זיך אַקוראַט געפּאַסט צו הערשעלען. בּאַלד אין דעם ערשטען טאָג פון זיין קומען האָט גלופּסק זיך פאַר איהם „ענטפּלעקט" מיט איהר גאַנצען כּבוד און שענקייט: מיט איהרע שמאָלע קרומע הינטער-געסלעך, מיט איהרע „פּיסקעס", לעוואַדעס, רינשטאָקלעך, שטאַרק שמעקענדיגע קאַליזשעס, געדיכטע און שיטערע בּלאָטעס און מיט איהרע גנבים, בּייטעל-שניידער — און דאָס ענטפּלעקעז זיד איהרס איז איהם בּאָקום אויסגעפאַלען.

פאַרשמירט, פאַרדריפּעט, [illegible]יט אַ פרישצאַפּעלדיגען גלופּסקער קאָטער איז הערשעלע ערשט אַרום מנחה-צייט געקומען בּעטריבּט צוריק אויף דער אכסניא. נישטאָ קיין טאַטע, קיין מאַמע און די קלימקעס — אויך נישטאָ! ער בּלייבּט טויט מיט אַלע אברים, קוקט ווי אַ דולער און דאָס האַרץ טיאָכקעט איהם שטאַרק. פּלוצלים דערהערט ער, ווי מען בּייזערט זיך אויף איהם מיט די ווערטער

— אָט האָסט-דו איהם. דאָס שענע בּחור'ל! וואָס זאָגסט-דו, איך בּעט דיך, צו זיין טאַטען?

און ער דערזעהט פאַר זיך ריזע די בּעל-אכסניא'טע.

ריזע איז אַ קורצע, דיקע, בּרייטבּייכיגע יודענע, שוין אין די יאָה-רען, מיט אַ געשטופּעלט פּנים, וואָס איז שטענדיג פערשוויצט און מיט אַ צווייגאָרענדיג גיידעריל. אַ שנירעל שיטערע הערלעך ציהט זיך איהר אויף דער אויבּערשטער ליפּ, וואָס פערדרייסט זיך בּיי יער רעכטער בּאַק אַרויף, אַזוי אַז מען זעהט אַ רויט שטיקעל צונג אַרויסקוקענדיג דורך אַ היבּש שפּעלטיל אויפ'ן אָרט פון צוויי אויסגעפוילטע ציינער. אַיין עק פאַרטוך איז איהר שטענדיג פאַרשטעקט, דער בּוזים צושפּילעט. די צוויי עקען פונ'ם קאָפּען-טיכעל זענען פערוואָרפען אַ הינטען און האַלט געוועהנטליך אין דער האַנט אַ פּאַלאָניק — אַ בּעווייז, אַז זי פּאָרעט זיך שטענדיג נעבּען אויבּען. זי רעדט שרייענדיג, גיך און איין אָטהעם פונ'ם האַרצען מיט אַ בּייזער; עס דאַכט זיך, זי איז שטאַרק אויפגע-בּראַכט, קריגט זיך, הגם זי מיינט, חלילה, נישט קיין שלעכטס און איז בּטבע אַ גאַנץ גוטע. דאָס איז בּיי איהר גלאַט אַזאַ לשון, אַזאַ שטייגער רעדען, וואָס האָט נאָך אויסגעאַרבּייט זיך פון אייביגע עסקים און צוטאָן-האָבּען איהר גאַנצ לעבּען מיט בּעל-העגלות. אין

דעם שמועס ווארפט זי אַליין אַריין „העז א ביסעל!" „וואָס זאָגסט=דו צו זיין טאַטען?" הויך אויף אַ נגון. אויך איז דער שטייגער איהרער ביים רעדען אָנצובויגען עפּטערס דעם קאָפּ אין דער זייט און אַ פאָהר טאָן מיט'ן שפּיץ נאָז איבער דעם אַרבעל, טאַקי אַ וויש אויף דער גאַנצער לענג פונ'ם אָרעם.

— וואָס זאָגסט=דו צו זיין טאַטען? — איז רייזע אַרויס מיט איהר שרייענדיגען לשון אויף אונזער הערשעלען, נעבעך, און טאַקי אַ גוטען פאָהר געבענדיג מיט דער נאָז איבער דעם אַרבעל. ווי ווערט עס א בחור'ל פערפאַלען, העז אַביסעל! קוקט איהם נאָר אָן, דאָס שענע בחור'ל! נעהמט זיך און ווערט פערפאַלען!

הערשעלע שטעהט אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ, ווארגעדיג זיך מיט טרעהרען און שווייגט.

— ער שווייגט נאָך, דאָס שען בחור'ל! טאַטע און מאַמע שטאַרבען דאָ. און ער, העז א ביסעל! שטעהט ווי אַ לֶמך און שווייגט.

— אוי וועה=וועה מיר! — טהוט הערשעלע א געשריי און צוזליפּעט זיך, מיינענדיג טאַקי, אַז די עלטערן זענען אויף דער וועלט שוין נישטאָ און ער איז געבליבען אַ יתום.

— נו, חליפּע נישט, פערפאַלען! — טרייסט רייזע אונזער וויסט יתום'ל. ווייטער זאָל אַ בחור'ל אַזוינס מעהר נישט טאָן. טאַטע און מאַמע זענען דאָך אָהן אַ נשמה... די נשמה איז זיי אויסגעגאַנגען לוויפענדיג...

— איק=איק=איק! חליפּעט הערשעלע מיט אַ פאַרקלעהמט האַרץ. וויל עפּים זאָגען, נאָר עס שטיקען איהם די טרעהרען און קוים וואָס ער ברענגט אַרויס פון מויל איקעדיג א פּאָר האַלבע צעבראָכענע ווערטער: מאַם... געשטאָר... איק...

— אוי, אַ דונער האָט מיך נישט דערשלאָגען — טהוט זיך יזע אַ האַפּ, ער מיינט „שטאַרבען" הייסט טאַקי געשטאָרבען... עס רעדט זיך נאָר אַזוי, נאַרעלע, ס'איז אַזאַ לשון... העז א ביסעל! טאַטע און מאַמע האָבען טאַקי געקענט שטאַרבען. נו, שאַ, אָט וועלען זיי באַלד קומען געוואָהר ווער'ען. נאָך ביי טאָג האָבען זיי זיך מיט די זאַכען איבערגעקליבען ערגיץ, ווייס איך וואו? פערקויפט די הינער, די אייער, איך אַליין האָב אויך געהאַנדעלט. שאַ

אָט וועל איך דיר געבען פון דער מאַמעס אייער. אַ הערצפּיג איז מיר! העז אַביסעל, אַ גאַנצען טאָג האָט ער נישט געגעסען! — נעה וואַש זיך און זעץ זיך צום טיש.

אונזער הערשעלע איז פון טויט לעבעדיג געוואָרען און זיך גענומען אונטערלעהנען זיין האַרץ מיט אַ פּרעזשעניצע, וואָס רייזע האָט אין דער גיך צוגעטראָגען איהם צום טיש, מאַכענדיג דערביי אויף איהר שרייענדיג בייזערענדיג קול:

— נאַ, עס געזונט, האָסט=דו געהערט, העז א ביסעל, מען זאָל אַזאַ טאָג אָבפאַסטען!

באַלד זענען נישט טויט לעבעדיג אַריינגעלאָפען אין שטוב דער טאַטע און די מאַמע, אַ געשריי, אַ געפילדער. אַ פריידמיט אַ רוגזא און אַ מוסר=זאָגען אינאיינעם.

— געלויבט איז גאָט! — שרייט די מאַמע מיט אַ פרעהליך האַרץ און מאַכט דערביי טאַקי, קוקענדיג אויפ'ן זוהן, א בייז פנים. — דו ווייסט, וואָס דו ביסט פאַר אַזאַ מעשה ווערטה...

— סטייטש, סטייטש! — פייערט דער טאַטע, אַזוינס צו טאָן! דו ביסט דאָך ווערטה, סטייטש, סטייטש, ווי אַ הערינג זאָל מען דיך צעררייסען!

— העז אַביסעל! — איז רייזע [illegible] אַ גוטע מליצה, אַרויס אויף איהר שפּראַכע, אַ פאָהר=געבענדיג [illegible] דער נאָז איבער דעם אַרבעל. — שענע טאַטע און מאַמע מען זאָל איבערלאָזען אַ קינד אַליין ווי אויפ'ן וואַסער! ער שרייעט! וואָס זאָגסט=דו, איך בעט דיך, צו זיין טאַטען? אַ קינד איז אַ קינד. וואָס דען? אָט שווייגט בעסער, שווייגט!

— אוי, ווי דו ביסט פאַרשמירט, פאַרשלומפּערט. — שרייט די מאַמע אויף הערשעלען ברעכענדיג די הענד — עפּים גאַנץ גלופּסקער בלאָטע ליגט אויף דיר!

— איך בעט אייך, וואָס זאָגט איהר צו איהר? — זאָגט רייזע צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ — די פּריצטע — אַ קאַטאָוועס אַ פּריצטע, עס געפעלט איהר נִיט דעם זוהנס קאַפּאָטע, קען גאָר אויף דעם נִיט קוקען! אַ קאַפּאָטע ווי אַלע קאַפּאָטעס ביי אונז דאָ, און וואו שטעהט דאָס אין דער תורה, אַז אַ איד מוז געהן דוקא מיט'ן פּוץ? — אויב גלופּסקער בלאָטעס געפעלט נישט דער פּריניצעסין, איז אָהן סכּנה, נישקשה, גלופּסק האָט נִיט פערלאָרען ביי אונז דעם חן אַזוי ווי א

איז. אַלע לעבען מיר, ברוך השם, אָהן בושה און אָהן שאַנד. דאָס קינד איז, נעבעך, מיעד, שוואַך, נישט געגעסען דעם גאַנצען טאָג, און זי... וואָס אַרט דאָס זי? מעגסט זיך, כ'לעבען, שעמען און לאָז איהם געמאַך!

רייזעס ווערטער האָבען געווירקט און פון יענע צייט ה[illegible]ערשעלע ליעב געקריגען רייזע בײַ זיך אין האַרצען.

דאָס פינפטע קאַפּיטעל.

אונזערע פאַרשווינען זענען געשטאַנען צושיידט אויף בעזונדערע סטאַנציעס. נישט דערפאַר ווייל איטליכער פאַר זיך האָט בעדאַרפט האָבען זיין חדר, זיין אָרט בעזונדער. חלילה! גאַנץ רייכע יודען אפילו לאָזען זיך אויף דער אַכסניא בעגנינגען מיט אַ בעטיל און שטעהען דריי, פיער איהרע אינאיינעם, אַבי עס זאָל וואָלוועל קאָסטען. נאַרישקייטען! ע-ים בעדאַרף דען אַ יוד האָבען עולם-הזה? — נאָר וואָס דען? ווייל אַנדערש איז גאָר טאַקי נישט מעגליך געווען.

דער טאַטע האָט, ווי געוועהנטליך, זיך אויפגעהאַלטען ווי-ס'איז בײַם שמש פון דעם קלייזעל, וואו ער פלעגט ימים נוראים דאַוונען. דעם שמש'ס דירה איז קוים גענוג געווען פאַר זיין אייגען געזינד. נאָר ווי זאָגט מען עפּיס בײַ אונז יודען — וואו צוויי איז אויך אַ דריטער. און מיט דעם דאָזיגען כלל שטעקט אַ יוד, נעבעך, אַריין דעם לעפעל צו יענעם אין שיסעל, שטופּט זיך אַריין וואו ס'איז ענג, קריכט אַריין מיט אַ פוס צו יענעם אין ביטעל, האַפּט אַ קוק צו יענעם אין מחזור, שפּאַרט-זיך צו ווי-ס'איז צו יענעם אויפ'ן געלעגער, קוועטשט זיך אַריין אין בויד צווישען פול אָנגעזעצטע פאַרשווינען און שטערבעט, נעבעך, אַב אַזוי דאָס גאַנצע לעבען. עט, וואָס מאַכט עס אויס? אַבי איבער-קומען; אַבי אָבפּטר'ן, משטיינס-געזאָגט, דאָס עסען; אַבי האַפּען אַ דרעמיל; אַ נאַכט איבערצולעבען; אַבי יוצא זיין און ווי-ס'איז דערהאַלטען די נשמה. דערבײַ האָט טאַקי לייזער-יאַנקיל* מיט דעם שמש זיך גע-רעכענט עפּיס שטיקלעך קרובים, און ווי דער אײַנפיהר בײַ אונזער עולם איז, האַלט עס אַ יוד זיך פאַר אַ מוז צו פערפאָהרען צו זיינעם חאָטש

א גאַנץ ווייטען קרוב, ווייל ווען נישט — אַזוי טײַטשט ער עס — וועט ער איהם, חלילה, בעליידיגען און יענער ווידער קען אויף איהם ברוגז זיין. און אויב לייזער־יאַנקיל איז דאָס מאָל מיט דעם ווייב, מיט דעם קינד און האַק־פּאַק מיט די עופות באַלד טאַקי נישט פערפאָהרען גלייך צום שמש — איז ערשטענס דעריבער, ווייל ער האָט גוט געוואוסט, אַז אַזוינס איז ריין אונמעגליך. אַ וואָס, יענער קען פּאַראיבעל האָבען, — נישקשה, אָהן סכנות! ער וועט עס איהם געבען צו פאַרשטעהן. — און צווייטענס, וואָס מיינט איהר? איז דאָס טאַקי גאָר געווען דעם שמש'ס מזל'ן גליק...

די מאַמע איז נעגאַנגען אויף סטאַנציע צו איהרער אַ בעקאַנטער יודענע פון קאַבצאַנסק, אַ קעכנע אין אַ נגידיש הויז, וואו זי האָט אָבגעזעצט עטליכע צעהנדליג איער און אַרויסגעקוקט אַנצונעהמען ביי דער בעל־הבית'טע אַ פּאָר טוץ זאַקען אין גלייכען געלד אויסצואַרבייטען און פון אַ צוואַנציג געגזלעך פעדערען איבער'ן ווינטער אויסצופליקען. די מאַמע האָט גאָר געשיינט אין דעם שלייער, אין דעם שבת'דיגען טיכיל אויפ'ן קאָפּ, איהר איז, אַ פּנים, אין קיך גאָר נישט שלעכט געווען, זי האָט זיך דאָרט אויסגעגלייכט די ביינער. די קעכנע האָט זי צוגעפּילעוועט, איהר אַלץ אונטערגערוקט צו קייען, אַנטרייבענדיג זי אַלץ: עסט, מלכה־טויבעניו! עסט, עסט, מיין הארץ.

ביידען האָט דאָס מויל זיך נישט צוגעמאַכט, אַלץ גערעדט, גערעדט, זיך אויספרעגענדיג איבער פיעל מענשען, בעקאַנטע און אויך ווילד פרעמדע, אַזעלכע וואָס געהערען זיך מיט זיי בכלל נישט אָן. זיך דערמאָנט אַלטע מעשיות, וואָס נאָך מיידוויי!

— געדענקט איהר, געדענקט איהר, מלכה־טויבעניו!

— געדענקט איהר, געדענקט איהר, טריינע־סאָסעניו!

ביידע האָבען זיך געשמאָלצען, געקוקט איינע אויף דער אַנדערער מיט לייכטעגדיגע אייגעלעך, ביים שמועסען עפּיס מיט חן צונויפגעצויגען, איינגעשנירט די ליפּעלעך, איינער דער אַנדערער אַלץ: סערדצע, קרוין, זאָלט איהר מיר געזונט זיין!... עס פאַרשטעהט זיך, אַז פון אַלע זאַכען האָט מען נישט פאַרגעסען דעם עיקר — רכילות, דאָס בעסטע געווירץ, די געשמאַקסטע בשמים אין איטליכען ווייבערשען שמועס. מען האָט מקיים געווען דעם מנהג, אָבריכטען, אָבשפּעטען מיט אַלע דינים און כוונות, וואָס דרינען שטעקט. טריינע־סאָסיע האָט עס מקיים געווען גאַנץ פּראָסט אָהן חכמות — געפּלאַקערט, גערעדט מיט אַפּעטיט, גיך.

געשווינד, ווי עס געהער צו זיין... מלכה־טויבע אָקעגען האָט דאָס אייגענע טאַקי מקיים געווען, נאָר מיט שמד־שטיק. אַלץ צוגעשאָקעלט מיט דעם קאָפּ, געגלאָצט די אייגעלעך מיט אַ יראת־שמים־פּנים'ל, כלומר'שט ווייל זי נישט יענעם בערעדען, פע! — נאָר ביי זיך אָבער האָט זי דערפון שטאַרק הנאה, בעלעקט זיך אַזש פּאַר תענוג און וואַרפט אין שמועס אַ מאָל אַריין אַ וואָרט, עפּיס מיט פיעל טייטשען, אַזוי און אַזוי. דאָס וואָרט איהרס, וואָס דאַכט זיך אין פלוג גאָר נישט, עט... ציהט ערשט טריינע־סאָסיען ביים צונג און פּידעט זי אונטער צו פלאַקערן און צו רעדען, שפּעטען נאָך מעהר.

— זאָלט איהר מיר געזונט זיין, מלכה־טויבעניו! — הויבט אָן טריינע־סאָסיל צו מאָלען מיט דעם צינגעל און אַ מאָס רעדן איבער די בעלי־הבית'טעס אויסצושיטען. — וואָס ווייסט איהר, וואָס פּאַר אַ שלעק זיי זענען, די אַלע שענע היינטיגע בעלי־הבית'טעס! ביי וויפיעל איך בין איבערגעווען, איז אַלץ איינע ערגער פון דער אַנדערער. איטליכע מיט איהר מאַנקאָליע, מיינע צרות אויף זיי! האָבען נאָר ליעב אָט וואָס, זיך צו דרעהען, טאַראַראַמען, פילדערן, קלינגען מיט די שליסעלעך. מיינען, זיי טהוען עפּיס. און מעגמער ווייסט איהר וואָס?

— וואָס, וואָס? — ווזקט מלכה־טויבע אַריין אַ ווערטיל, כלומר'שט תם און ציהעט דערמיט טאַקי ביי טריינע־סאָסיען ווערטער פונ'ם מויל.

— גאָרנישט!... צוהיצט זיך טריינע־סאָסיע, ווייס איך וואָס ביי זיי הייסט עס, גאָר אַ געלעכטער, כ'לעבען, די איז אַ בריה, פול אין איטליכס ווינקעלע. יאָ, אמת טאַקי, אָבער קיינמאָל נישט אין יענעם ווינקעלע, וואו מען בעדאַרף. גלייך ווי זי שפּיעלט זיך אין בעהעלטעניש. זוכט מען זי דאָ, איז זי גאָר דאָרט און בעדאַרף מען זי דאָרט, האַ־האַ! איז זי דאָ... דער מאַן זוכט, די קינדער זוכען, מען רופט, רופט און זי שרייעט פון ערגיץ אַרויס אין איין כעס. — יענע ווידער, מיינע חעהטיגען אויף איהר, געטרויט נישט די שיין, צעהלט די גרויפען אין טעפּיל, פאַר אַ האַלבען גראָשען וואָלט זי זיך געלאָזט די אויגען אַרויסנעהמען, וואָס איז?

—אַ בעל־הבית'טע, וואָס דען? זי וויל אייננברענגען... מאַכט מלכה־טויבע מיט אַזאַ מינעלע, עפּיס ווי אויף קאַמאַוועס און עפּיס ווי גאַנץ ערענסט.

— יאָ, איינבריינגען! מאַכט טריינע־סאָסיע שטאַרק פאַרקרימענדיג

זיך. זי וויל איינברעננען פונ'ם עסען א גראָשען און אליין ברענגט די דעם מאן אוים — וויים איך אויף וואָס — הונדערטערם!... איינע, עפּים א שלימזל, האנדעלט איין אין מארק אלע מציאות, אייער א מציאה, פּוטער, שמאלץ א מציאה, נאָט שיקט איהר אלץ צו. האָט א שפּיזארנע מיט אלעם גוטען און האלט עס אָבער אונטער'ן שלאָס אזוי...

— אייערע מיינט איהר? חאפּט זיך מלכה=טויבע ארוים מיט א וואָרט. ביי אייערער איז עס אלץ אונטער'ן שלאָס? — א גוטע בעל-הבית'טע, כ'לעבען!

— טפו, א גוטע בעל=הבית'טע, כ'לעבען! זאָגט טריינע=סאָסיע איבער יענערס ווערטער מיט א ביז געלעכטעריל, אויסשפּייענדיג דריי. האלט עס אונטער'ן שלאָס אזוי לאנג די אלע מציאות, ביז די אייער ווערען טוכל'ע, די פּוטער בעקומט א ריח, דער איינגעמאכטס נעצוקערט און מען וואַרפט עס דערנאָך ארוים... די אנדערע, עפּים א שטיק פליישׁ, ליגט איבער שטענדיג אין קיך, מישט זיך צום טעפּיל. וויים איך וואָס? חאַטשע מען בעדארף זי דאָרט האָבען ווי אויגענוועהטיג. פאַרקעהרט, דורך איהר מישען זיך ווערט ערשט א מישענינע: דער נעפּראַטענם צוגעברענט, די יויך אויסגעלאפען און ב'איז נאָר א צעפּוקעניש...

— שונאים, שונאים! א צעפּוקעניש די שונאים! — מאַכט מלכה=טויבע, אונטערלעקענדיג זיך. — עסט אייך, טריינע=סאָסיעניו, נישט אָב אזוי דאָס הארץ!

— טפו זאָלען זיי ווערען! — שפּייט טריינע=סאָסיע אוים. וואָס ווייסט איהר, וואָס ווייסט איהר? מלכה=טויבעניו!... איינע נישט קיין רעכטע! אלע זענען זיי שלימזלניצעס, לעדיג=געהעריגס, האָבען נישט וואָס צו טאָן און גיבען זיך אוים קלאָמפּערשט פאַר בריות. א קאַטאָוועס, אָהן זיי וואָלט די גאַנצע שטוב הארנעם=קאָרנעם זיך איבערגעקעהרט. טאָמער ווייסט איהר וואָס? — גאָרנישט!... פריהער בין איך געווען א נאַר און זיך גענומען צום הארצען, פלעג פון זיי קייען די ערד. און היינט אָבער האָב איך מיך מישב געווען — א=א, צו אייער קאָפּ, צו אייער לייב און לעבען! איהר ניסמערט, רעדט, בייזערט זיך, שרייט אייך משוגענער'הייז און איך טהו מיר מיינס. ווערט צוזעצט!... וואָס איז, טאָמער ווייסט איהר, עולם=הבא וועל איך האָבען? אדרבה, זאָגט, קרוין, סערדצע, און איך אליין פאַר מ'ר, וואָס איז, וואָס, בעדאַרף נישט

עפּים האָבען?... איהר פאַרשטעהט דאָך מיך, מלכה=טויבעניו, געזונט זאָלט איהר מיר זיין.

— זאָלט איהר מיר געזונט זיין, טריינע=סאָסיעניו! יאָ דען, איך פאַרשטעה נישט? איך פאַרשטעה זעהר גוט.

— וואָס, סערדצע, בין איך אפשר נישט גערעכט? וואָס איז, טאָמער ווייסט איהר פון די שכירות, וואָס איהם נעהם, וועל איך מיך א שען ביסעל מייערן? און אייביג, הא, וואָס איז, וועל איך דיענען? ווי זאָגט מען עפּים, א מענדי איז נישט קיין אייביג געזעהר. כל=זמן מען לעבט, לעבט מען און מען בעדאַרף זיך זאָרגען פאַר שפּעטער אויך. איך זאָל מיר נישט געווען דאַראָבען — שאַ, צווישען אונז זאָל עס בלייבען — אַביסיל פונ'ם מעהל, אַביסיל פונ'ם קצב, אַביסיל פונ'ם איינקויפען, וואָלט מאַקי געחען א וועהטיג מיינע שונאים. צו וואָס לאָמיר זיך דאָ נאַרען, מלכה=טויבעניו? — נישקשה! איהר פאַרשטעהט? צו דעם וואָס לעבט אייביג האָב איך קיין טענות נישט. נישט צו פאַרזינדיגען. האָב, געדאַנקט איז זיין ליבער נאָמען, וואָס אָנצוטאָן. — מיין קאַסטען קליידער האָט איהר נאָך נישט געזעהען? קומט, סערדצע, וועל איך אייך ווייזען.

און טריינע=סאָסיל נעהמט זיך ווייזען איהר גוטס, צולענט איהר קרעמיל: שמיוועלטלעך אויף קנעפּלעך, איין קליידיל, דאָס אַנדערע געגייעט נאָך דער לעצטער מאָדע מיט שליארקעלעך. א זיידענע פּעלע-דינקע אויסגעגייט מיט גראַנאַטלעך, א קאָפּטעלע, א שבת'דיגען בורנאָס מיט קוטאַסען.

זי האַלט זיך פּיד=באָקים און שמאָכט. מלכה=טויבע קוקט זיך צו, ווי א מבינה, צו איטליכער זאַך, טאַפּט און שאַצט. דאָס פּנימעל לויכט איהר, ווי זי שעפּט פּיעל נחת פון טריינע=סאָסלען, וואָס דער אויבערשטער האָט זי אזוי געבענשט, מאַכט אָך=אָך! פּערוואַרפענדיג מיט די אייגעלעך, אַלץ: געלויבט איז השם=יתברך, געלויבט איז זיין ליעבער נאָמען! און ווינשעוועט, ווינשעוועט, פאַרזיכערענדיג ביי איטליכם מאָל טריינע=סאָסלען, אַז ווי דאָס לעבען אזוי ליעב און טייער איז זי איהר. זי האָט שוין דאָס געזאָגט און זאָגט כאַקי:

— א פּנים אויף דער גאַנצער וועלט איז דען נאָך דאָ אזא טריינע=סאָסעניו? קיין צער!

ביידע שמעלצען זיך און ווערען ברייטער ווי לענגער פאַר גרויס פערגניגען.

לאָמיר דאָ איבערלאָזען אויף א ווײלע דעם מלך מיט דער מלכּה — דעם מלך בּיים שמש, די מלכּה אין קיך — און זיך נעהמען צום בּן־מלך.

אונזער בּן־מלך, הערשעלע, איז זיך געלעגען אויסגעצויגען, ווי בּיים טאַטען אין ווײנהויז, אויף א בּאַנק אין קלייזיל. דאָרט איז פאַר א געווען נישקשה׳דיג פון א אָרט אויף־אָנצושפּאַרען דעם קאָפּ. די בּאַנק איז געווען צוויי מאָל לאַנג ווי ער, אַזוי אַז ער האָט געקענט אויסשטרעקען די פיס גאַנץ פריי און אָנשטאָט אַ קישעלע צו־קאָפּענס האָט איהם זעהר גוט געדיענט דאָס פאָרענטשעלע. מורא צו האָבּען געבּטיגען דאָרט האָט ער נישט געהאַט וואָס, ווייל ער איז נישט געווען אַליין, מיט איהם האָבּען געשלאָפען אין קלייזיל נאָך עטליכע יודען, בּטלנים. אומעטיג איז דאָרט אויך נישט געווען, מען האָט געשמועסט, דערצעהלט וואונדערליכע זאַכען, נישט ערגערע פון קאַבּצאַנסקער. גלופּסק, נישקשה, געהט אויך גאָרנישט אָבּ. דאָרט זענען אויך דאָ יודען, אויך די אַלע שענע מעשיות. דאָרט שטעהט אויך פריי דער וועג צום הימעל, און מען פערקריכט אויף איהם טאַקי אויך קיין בּויבּע־ריק... גלופּסק מיט בּויבּעריק איז ווי איין שטאָדט, אָקעגען א גוטע העלפט גלופּסקער יודען זענען בּויבּעריקער.

דאַכט זיך, גאָר קיין מעשה נישט. אונזערע פאַרשוינען זענען, בּרוך־השם, טאַקי געווען פערזאָרגט, נישט פערזינדיגען, אַלסדינג גוט, עס האָט נאָר געפעהלט אַביסעל געזונט

הערשעלע האָט פונ׳ם ערשטען טאָג קומען קיין גלופּסק בּעקומען א קאַטער, אַביסעל אונטערגעהוסט, דאָס קולכען איז איהם געווען צו־געלעגערט, הייזעריגליך. פונדעסטוועגען איז ער אויפגעשטאַנען צו די ערשטע סליחות און אונטערגעהאַלטען דעם טאַטען. זיין געליינקיל איז אמת טאַקי געזען געדריפּעט, זיין קווײטשעלע געפּייפט, אויסלאָזענדיג זיך מיט א גרילץ, נאָר אָהן סכּנות. איין מאָל, איז אָהן איהם אויך געווען העלפערס, פיעל פונ׳ם עולם האָבּען, ווי געוועהנליך, אָבּגעענטפערט, זיך אָבּגערופען „בּים־בּאַם!״

אונטערבּימקען יענעם זענען דאָ בּיי יודען זעהר פיעל בּעלנים, אויב „בּאַם״ פּאַסט אָדער ניין — אַלץ איינס, אַבּי זיך אריינגעטישט, אַבּי א שטימע, לאָז יענער נישט מיינען, ער אַרבּייט אַליין... און צווייטענס, איז א צוגעלעגערט קול עפּיס טאַקי גאָר ווי געוואונשען צו סליחות, עס פּאַסט צו[illegible] מען פיהלט, אַז ס׳איז סליחות. אין דרויסען איז שטאָק

פינסטער, נאַכט. אומעטום שאַ — די גאַנצע וועלט שלאָפט. נאָר יודען חאַפּען זיך אַראָבּ פון די געלעגערס, געניצען, קנאַקען אויס די בּיינער, דער שלאָף ליגט זיי אויף דער בּרוסט, עס טריקענט זיי אין האַלז און זיי שטאַ־קען זיך, לויפען פערשמאַכט אין שוהל אַריין, גיסען דאָרט אויס זייער האַרץ פאַר דעם לעבּעדיגען גאָט אין הימעל און קלאָגען זיך, נעבּעך, פאַר איהם אויף א צולעכצט־בּרומענדיג־קרעכצענדיג קול, ווי א פערהאָגעלט, אומגליקליך דערשלאָגען קינד קלאָגט זיך פאַר דעם פאָטער אויף די צרות, וועלכע ער איז אויסגעשטאַנען, אַרומבּלאָנקענדיג זיך אין דער וועלט.

דאָס צולעכצטע, חריפענדיג־פערשמאַכטע קול — אָט דאָס ערשט ריהרט בּיים האַרצען, דרינען טאַקי ליגט ערשט דער בּריה, דאָס גאַנצע געפיהל פון רחמנות... אַז דאָס שלאָפע קינד, נעבּעך, חאַפּט זיך אויף פון היץ בּיי נאַכט, שטרעקט אויס מיט א געבּעט די הענטלעך צום פאָטער, קרעכצט, יאָמערט פאַר וועהטאָג אויף א טרוקען הייזעריגליך קול, פאַרגעהענדיג זיך אין א הוסטעלע — חאַפּט עס אָן בּיי דער לעבּער נעהמט ער אַרויס די נשמה און שטעכט אין דער זיבּעטער ריפּ...

און דער האָהן פון כּפּרות, איהם אַז מען גיט אין דערמיט נאַכט א טראָג פון דער סידעלע — קום צום „בּני אדם״! און ער צאַפּעלט, קרעכצט אויף א פערדומפּפט קול, רופט זיך דען זיין חריפענדיג קול נישט אָבּ אין האַרצען? רייסט דען זיין חאַרחלען נישט בּיי דער נשמה?...

דאָס זעקסטע קאַפּיטעל.

רבּונו של עולם! וואָס ליגט אַזוינס אין דיין האַרטער באַנק אין בית־מדרש, אַז דער וואָס נעכטיגט אויף איהר איבער אַ נאַכט מיט דעם קולאַק צוקאָפּענס שטעהט דעם אַנדערען טאָג אויף עפּיס גאָר אַ אַנדער מענש, ווי ניי געבוירען?

שוין יעקב אבינו, אַז ער האָט אין וועג דענסטמאָל בּיי זיין אַוועק־לאָזען זיך פון דער היים, אונטערגענעכטיגט אין „יענעם אָרט" אויף אַ האַרט געלעגער, צושפּאַרענדיג דעם קאָפּ אויף אַ שטיין — האָט באַלד בּיים אויפשטעהן אין דער פריה געשפּירט: אין זה, נישט אַנדערש כּי־אם בּית אלהים, דאָ איז אַ בּית־המדרש, וזה שער השמים און דאָ איז אַ טויער צום הימעל. יאָ טאַקי צום הימעל. ליגענדיג אויפ'ן האַרטען גע־לעגער גאָר אין דעם ערשטען בּית־מדרש, נאָך אָהן ווענד, אָהן אַ דאַך, אָהן אַ אונטער־אויבען, האָט ער שוין דערזעהען נישט קראַקוי און לעמ־בּערג אַליין, נאָר אויך יענע וועלט — פייערדיגע מלאכים, וואָס האָבען איהם אין די אויגען זיך געדרעהט אַרויף און אַראָב עפּיס אויף אַ הויך ליטעריל פון דער ערד בּיז העט־העט אין הימעל אַריין — און יעקב האָט דערפיהלט אין זיך אַ גרויסע פאַרענדערונג...

נאָך אַ מאָל רבּונו של עולם! וואָס ליגט אַזוינס אין דעם גלות, אין דעם נע־ונד זיין אין דער פרעמד, וואָס דיינע קינדער ישראל, וועלכע עס האָבּען אַזעלכּם פון דיר אַ מתּנה, זענען דורכדעם אין דער וועלט עפּיס גאָר אַנדערע מיני מענשען, האָבען עפּיס גאָר אַ אַנדער פּנים, אַ אַנדער שטייגער לעבען, אַ אַנדער מזל, אַלץ־מיט־איינאַנדער עפּיס נישט ליטען גלייך?... אין דער צייט ווען אַנדערע זענען נאָך גאָר יונגלעך,

פריש־לעבעדיג, מאַכען זיך נאַריש און האָבען אין זינען עולם הזה, די וועלט, איז דיינס אַ יודעלע געעלטערט, געקנייטשט, איינגעהייקערט, פערזאָרגט און דערשלאָגען. דאָס קעפּעלע נאָר עס אַרבּייט: טראַכט, טראָגט, פליהט און אין זינען איז איהם נאָר תּכלית־זאַכען, אַזוינס וואָס האָט עפּיס אַ ווערטה, אַ קיום — עולם הבּא, יענע וועלט...

אונזער הערשעלען איז אין די ערשטע פּאָר טעג פונ'ם נע ונד זיין אין דער פרעמד און פון דעם שלאָפען אין קלייזיל אויף דער האַרטער בּאַנק נישט צו דערקענען געווען, אַזוי האָט ער זיך געענדערט, איבער־געבּיטען געוואָרען אינגאַנצען. קיין פרעהליכע מינע האָט מען פון איהם נישט געזעהען. ער איז געווען אַלץ עפּיס פערטראַכט, גלייך ווי הימעל און ערד זענען אויף איהם געפאַלען. דאָס וואָרט „תּכלית", וועלכס ער האָט פון די עלטערן געהערט צו דער בּר־מצוה, איז איהם טיעף אין האַרץ אַריין און איהם געעקבערט, געלעכערט דעם קאָפּ: געוואַלד תּכלית! וואָס וועט זיין דער תּכלית? מעז בעדאַרף טראַכטען, זאָרגען אָרום דער תּכלית —

און הערשעלע האָט זיך אַ געשמאַקען נעהם געטאָן צו דער גמרא. דען וואו אַנדערש האָט ער געקענט, נאָך זיין פערשטאַנד דענסטמאָל, געפינען דעם תּכלית, ווען נישט אין דער גמרא? אָט דאָ ליגט דאָס גאַנצע גליק פאַר אַ מענשען, דאָס בעסטע, וואָס ער קען נאָר דערגריי־כען דאָ אין דעם לעבען. בּיי אַ בּלעטיל גמרא מיט תּוספות לאָזט זיך שוין אויס אַלע חכמות, און אז גאָט העלפט נאָך, מען טרעפט־צו דעם מהר"ם־שיף'ס אַ קשיא, אָדער מען פאַרענטפערט דעם מהרש"אָ'ס אַ „ויש לישב", איז מען שוין אַ פאַרטיגער, אַ פערזאָרגטער מענש, מען קען שוין גליקליך אָבּלעבען זיין וועלט, אין עושר, אין כּבוד. אַ קאַטאָוועס עפּיס אַ למדן! מי לנו גדול, ווער איז אין דער גאַנצער וועלט גרעסער, שטאַרקער און האָט די גאַנצע דעה מעהר פון אַ יודען אַ וואויל־לעהרנער, אַ רב און אַ דיין? ווערלט האָט דענסטמאָל בּיי הערשעלען געהייסען — יודען. ווייטער, גאָרנישט! עס זענען דאָ אפילו עפּיס נאָך אַנדערע אויך, נאָר דאָס זענען גלאַט אַזוי זיך אומות העולם און וואָס געהען זיי וועמען אָן? וואָס קענען זיי, וואָס ווייסען זיי, משטיינס־געזאָגט! אז אין קיין חדר, ווי יודישע קינדער, געהט מען נישט, דאס וואָס בּיי אונז פאַר־שטעהט מען נישט, היינט וואָס־זשע?...

הערשעלע האָט פון דער שאַפע ספרים אין קלייזיל אַרויסגענומען אַ גמרא „בּבא קמא" און זיך געזעצט לערנען „שור שנגח את הפּרה",

ווי ראובן׳ס אָקס האָט געשטויסען שמעון׳ס קוה, הויך אויף אַ קול מיט אַ נגון, שטאַרק שאָקלענדיג זיך און וואו מען בעדאַרף דעם קוועטש, אַ טאַך געבענדיג מיט׳ן גראָבען פינגער.

הערשעלעס קעפּיל האָט שטאַרק געאַרבייט, געפלויגען אין דער לופטען. עס האָט זיך פאַר איהם געקייטעלט אין זאַך אין דער אַנדערער און ס׳איז מיט אַ מאָל אויסגעוואַקסען אַ גאַנצער לייטער, אויף וועלכען עס האָבען זיך געדרעהט אַרויף און אַראָב אַרישא, אַסיפאַ, אַמציעותאָ אין דער געשטאַלט פון בייזע ווייבער, וואָס קענען צווישען זיך ניט אויס־קומען און אויפ׳ן שפּיץ דער תנא קמא, דער גרויסער פריץ. הערשעלע וואַרפט זיך אין אַלע זייטען, פערפליהט ווילד, עס האַפּט איהם אַזש אָן אַ שווינדעל, עס פאַרדרעהט זיך איהם דער קאָפּ, אָט־אָט רייסט זיך איבער די לעצטע האָר, אין וועלכער ער האַלט זיך אָן — און פּלוצלים גיט עס מיט איהם אַ טראָג צוריק טאַקי צו ראובן׳ס אָקס און שמעון׳ס קוה. האַ־האַ דאָס קעפּיל איז איהם ווידער אויפ׳ן אָרט, ער צושאָקעלט זיך און לעהרענט מיט חשק...

מען מוז פריהער איבערנעכטיגען אַ היבש ביסעל נעכט אין בית־מדרש אויף דער באַנק האַרט ווי אַ שטיין, בכדי צו דערגרייכען דעם סוד פון אַזאַ לייטער, צו פיהלען דעם טעם דערפון און רעכט ווי געהעריג צו פערשטעהן, אַז דאָס אַלסדינג איז נישט גלאַט אַזוי זיך עפּיס זאכען, אַז ראובן׳ס אָקס און שמעון׳ס קוה זענען נישט מגושם־גראָב, פּשוטע קיה, וואָס נעהם און מעלק זיי אויס. ניין! זיי שטעלען זיך פיר גאָר אַנדערש, עפּיס ווי דער אָקס, דער ווידער, דער צווילינגיל און די בתולה דאָרט אין די צוועלף מזלות...

אונזער הערשעלע האָט געלערענט מיט אַ ברען, ווי ער האָט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבען אַזוי נישט געלערענט און דאָס האָט איהם גע־געבען צו חן און צו לייטזעליגקייט אין די אויגען פון פיעל מענשען אין דעם קלייזיל.

— אַ וואויל יונגעלע, האָט מען געזאָגט, ער בענעהרט לערנען!

דער טאַטע האָט זיך גאָר געשמאָלצען און דערצעהלט דעם זוהנס גרויסע מעלות אין אַ ברייטליכען שמועס מיט מענשען וועגען איהם.

— עט, האָט ער געמאַכט, וואָס ווייסט איהר, וואָס מיינער איז! די קאַבצאַנסקער מלמדים קענען זיך נישט זאַט אָבלויבען זיין גוט קעפּיל, זיין תפיסה. ביי צוועלף יאָהר — וועט איהר גלויבען? — האָט זיך ביי זיי אויסגעלאָזט תורה פאַר איהם. אויף זיינע קשיות איז ביי זיי נישט געווען

קיין תירוצים. דער תירוץ איז געווען אַ צוויי הייסע פּעטש, אַ קניפּ, אַ טראַך אין דער באַק בכיוון טאַקי, פאַרשטעהט איהר מיך, בכדי ער זאָל ביי זיך זיין געפאַלען, נישט מיינען, אַז ער איז עפּיס, אויך אַ מענש! באמת, מיינע ליעבע יודען, איז טאַקי אַזוי, אַ יונגעל טאָהר נישט האָ־בען זיין שכל; ווי אַ עלטערער זאָגט, אַזוי בעדאַרף זיין. אַ יונגעל בע־דאַרף וויסען, זאָגט אַ עלטערער טאָג, האָטש עס מעג זיך זיין נאַכט, איז טאָג, גאָר אָהן קשיות. אלא נישט, איז ביטער. היינט פרעגט ער אַזאַ קשיא און מאָרגען וועט ער שוין פרעגען גאָר עט־טע־טע! עס וועט איהם שוין נישט געפעלען, פאַרשטעהט איהר מיך, דאָס, יענס, אַ סך זאכען... איך זאָג עס אָקעגען דעם, אַז טאַטעס בעדאַרפען עס וויסען. אונזערע עלטערן פאַרצייטען האָבען עס פערשטאַנען בעסער פון די היינטיגע, דעריבער טאַקי איז געווען אַז גוט און וואויל. מילא ווי די מעשה איז, פּעטש אַהער, פּעטש אַהין, מיינער איז דערווייל אַרויס פונ׳ם חדר און האָט אָנגעהויבען אונטער מיין השגחה צו לערנען ביי אונז אין בית־מדרש אַליין פאַר זיך. עס פאַרשטעהט זיך, איך ווייז איהם אַ מאָל אונטער. ווי איהר קוקט איהם אָן־אָ, קען ער שוין, אָט־אָ דער שנעק, גאַנץ ביצה, קידושין, כתובות און נדה!...

אַזוי האָט געוועהנטליך דער טאַטע אויסגעלאָזט דעם שמועס מיט אַ שיינענדיג פּנים, אָנווייזענדיג פונדערווייטענס מיט אַ פינגער אויפ׳ן זוהן, און געטראַכט בשעת מעשה ביי זיך: האַ? אפשר וויל גאָט גאָר אַ שידוך... דערפון זאָל זיך אויספּיקען אַ כלה — טאַ!...

דאָס זיבעטע קאַפּיטעל

צו דערציילן דאָ, ווי לייזער־יאַנקיל האָט ראש־השנה שטאַרק געאַרבעט אין דאַווענען, וואָלט געווען אַ שטיקעל אומרעכט אַקעגן דעם איבעריגען עולם פונ׳ם קלייזיל, ווייל דער עולם יודען האָט פון זיין זייט אויך געאַרבעט, געשריגען מיט איהם אינאיינעם. לייזער־יאַנקיל איז אמת טאַקי געווען דער „שליח־צבור”, דאָס הייסט, דער דעפּוטאַט, אויסגעקליבען פון קהל, צו דעם רבונו של עולם; נאָר יודישע קינדער אָבער האָבען ליעב אומעטום זיך אַריינצומישען און ווען זייער דעפּוטאַט זאָל אפילו זיין מיט הערנער, אַ אַנטיק אין דער וועלט, דאָך קוים לאָז ער עפענען אַ מויל זיך עפּיס אָנצורופען, פאַלען זיי איהם אַריין אין דער מיט איטליכער מיט זיינס, איטליכער מיט זיין צינגעל אויף זיין שטייגער, טראַכטענדיג אין האַרצען: יענער מעג זיך זיין דאָרט וואָס ער איז, פאַרשטעה איך נאָך, נישקשה, אַ זאַך אפשר אַזוי גוט ווי ער. יענער מעג זיך הייסען מיין מענש, האָבען פון מיר אַ „כח־הרשאה”, פונדעסטוועגען קוקען איהם אין מויל אַריין צופיעל, טהאָר מען נישט, מען מוז איהם אַ מאָל ווייזען און אַרויס מיט אַ וואָרט. קלאָמפּערשט הייסט עס, יענער איז דער אַדוואָקאַט, דער שתדלן, מען פערלאָזט זיך איינגאַנצען אויף איהם, פונדעסטוועגען אַליין מוז מען אויך עפּיס טאָן, זיך קלאָגען אויבען, אין סענאַט פאַר דעם אויבערשטען און אָנבעטען הינטען־אַרום אויך די גרויסע שרים פּצפּציה וכדומה דאָס גאַנצע פּעקיל סטראַפּטשעס, סעקרעטאַרען מיט זייערע פאַקטוירים אין בית דין של מעלה דאָרט.

און די קינדער ישראל אַרבייטען, לאָזען זיך הערען אויף קולות

ביז דעם זיבעטען הימעל. ס׳איז אַ ליאַרם, אַ געפּילדער, אַ געוואַלד, אַ טאַקי איין גאָט נאָר קען פאַרשטעהן, וואָס זיינע יודעלעך ווילען, וואָס זיי בעטען און שרייען.

דער עולם יודען האָט גוט געשריגען, לייזער־יאַנקיל אָבער האָט זיי אַריבערגעשריגען, פאַרט טאַקי אויסגעפיהרט זיינס — אָבגעשפּילט דעם „מלך עליון” מיט אַ מאַרש לעבעדיג, קנאַקענדיג און הערשעלען איז אויך עטליכע מאָל געראָטען צו טאָן אַ קוויטש, אַזוי אַז עס האָט געהילכט.

אָט אַזוי איז אָבגעלאָפען דאָס דאַווענען דעם ערשטען טאָג ראש־השנה. לייזער־יאַנקיל, הייסט עס, איז געווען פון אויבען, ער האָט איינגענומען. דעם אַנדערען טאָג אָבער האָט שוין גובר געווען טאַקי דער עולם. עס האָט זיך גערעשט און גערוישט ביים זאָגען די שטיקלעך פּיוט מיט די תפילות, ווי עס רוישט זיך דער וואַלד בשעת אַ שטורם־ווינד, אויף אַלערליי טרויערדיגע קולות. עס האָבען געשריגען העלזער, געזיפצט, געקרעכצט הערצער, הענד האָבען געפּאַטשט, פינגער געקנאַקט און קעפּ האַלב־איבערגעדעקטע און איינגאַנצען ביז דעם בויך איבערגעדעקטע מיט טליתים האָבען זיך געוואָרפען אין אַלע זייטע געשאָקעלט אַרויף און אַראָב.

ענג איז געווען אין קלייזיל, אַ שפּילצען קעפּיל אַהין נישט אַריינצוואַרפען. הייס, אַ שרעק! לייזער־יאַנקיל איז אָבגעגאַנגען מיט שווייס און חאַפּענדיג אַ בלאָז פון אַ צונג־ווינטעל האָט ער פערלוירען דאָס קול, איז געבליבען ווי דערוואָרגען, נעבעך. געראַטעוועט האָט איהם נאָר דאָס איינציגע מיטעל, וואָס ער האָט, וואו ס׳איז אויסגעקומען צוזאָגען מיט מויל עפּיס אַ ריהרענדיג שטיקעל, זיך געשמאַק צו־וויינט, געגאָסען טייכען טרעהרען, אָבחאַפּענדיג דערווייל די ווערטער אונטער דער נאָז — און דאָס איז איטליכען שטאַרק געפעלען.

אויף וויינען איז לייזער־יאַנקיל געווען איין מייסטער אין דער וועלט, ער האָט געוויינט עפּיס מחיה׳דיג־געשמאַק: דאָס האָט איהם פערשאַפט אַ נאָמען אין אונזער ווינקעל און ער האָט געהייסען „דער קאַבצאַנסקער בעל־בכי.” אַנדערע האָבען איהם דרינען פערגליכען צו דעם בעריהמטען ליטווישען חזן „די קלאָג־מוטער”. יענער, אַזוי שמועסט מען איהם די וועלט, האָט אין זיין צייט געוויינט עפּיס געטליך, בע׳טעמ׳ט: אַלץ מאַמע, מאַמע! גאַנץ יודישליך, מיט דעם זיבעטען חן.

הערשעלע האָט אויף דעם מאַטען קוקענדיג זיך אויך צו־וויינט און

דערפון טאַקי בײַ זיך אין האַרצען זעהר הנאה געהאַט. מען בעראַך זיסען, וואָס הייסט אַזוינס בײַ אַ יונגעל ווײַנען ראָש־השנה און יום־כּפּור אין שוהל, אַז אַלע זאָלען זעהן. דערצו טהוען יונגלעך שאַרפע מיטעל — שמעקען, נעבעך, טאַבאַקע, קנײַפּען זיך שטילערהייט, רייבען די אויגען — אין אונזער הערשעלע איז דאָס מאָל אַזוי גליקליך געווען צו ווײַנען גאָר; אָהן יענע אַלע זאַכען! דעריבער איז איהם עפּיס גוט געווען אויפ׳ן האַרצען פון זײַנע טרעהרען, ער האָט געקוקט אויף זיך עפּיס מיט גרויס דרך־ארץ, זיך אומגעקוקט, אויב מען זעהט, ווי ער ווײַנט און עס געהען נישט פערלוירען זײַנע טרעהרען, דערבײַ טאַקי אַלע געטאַפּט הינטער־וויליכס די באַקען, אויב זיי זענען גוט נאַס.

אַ פּאָר טעג נאָך ראָש־השנה איז מלכּה־טויבע אַוועקגעפאָהרען אַ היים, מיטפיהרענדיג מיט זיך גאַנצע זעק פּעדערען, וואָס זי האָט אין עטליכע געהייבענע ערטער אָנגענומען, איבער דעם ווינטער עס אויסצופליקען, אויך פּאַדים אַ היבש פּעקיל אויף זאָקען אויסצואַרבײַטען און דערצו נאָך אַביסעל סחורה אין גליכען געלד: זייף, קראָכמעל, ציטץ אויף קליידלעך מיט רויטע גרויסע קווייטען, עפּיס גאָר אַ מיאוסע מציאָה און די בעריהמטע גלופּסקער שוועבעלעך, וואָס ווערען אויף דעם פייער אפילו נישט פאַרברענט און מעגען זיין אַ גוט מיטעל צו לעשען מיט זיי שרפות.

אַוועקגעפאָהרען איז זי עפּיס בייז, פול מיט פּעדראָס. זי איז ברוגז געווען, שטאַרק אָנגעלאָדען אויף טריינע־סאָסלען, מיט וועלכער זי האָט נאָך דעם גרויסען גוט לעבען זיך מיאוס צו־ווערטעלט און פון דער שטאַרקער ליעבשאַפט האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך.

ניין מאָס רעד קלעקט פּאַר צוויי ווייבער נישט מעהר ווי אויף אַ פּאָר טעג. ביז וואַנען ס׳איז נאָך געווען פון וואָס, פון וועמען צו רעדען, האָט דער צונג געקלאַפּט, געמאָהלען, קוים אָבער האָט זיך אויסגעלאָזט רעד, האָבען זיי אָנגעהויבען איינע צו דער אַנדערער זיך צוקוקען, איינע אין דער אַנדערער אויסצוזוכען פעהלער און זיך געבלאָזען.

מלכּה־טויבען איז נישט געפעלען דער אײַנגעהער, וואָס קומט אַלץ צו טריינע־סאָסלען, מאַכענדיג מיט איהר קוצעניו־מוצעניו, און נאָך ווען? אין אַזעלכע טעג, וואָס אַ פיש אין וואַסער ציטערט. היינט איז איהר אויך נישט געפעלען, וואָס דאָס טיכעל אויפ׳ן קאָפּ איז איהר אַרויפגערוקט, אַזוי אַז עס קוקט אַרויס האָר; וואָס הינטער׳ן קליידיל רוקט זי אַרונטער עפּיס אַ באַרג מיט שמאַטעס מיט רייפען, בכדי עס

זאָל אויסקומען, מחילה, דיקער, גרעבער. זי האָט איהר מכּח יענס געגעבען אָנצוהערעניש: עפּיס נישט ווי בײַ אַ יודישער טאָכטער, אויך עטליכע מאָל אַליין מיט איהרע כּשר׳ע הענד גענומען און אַראָבגעלאָזט איהר נידעריגער אויפ׳ן שטערען דאָס טיכעל, אַ טאַפּ געטאָן איהר פון הינטען דאָס קליידיל, געמאַכט דערנאָך פון די ביידע פאָרענט־צו אויסגעשטרעקטע הענד אַ קיילעכדיגען בײַגעל, געשאָקעל׳ט דערבײַ מיט׳ן קאָפּ, אויסציהענדיג די ליפּעלעך עפּיס מיט אַ משונה זויער קרימעלע, גלייך ווי גערעדט: אָ־אָ, האָסט־דו עס אַ באָמבע, בעהיט זאָל מען ווערען!

טריינע־סאָסלען ווידער האָט נישט געטויגט צו דער זאַך אַ פרעמדר אויג, האָבען נעבען זיך אַ רביצין. איהר איז אויך גרויס געווען אין די אויגען מלכּה־טויבעס עסען, ווי זי פּאַקט, עסט פאַר צעהן און קען נישט חאַפּען די זעט, עפּיס גאָר אַ היישרעק! אין דעם פּסק, וועלכען זי האָט איינמאָל געחאַפּט פון דער בעל־הבית׳טע, האָט זי בײַ זיך בעשולדיגט מלכּה־טויבען — דאָס האָט זי איהר צוגעשטעלט אַ הינטער־פּיסעלע, דאָס איז טאַקי נאָר איהר מלאָכה.

מלכּה־טויבע האָט טאַקי אַ פּאָר מאָל זיך געשושקעט עפּיס מיט דער בעל־הבית׳טע, געגלאָצט מיט די אייגעלעך, מאַכענדיג אַ פערפרומט פּנים׳יל און אַלץ געשפּיגען, געשנייצט די נאָז. און אַז טריינע־סאָסיל איז דערויף אָנגעקומען, איז דער שמועס פּלוצלים איבערגעהאַקט געוואָרען. מלכּה־טויבע האָט, רויט ווערענדיג ווי אַ צוויק, זיך געקראַצט, געדרעהט, געמאַכט מיט די אַקסלען און געבליבען דערנאָך שטעהן מיט אַ קרומען רוקען, אײַנגעהויקערט ווי אַ קאַץ, אונטערשפּאַרענדיג די באַק מיט אַ פינגער...

הכּלל, די פריהערדיגע ביידע חברתות, וואָס זענען געווען דאָס לעבען מיט דער נשמה, האָבען זיך געבלאָזען, איינע דער אַנדערער געגעבען אָנצוהערעניש מיט שטעכווערטלעך. די — יענער אַ פּיק, יענע — דער אַ פּיק, ביז זיי זענען לסוף אַרויס מיט די געשליפענע צינגלעך און האָבען זיך גוט צוקריגט.

און מלכּה־טויבע, שטאַרק אויפגעבראַכט אויף טריינע־סאָסלען, האָט בײַם אַוועקפאָהרען אויסגעלאָזט איהר כּעס צו דער גאַנצער וועלט און צו איטליכען בעזונדער: צו דעם בעל־העגלה, פאַר וואָס אַ צעהן גראָשען מעהר ווי בײַ אַנדערע נעהמט ער, נישקשה, בײַ איהר און זעצען — זאָל איהם אַרויסזעצען די נשמה! — זעצט ער זי אַראָב אונטען, צווישען די אַקעגענדיגע פאַרשוינען; צו דעם מעקלער, וואָס האָט בײַ

איהר געמאַנט אַ דרייער פאַר זיין טירחא, רופענדיג זיך: מוחמע; צו דער קוה, וואָס איז אונטערגעקוטען אויף דער גאַס צום וואָגען, גאַנץ היימיש ווי אַ איינענע, אָהן גרויסע צערעמאָניעס, זיך אריינגעשטעקט די מאָרדע אונטער איהר געזעס און ארויסגעשלעפּט אַ פול מויל שטרוי, נישט געמיינט, חלילה, עמיצען דערמיט צו בעליידיגען, נאָר גלאַט אַזוי, ווי דער שטיינער איהרער איז שטענדיג, האַפּען אַ לעק פון די וואָגענס; אויך צו דעם יונגען-מאַנטשיק, להבדיל, וואָס דרעהענדיג דאָס שטעקעלע, אויף זיין שטיינער, ביים שטעהן אויף דער גאַס, האָט ער, שטופּענדיג זיך האַרט ביים וואָגען, מיט'ן סקיפּקעלע איהר דערלאַנגט אַ זעץ אין פּנים, שיער אַ אויג איהר נישט ארויסגענומען, עם פאַרשטעהט זיך אומגערן, נישט געמיינט, חלילה, קיין שלעכטס. הכלל זי האָט זיך געוואָרפען, אומזיסט-אומנישט אויס:געלאָזט איהר צאָרן צו דעם, צו יענעם און צו גאַנץ גלופּסק, וואָס האָט געמענט פון איהרעטוועגען איינגעזונקען ווערען, גלייך ווי די אַלע, נעבעך, זענען שולדיג דערין, וואָס טריינע-סאָסיל איז אַ חיצליכע, אַ שלאַק פון זיין ליעבען נאָמען:

דער בעל-העגלה האָט זיך גענומען מחילה בעטען זיינע נעפגר'טע פערד, וואָס ביים מעקלער, דעם בעל-העגלה'שען שרכן — אַ בריה אויף צו פאַרגרעסערן, ווי געוועהנטליך אַלע אַנדערע שרכנים — הייסען אַזעלכע ליבען, אָדלער, און די נבלות האָבען נאָך אַ צעהנדלינג בייטשען זיך נעקוועטשט, מטריח געווען די אַלטע ביינער זיך צו ריהרען פונ'ם אָרט, ארויסשטעקענדיג די צינגלעך און אונטערשטיסענדיג זיך מיט די אויסגעקראַכענע דינע חידעלעך.

מלכה-טייבע האָט נאָך דעם צעהנטען מאָל געזעגנען זיך אויסגעשטרעקט די האַנד פונ'ם וואָגען און נאָכגעשריגען דעם מאַן איבער דער גאַנצער גאַס הויך אויף אַ קול:

— לייזער-יאַנקל! למען השם פאַרגעס נישט טבח יענס!... ברענג אַ היים עטליכע פעקלעך ציקאָריע! לייזער-יאַנקל, למען-השם, שוויצט! טרינק אוים עטליכע גלעזלעך טרוקענע מאַלינעס! העקשעלע! דעם מאַטעקס שטיקעל פּעה ליגט איינגעבונדען מיט דעם וועג-הויטעל! געדענק זשע, שוויצען!...

דאָס אכטע קאַפּיטעל.

נאָכדעם אַז הערשעלע האָט ארויסבעגלייט די מאַמע, איז ער נעגאַנגען ווידער אין זיין רוה אריין, אַהין אין קלייזיל, וואו ער איז שוין געווען אַביסעל היימיש. עס האָבען איהם אַהין געצויגען ווי אַ מאַגנעט צוויי מענשען דאָרט — איינער אַ גרויז-גרויער ייִד, ר' אברהם מקבל, און דער אַנדערער, משה'לע, אַ אָרעם בחור'ל, מיט איהם כמעט אין איינע יאָהרען.

ר' אברהם איז געווען פון די געהייבענע מקבלים, וואָס רעכענען זיך ביי יודען צום קאַפּיטעל כלי-קודש און שטעהען אויף דער צווייטער שטופע נאָך די דיינים. דער טיטול זייערער איז געוועהנטליך: שענע יודען. דעם גרעסטען טייל טאָג איז ער געזעסען אין קלייזיל איבער אַ ספר און געבענטשט האָט ער ביי זיך אין דער היים. ער איז געווען זעהר איינגעזעהען ביי די אַלע בעלי-הבתים אין קלייזיל, פון וועלכע דער גרעסטער טייל האָבען נאָך בעל-הבית'לוויז, באַלד נאָך זייער חתונה, איהם דאָ געטראָפען אַזוי דיענען גאָט און זענען מיט איהם דעריבער שטאַרק געוועהנט געוואָרען. אָהן איהם וואָלט, דאַכט זיך, דאָס קלייזיל קיין קלייזיל נישט געווען, עס וואָלט עפּיס געפעהלט. ר' אברהם האָט געהאַט איינגאַנג אין פיעל לייטישע הייזער און זיך געריבען ארום נגידים, צו וועלכע ער פלעגט אַ מאָל אריינקומען אַ שבת-צונאַכט אויף אַגלעזיל פּונש, מאַכען מיט זיי עפּיס אַ שמועס, נעהמענדיג דערביי אַ גוטען ציגאַר-טיטון, און וועלכע עס פלעגען איהם אַמאָל אויסהערען וועגען אַ שידוך.

דער נאָמען שענער ייִד האָט איהם באמת טאַקי געפּאַסט. אויף זיין קאַפּאָטע האָט זיך נישט געפונען קיין שפּרייענקעלע, שטענדיג ריין.

גאנץ, אָהן אַ ריס, אָהן אַ טרען, אין דער קעשענע אַ נאָז־טיכעל, קיינמאָל נישט געשפּיגען, נישט געשנייצט די נאָז פאַר אַקעגען מענשען אין פּנים אַריין און נישט געווישט זי מיט דעם אַרבּעל אָדער מיט אַן עק פּאָלע ווי אַנדערע. זיין שוואַרצע, סאַמעטענע יאַרמולקע איז געווען פריש, פיין אָהן פעדערען, נישט פאַרשמאָלצעוועט דיק מיט פעטע מיאוסע פלעקען, אַ עפּוש, פון פערטריקענטע שווייס. דאָס פּנים לויטער מיט אַ מיטעלער באָרד, ריין, ווייס, ווי אויסגעפאַלענער שניי. די געדיכטע גרויע וואָנצעס נישט אָבגעשאָטען מיט טאַבּאַקע פון אַ מיתה־משונה־קאָליר און אויף די ליפען שטענדיג אַ גוט שמייכעלע.

ר' אברהם איז שטענדיג געווען אויפגערייםט מיט אַ פרעהליכער מינע און אַז ער האָט געטאָן אַ מאָל אַ זיפץ, איז דאָס נישט געווען פאַר זאָרג און יסורים, נאָר גלאַט אַזוי זיך אַ יודיש זיפצעלע, ווי דער שטייגער איז בּיים עפענען אַ ספר, אָדער מאַכען ברכה, נעהמענדיג אין האַנד אַ גלעזעלע וויין, אויך בּיים שטעלען זיך דאַוונען. זיצענדיג אין קלייזיל בּיים טיש איבּער אַ ספר פלעגט ער געוועהנטליך ליעב האָבּען שמועסען מיט מענשען, הערען וואָס דער, וואָס יענער דערצעהלט חדשות און אַליין טאַקי עפּיס אויך דערצעהלען, בּיים רעדען פלעגט ער גלעטען מיט דער האַנד דעם שטערען, אויך אונטערהייבּען אַ קאַפּעלע די יאַרמולקע, פאָכענדיג פאַמעליכען מיט איהר אויפ'ן קאָפּ. איהם האָט נישט אויסגעמאַכט דערוואַקסענע מענשען, אָדער יונגע לייט, בּחורים'לעך, ער האָט גערעדט גערן מיט אַלע גלייך. גענומען צום האַרצען איטליכענס אַ זאַך און נישט אַוועקגעמאַכט קיינעם מיט דער האַנד. יונגלעך זענען אויך מענשען. דאָס וואָרט „שקאָץ", וואָס ער פלעגט עס זאָגען אַמאָל מיט אַ שמייכעלע איינעם אַ יונגען מאַן, האָט עס געהייסען בּיי איהם אַ סימן פון ליעבּשאַפט, אַ ער האַלט כּון יענעם זעהר שטאַרק.

ר' אברהם האָט בּאַלד פונ'ם ערשטען טאָג זיך צוגעקוקט פון דער־ווייטענס צו הערשעלען, ווי ער פיהרט זיך גוט אויף, און געטראַכט בּיי זיך: אַ וואויל קינד אונזער לייזער־יאַנקילס, מען בּעדאַרף איהם מקרב זיין.

אַז הערשעלע איז איינמאָל פערטיפט געווען אין דעם לערנען, אונטערשפּאַרענדיג דעם קאָפּ מיט בּיידע הענד אויפ'ן שטענדער, האָט ר' אברהם פאַרבּייגעהענדיג נעבּען איהם זיך אָבגעשטעלט, אַריינגעקוקט פון דער זייט צו איהם אין דער גמרא, איהם אַזוי זיך פון־אויבּען־אויף אַ פּריוו געטאָן, אַ פרעג געגעבּען, וואָס בּעטאַהרעט רש"י דאָ מיט זיין

כּלומר? וואָס דער תּנא לאָזט מיך דאָ הערען? און וואו ליגט דאָ דער רעבּעער קוועטש?...

ר' אברהם אַליין האָט נישט געהאַט קיין שאַרצעבּדיגען קאָפּ, אויפצוטאָן שאַרפע פּשטלעך, ער איז געווען נאָר אַ בּעל־הבּית'שער לומדן. זיין עיקר לערנען איז געווען מוסר־ספרים, עין־יעקב און מדרש, וואו עס געפינען זיך וואונדערליכע מעשיות, ווערטלעך, משלים, שענע איינפאַלען. אויך האָט ער געזופּט „זוהר" ווי וואַסער, אָבצופּרישען זיך נאָר מיט די ווערטער אַליין, נישט אָבצושטעלען זיך לאַנג איבּער אַ האַרב וואָרט, צוטרעפען דעם רעכטען טייטש. צייטענווייז פלעגט איהם פלוצלים עפּיס געבּען אַ בּריה — און ער האָט זיך גענומען זופען „זוהר" געשמאַק מיט חשק, די אויגען האָבּען איהם געפלאַקערט, דאָס פּנים געפלאַמט, ווי בּיי אַ פערליעבּטען. דאָס פלעגט זיך מיט איהם מאַכען געוועהנטליך בּיי יענע שטעלען דאָרט, וואו גאָט שפּאַצירט אין גן־עדן מיט די צדיקים, די בּוימער שמעקען, גיבּען פון זיך אַרוים זיסע ריחות פון בּשמים; כּתות, כּתות פון מלאכים שפּרינגען קדושה, לויבּען, ריהמען, בּעשיינען זיין הייליגען נאָמען און זאָגען שירה; וואו די „שכינה" צוגיסט זיך אין הייסע, הייליגע געפיהלען, בּיינקט קרעכצט, בּרומענדיג ווי אַ טויב פאַר גרויס ליעבּשאַפט צו די כּנסת ישראל. אַ מאָל קלאָגט זי, וויינט אויף זיך ווי אויך אויף איהר געליעבּט פאָלק, וואָס איז נעבּעך, אַזוי פערוואָגעלט, פערשוואַרצט אין גלות און אַ מאָל טרייסט זי איהם, איהר טייערען זיסען געליבּטען, נעהמט איין מיט זיסע רעד און גוטע האָפנונגען אויף שפּעטער. נישקשה, זיי וועלען זיך נאָך אם־ירצה־השם צונויפגעהן — און דענסטמאָל וועט זיין אַזאַ לעבּען, וואָס די וועלט האָט עס נאָך נישט געהאַט...

דער זוהר דאָס איז אַ סיני, אַ פייערשפּייענדיגער בּאַרג פון הייליגער, ריינער ליעבּשאַפט, דאָרט זענען זיך משדך די ערד מיט דעם הימעל, מלאכים, שרפים מישען זיך אויס אינאיינעם מיט מענשען און גיבּען, קושענדיג זיך, איינער דעם אַנדערען געטליכע געפיהלען; דאָס איז אַ פייערדיגער זייל פון ליעבּע, וואָס האָט צום ערשטען מאָל אַ שיין געגעבּען פאַר יודישע קינדער אין די מיטעלע יאָהר־הונדערטען, ווען אַרום זיי איז געווען שטאָק־פינסטער, ווען פיינדשאַפט, ווילדע אכזריות, פאַרבּלענדוקייט האָבּען זיי אָנגעטאָן געבּרענטע, געבּראָטענע לייד און פערגיפטעט זייער געבּעך, דאָס לעבּען — דאָס איז דער ערשטער

יודישער ראמאן, דער „שיר השירים״, דער ראמאן פון אלע ראמאנען...

ר׳ אברהם איז אין זיין גראד געווען, ווי רופט מען עס עפים, א פאעט. עס האט איהם עפים געצויגען צו הגדתות, צו די וואונדערליכע, שענע זאכען אין דעם זוהר און איז אויף זיין שטייגער געווען פערליעבט. די גמרא אקעגען איז פאר איהם געווען א טרוקענע זאך, וואס דערנעהרט, דעם שכל און קוויקט נישט דאס הארץ. ער האט דעריבער דאס לעהרנען זי געהאלטען נאר פאר א מוז און געלעהרעגט אויף אזוי פיעל נאר, וויפיעל איהם איז עס נייטיג געווען צום עסק: אין די ניין טעג, א שטייגער, צו מאכען א סיום, בכדי די בעלי-הבתים זיינע זאלען מעגען עסען פליישיגס, ערב פסח א סיום פאר זיינע בעקאנטע בכורים, זיי זאלען דעם טאג נישט פאסטען, און א פרק משניות אלע טאג מיט א רבנן-קדיש פאר א מת, וואס דארויף האבען איהם דאך די יורשים געדונגען אויף א גאנץ יאהר. פונדעסטוועגען איז איהם די גמרא געווען הייליג און האט שטארק הנאה געהאט, אז יענע לערנען.

אז הערשעלע האט געלערענט, איז עס ביי איהם געווען זעהר אנגעלעגט,.. מהיכא-תיתי שען, גאנץ פיין און ווען ער האט פארביי-געהענדיג הערשעלען א פרעג-געטאן, וואס רש״י בעוואהרענט מיט דעם כלומר? איז דאס געווען גלאט א אויסרעד, ווייל אזוי האט עס איהם געפאסט, נישט געמיינט נאר אריינצולאזען זיך דא מיט איהם טיעפליך אין א פלפול. אבי הערשעלע האט עפים געענטפערט, זיך געדרעהט מיט דעם קעפיל, מאכענדיג דערביי מיט א פינגער, איז עס פאר איהם שוין געווען גאנץ גענוג — א סימן אז הערשעלע איז א גוט יונגעל, א עהרליך קינד — און ער האט איהם דערפאר שוין טאקי ליעב בעקומען.

משה׳לע — א שווארץ-חנ׳עווידיגער מיט פרישטשיקלעך אויפ׳ן ברייט-פלאטשיגען פנים, איז געווען א שטיק יונגעל, א שלאפס פון ארמע עלטערן, עהרליכע ליט, ביי וועלכע ער איז, נעבעך, פון קינדוויז אויף שטארק אבגעקומען אין נויט, אין דחקות און זיך קיינמאל זאט נישט אנגעגעסען. נאך גאר קליינערהייט האט ער זיך ארויסגעוויזען פאר א פארשטענדיג קינד מיט א גוט קעפיל צום לעהרנען און דאס איז ביי די עלטערן געווען דער איינציגער טרייסט אין זייער ביטער לעבען. זיי האבען אבגעשפארט פון די נייטיגסטע בעדערפעניש, פיעל מאל נישט דערגעסען, נישט דער-

טרונקען, בכדי צו צאהלען פאר משה׳לען שכר-לימוד, אבי זייער משה׳לע זאל קענען לעהרנען און דערמיט אליין זענע זיי געווען זאט, זעהר צופריעדען.

אויב יודען זענען אויך מענשען ווי אלע אנדערע אדער נישט? — דאס איז א גאנץ אלטע שאלה, מיט וועלכער די וועלט דולט זיך שוין פון אייביגע יאהרען און ביז היינט נאך נישט געקומען צו קיין עק. נאר דאס אבער איז א גאנץ קלארע, געוויסע זאך, אז דער יודישער מאגען איז עפים גאר אנדערש ווי ביי אלע אנדערע מענשען. דען וואו נאך איז דא אזא מאגען, וואס זאל זאט זיין מיט תורה, מיט לערנען, ווי ביי יודישע קינדער? ביי וועמען נאך פון די אלע פעלקער איז אין זייערע ספרים דא אזא אויסדרוק, אזא פסוק „ותורתך בתוך מעי״ און דיין תורה איז מיר אין מיינע געדערם, ווי ביי אונז יודען? דאס מעגען יענע דארט אין דער וועלט הערען און זיך גוט בעטראכטען. אזא מאשינע, אין וועלכער עס ארבייט אזא געטליכע קראפט, איז א אייביג געוועהר און וועט פון יענעמס א בלאז מיט דעם מויל, פון יענעמס א קלאפ מיט דער האנד זיך, נישקשה, נישט אנידערשטעלען. אזא זייגער, וואס געהט דורך עלעקטריציטעט — דורך דעם גייסט פונ׳ם חומש׳ל, פון גאטס הייליג ווארט, וועט אייביג ווייזען די צייט פון טאג און נאכט און קלינגען אין דער וועלט.

משה׳לע האט געלערענט און די ארמע הונגעריגע עלטערן האבען זיך געקוויקט, גרויס נחת געהאט. אז דאס קינד איז אונטערגעוואקסען און שוין אין שטאנד געווען אליין א בלעטיל גמרא איינצובייסען, איז ער ארויס פונ׳ם חדר און זיך געזעצט לערנען פאר-זיך דא אין קלייזיל. איז איהם אויסגעקומען א מאל אין דעם לערנען קרייטיש, עפים א הארבליך שטיקעל, פלעגט ער זיך ווענדען צו יודען לומדים און זיי פלעגען איהם העלפען ארויף אויפ׳ן וועג. משה׳לע, פון דער נאטור א שעהמעדיגער מיט א גוטען, ווייכען כאראקטער, דערצו נאך א שלאפער, א קרענקליכער, דער-שלאגען פון דער ביטערער נויט — איז געווען שטענדיג ווי עפים פערטראכט, און זיך געהאלטען אבגעזונדערט פון איטליכען אין דער זייט. מען האט פון איהם נישט געהערט קיינמאל קיין הויך קול, זיך געזעסען אין א ווינקעלע און געלערענט שטיל. אזוי איז ער אויך געווען צווישען זיינע חברים, בעקאנטע יונגלעך, קיינעם נישט

בעליידיגט מיט א גראָב וואָרט, נישט אָנגערירט קיינמאָל אפילו א פליג אויף דער וואַנד.

שווייגען — דאָס איז דער שטייגער זיינער געווען שטענדיג, דערפאַר אָבער האָבען בײַ איהם גערעדט די אויגען. אָך רבונו של עולם, וואָס פאַר א אויגען! וואָס זענען דאָס געווען פאַר א אויגען! אויף א קרענקליך-בלייך פנים פלוצלים אזעלכע צוויי אויגען! זיי האָבען עפּיס גערירט בײַ דער נשמה, ארויסגענומען אַ מאָל בײַ יענעם דאָס האַרץ, עפּיס איז אין זיי געלעגען א גאַנצער אָבגרונט, עס האָט זיך ארויסגעקוקט די מינדכטע בעוועגונג, אלסדינג וואָס אינ-ווענדיג דאָרט אין איהם געהט פאָר. דער ערגסטער קונדס אפילו, קיים האָט ער געפיהלט אויף זיך משה'לעס אויגען, איז ער באַלד אָבהענדיג געוואָרען און עס האָט איהם נישט דערלאָזט דאָס האַרץ אָנ-צוריהרען איהם מיט א פינגער.

הערשעלע האָט אָנפאַנגס אויף משה'לען זיך געבלאָזען. עס האָט איהם פערדראָסען, פאַר וואָס האַלט ער זיך ווייט פון איהם אין ווינקעלע, אָננעהמענדיג עס פון משה'לעס זייט פאַר שטאָלצקייט. הערשעלע אליין איז בײַ זיך אין האַרצען געווען א שטיקעל גדלן, נישט געקענט ליידען, אז איהם זאָל מען נישט בעמערקען. ער איז געוועהנט געווען בײַ זיך אין שטעדטיל זיין שטענדיג דער ערשטער און היינט מאַכט איהם עפּיס משה'לע גלאַט אזוי אוועק. ניין, האָט ער בײַ זיך געטראַכט, אַנדערש וועל איך מיט איהם נישט בעקאַנט ווערען ביז ער מוז פריהער צו מיר קומען.

אז א פּאָר טעג אָבער איז אוועקגעגאַנגען און משה'לע איז אלץ טאַקי נישט געקומען, האָט הערשעלע שוין נישט געקענט מעהר אויס-האַלטען און איז מיט זיין כבוד אליין צו-געגאַנגען צו משה'לען מיט דער דעה איהם אָנצולעהרנען — ארויסרופען איהם אויף א פּאָיעדיניק, מיט א ווייזעניש אין דער גמרא, אדרבה, לאָז מען זעהן, ווער וועמען וועט איבערשפּאַרען. די מלחמה צווישען זיי האָט זיך אָנגע-הויבען. איינער דעם אַנדערען האָט פאַרגעבען א ווייזעניש. הערשעלע האָט זיך געהיצט, זיך געוואָרפען, געדרעהט אהער-אהין מיט אלע אברים. משה'לע אקעגען האָט זיך אויסגעדרעהט, אָבגעשלאָגען די קלאָץ-קשיות רוהיג, געלאַסען, און דער שפּיץ איז געווען — זיי זענען געוואָרען חבר.

הערשעלע האָט דערקענט אז ער האָט אין משה'לען געהאַט א גראָבען טעות, און איז צו איהם ווי צוגעקלעבט געוואָרען. וואָס

ווייטער, ווייטער איז די ליעבשאַפט צווישען זיי געוואָרען אלץ גרעסער, שטאַרקער, ביז זיי האָבען זיך צונויפגענומען און ביידע אינאיינעם געלערענט איין מסכתא. ר' אברהם האָט זיי דערפאַר ביידען געלויבט אין די אויגען, איטליכען בעזונדער גערופען מיט א שמייכעלע „שקאָץ" — און די פריינדשאַפט צווישען די אלע דריי איז געוואָרען שטאַרק

דאס נײַנטע קאַפּיטעל.

לייזער-יאַנקיל האָט געטאָן דעם ווייבס רצון, געטרונקען בײַ נאַכט פאַר'ן שלאָף טרוקענע מאַלינעס און געשוויצט. אויף מאָרגען האָט ער נאָך אַרומגעבונדען דעם האַלז מיט דעם שטיקעל פּעה, וועלכס הערשעלע האָט געפונען טאַקי דאָרט בײַ איהם אין דעם וועג-מיצעל, און אויך אויסגעזופּט אַ פּאָר לייזע אייער.

נאָר דאָס אַלסדינג אָבער האָט נישט געהאָלפען. ער האָט זיך אַ פּנים, שטאַרק פאַרקיהלט דעם צווייטען טאָג ראש-השנה בײַם דאַוונען. די ברוסט איז איהם אַלײן טאַקי געווען פאַרלעגט און בײַם פּרווען דאָס קול פלעגט ער פיהלען אַ שטאָך אין דער לינקער זײַט.

מילא אַ שטאָך יאָק אַ שטאָך, דאָס וואָלט איהם אַזוי נאָך נישט געאַרט, צו שטעכעניש איז שוין אַ יוד געוועהנט און מאַכט זיך נישט היסעדיג. גוט געאַרט האָט איהם אָבער דאָס קול — דאָס איינציגע מיטעל זיינס צום לעבען, פון וואַנען ער ציהט דאָס שטיקעל פּרנסה, דערנעהרט, מיטטיינס-געזאָגט, דערמיט ווייב און קינדער. אָט איז שוין באַלד יום-כּפּור, ווען די „כּלי" איז איהם אַזוי נייטיג, מען בעדאַרף אויף איהר אַזוי פיעל אַרבייטען — און דאָ איז ער גאָר הייזעריג. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די נאָז און געהאַט דערפון גרויסע יסורים.

די שמש'טע האָט געפיהלט זיין האַרץ, אין פּאַר גרויס רחמנות זיך גענומען איהם צו היילען מיט אַלע באַבסקע מיטעל. זי האָט איהם געשטעלט אַ גרויסע שפּאַניש-פליג, געמאַכט עפּיס אַ שמירעכטס אויף אײַנצורייבען אונטער'ן לעפעלע, געגעבען איהם טרינקען עפּיס קרייטיכצער אַזוינע, פון איין אַלטער דאָרפס-גויה, אויך ראָטעל פון אונערקעס.

אונטערגערייכערט איהם מיט פעדערען, געגעבען איהם שמעקען טאַבאַקע, איבערגעברענטע, געמאָהלענע קאַווע, אָבגעשפּראָכען איהם אין-איינוועגס טאַקי אַ עין-הרע אויך און פערבונדען איהם דעם האַלז מיט איהרען אַ גראָבען וואָלענעם זאָק. לייזער-יאַנקיל, נעבעך, האָט ווי אַ קינד זיך געלאָזט טאָן מיט זיך אַלסדינג, וואָס מען וויל, אַבי עס זאָל איהם זיין דאָס קול.

עס געהט אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג און גאָרנישט. ערב יום-כּפּור אין דער פריה האָט זיך בײַ לייזער-יאַנקלען געוויזען עפּיס אַ קול, אָבער ס'איז געמלאָכה'ט, נישט זיין „כּלי" ווי שטענדיג, עפּיס גאָר אַ מין בײַ-קול. אונטען גרעבליך און אויבען אַביסעל געפּייפט.

ער האָט געפּרווט זאָגען דערמיט די „יעלות". די שמש'טע האָט אויסגעהערט און שאָקלענדיג דעם קאָפּ, זיך מיט טרעהרען אין די אויגען אָנגערופען:

— געלויבט איז ברוך-הוא וברוך שמו! גאָר אַ דערקוויקעניש, כ'לעבען, נאָך בעסער ווי פריהער.

דעם יום-כּפּור האָט לייזער-יאַנקיל ווי ס'איז אָבגעשפּיעלט אויפ'ן נייעם מין בײַ-קולכען, אַלץ הויך, אויף דער דינער סטרונע. בײַ איהם איז אויסגעקומען דעם עולם'ס ווערטיל פאַרקעהרט: „אַז מען קען נישט אַרונטער, מוז מען אַריבער". אַבי גאָט האָט געהאָלפען, ער איז דעם יום-כּפּור איבערגעקומען בשלום און האָט זיך שוין געקענט בעגעהן אָהן דעם קול ביז איבער אַ יאָהר ימים נוראים, אם-ירצה השם, האָט איהם שוין נישט אַזוי אויסגעמאַכט דאָס. וואָס ער איז הייזעריגליך. ביז איבער אַ יאָהר איז נאָך גאָט אַ טאַטע.

נאָר קיים איז איהם אַרויס פון'ם זינען דאָס קול, האָט זיך איהם אָבגערופען שטאַרק אין דער זייט דאָס שטעכעניש, אַזוי אַז ער האָט שוין נישט געקענט זיך נישט וויסענדיג מאַכען און זיך גענומען צו-הער'ן. פריהער האָט ער זיך געטרייסט אַלץ מיט דער האָפנונג, עט, נישקשה! עס וועט פאַרגעהן, ער בעדאַרף זיך נאָר אַ פּאָר טעג איבערליגען. די שמש'טע האָט אויך געזאָגט:

— עט, ס'איז גאָרנישט! ס'איז היינט עפּיס אַזאַ אונטערגאַנג.

און דערנאָך ערשט, אַז ער האָט שוין נישט געקענט חאַפּען דעם אָטהעם און געפּאָכט מיט דער נשמה — איז געוואָרען אַ טאַראַראַם, אַ געפּילדער. מען האָט אַראָפּגעבראַכט דעם רופא מיט דעם גאַנצען קליפּער-געצייג, וואָס האָט איהם געשטעלט באַנקעס, געלאָזט צו דער אָדער אַן

איהם אָבגעצאַפּט אַ היבש ביסעל בלוט. עס האָט איהם אָבער נישט געהאָלפען דער רופא אויך און מען האָט איהם כמעט אַ טויטען אָבגעפיהרט אויף אַ וועגעלע אין דעם בקור=חולים, וואו ער איז עטליכע וואָכען אָבגעלעגען שטאַרק קראַנק.

דערווייל איז זיך אַזוי אַוועקגעגאַנגען דער סוכות.

אונזער הערשעלע האָט געהאַט, נעבעך, אַ פאַרשטערטען יום=טוב. פּונקט אין שמחת תורה איז דעם טאַטען געוואָרען אַזוי שלעכט, אַז מען האָט געמיינט, אַט געהט איהם אויס די נשמה, און דער דאָזיגער טאָג, דער בעסטער, דער פרעהליכסטער פאַר יודישע קינדער, איז ביי הערשעלען געווען תשעה=באָב.

דעם גאַנצען טאָג האָט ער פאַר גרויסע צרות אין מויל נישט געהאַט חוץ אַ שטיקעל לעקעך, וואָס ער האָט בעקומען בייס אויפרופען איהם צו דער תורה אין שוהל „עם כל=הנערים". נאָר מיטשטיינס=געזאָגט, וואָס דאָס איז געווען פאַר אַ שטיקעל לעקעך! גאָר ניט דאָס, וואָס אַ מאָל. אַ אַנדערס מאָל האָט דאָס אייגענע שטיקעל לעקעך געשיינט, געלויכטען יום=טוב'דיג, געהאַט דעם זיבעטען חן, עפּיס גאָר אַ אַנדער טעם, אויף איהם איז ווי געשטאַנען אָנגעשריבען „שמחת=תורה!" עפּיס האָט עס גערעדט ווערטער, געשמעקט מחיה, דערפרעהט דאָס האַרץ, געשפּייזט און דערקוויקט די נשמה — און דאָס מאָל איז עס געווען אַ וואָכענדיגע זאַך — גלאַט אַזוי אַ מין געבעקס, קאָרנמעהל מיט האָניג, וואָס מען קויפט עס אין מאַרק פאַר אַ גראָשען און מאַכט דערויף אַ ברכה „בורא מיני מזונות"...

ביי יודען האָט איבערהויפּט דאָס עסען שבת און יום=טוב עפּיס גאָר אַ אַנדער טעם. ס'איז דאָ אין דעם עסען, זאָגען אונזערע אַלטע הייליגע חכמים, אַ מין געווירץ אַ זוינס, וואָס „שבת" הייסט עס בייס נאָמען; אַזאַ געווירץ, וואָס וואַקסט ערגיץ נישט דאָ אויף דער וועלט, דאָס פאַר קיין גין=געלד איז עס נישט צו בעקומען אין דעם האַנדעל און קיינעם פון די אַלע פעלקער איז עס נישט בעקאַנט — די הייליגע מלאָכים ברענגען עס פון'ם גן=עדן פרייטאָג איטליכען יודען אין שטוב אַריין, וואו זיי שטעלען זיך, ווי אונזער עולם זאָגט, קאָכען דעם טשאָלענט. דריי פאַר דער גאַנצער וועלט קען מען גאַנץ זיכער זאָגען — אַנדערע זאָגען זיך דערויס לאַכען — אַז דער וואָס האָט אינ'ם גוטען יודישקייט נישט פערזוכט קיין טשאָלענט, האָט אין זיין לעבען קיין גוטס נישט געגעסען און ווייסט נישט, וואָס געקעכטס הייסט אַזוינס...

אַז דיזע מאַטי[illegible] אָנגעהויבען צו געהן בעסער, איז הערשעלען ליכטיג געוואָרען אין די אויגען. די ערשטע צייט איז ער געווען פול פרייד, אַזוי אַז ער האָט פון קיין אַנדער זאַך נישט געטראַכט, זיך פאַרגעסען גאָר אין זיך אַליין. דערפאַר אָבער שפּעטער אַביסעל איז איהם דאָס טראַכטען צוגעטרעטען מיט אַ מאָל. עס האָט זיך אויף איהם אָנגערוקט אַ שטאַרקע מרה=שחורה און ער האָט ביי זיך אַלץ געטראַכט אַזוי: אַט באַלד, באַלד וועט מען בעדאַרפען פאָהרען אַ היים, נאָר ווי וואַרפט מען אַוועק דאָ משה'לען און ר' אברהם'ן, מיט וועלכע ער איז שוין אַזוי געוואָהנט און עס ציהט איהם צו זיי אַזוי דאָס האַרץ? הגם דאָס פאָהרען אַ היים איז אַ גוטע זאַך, עס ציהט איהם אַהין טאַקי — זעהן די מאַמע, שוועסטער און ברידער, אויך אַלע אַנדערע בעקאַנטע; נאָר צוריק געשמועסט, וואָס קען פון איהם דער תכלית זיין דאָרט אין דער היים? עס האָט איהם זיך פאָרגעשטעלט דאָס גרויסע עלענד אין דער היים, ווי דאָס גאַנצע הויז=געזינד קומט אָב, נעבעך, לייַדט הונגער, קעלט, ווי ער אַליין פלעגט אויסגעהן פיעל מאָל פאַר אַ שטיקעל ברויט. דערמאָנענדיג זיך נאָר אין דעם, איז איהם אַ גרויל איבער'ן לייב איבערגעגאַנגען. בלייבען=זשע ווידער דאָ — דאָס האָט זיך איהם אויך אין קאָפּ עפּיס נישט געלעגט. וואָס הייסט בלייבען! ביי וועמען בלייבען? גלאַט ווי נעהמט עס אַ יונגעל איינער אַליין אָהן עלטערן און בלייבט! און ווען אפילו אַזוי, בלייבען — נו, וואָס... וואָס?...

אַט אַזעלכע געדאַנקען האָבען זיך געדרעהט ביי הערשעלען אין קאָפּ און ער איז געווען שטאַרק בעטריבט, אויס מענש.

ר' אברהם האָט בעמערקט, אַז ער איז עפּיס פון'ם פּנים אַראָב און פאַר גרויס רחמנות זיך גענומען אויספרעגען, וואָס מיט איהם איז אַזוינס, פאַרט וואָס איז אַזוינס די מעשה? הערשעלע האָט זיך צו=וויינט און איהם אַרויסגעזאָגט זיין גאַנץ ביטער האַרץ. ר' אברהם האָט איהם אַ גלעט געגעבען בייס קעפּעלע און זיך אָנגערופען:

— נו, גוט, גוט! איך וועל מיך שוין בעטראַכטען. עס האָט נאָך צייט. לעת=עתה זיי נאָר נישט קיין נאַרעלע און וויין נישט, שקאָץ!

דאָס צעהנטע קאַפּיטעל.

דער טאַטע איז אין עטליכע טעג אַרום אַרויס פֿונ'ם בקור־חולים. עס האָט געריסען דאָס האַרץ קוקענדיג אויף איהם, אַזוי בלייך, טויט איז זיין פּנים געווען. ער איז, נעבעך, אַ שווערע קרענק אויסגעשטאַנען, כמעט נישט געווען צו דערקענען איהם, אַזוי איז ער פֿונ'ם לייב אַראָב, נאָר הויט און ביין.

קיינמאָל אין זיין לעבען האָט הערשעלע אַזוי נישט ליעב געהאַט דעם טאַטען ווי דענסטמאָל, און קיינמאָל אין זיין לעבען ווידער האָט אויך דער טאַטע אַזוי גוט, ליעבהאַרצדיג נישט געקוקט, אַזוי זיס־שטיל אויף אַ וויכער־שוואַכער שטימע נישט גערעדט, ווי אין יענער צייט. עפּיס איז ער אַליין געוואָרען אַ קינד און האָט מיט זיין בליק, מיט זיין שטיל־שוואַך לשון אַרויסגענומען אַ שטיק געזונט. עפּיס איז דרינען געלעגען אַ קלאָגען־זיך שטיל אָהן ווערטער אויף די וועהטאָגען זיינע אין דעם וויבען לעבען און אַ געבעט:

— געוואַלד, גענוג! נישטאָ שוין מעהר קיין כח אויסצוהאַלטען...

מען האָט בעשיינפּערליך אַרויסגעזעהען, אַז ווען הערשעלע זאָל זיך נישט געווען שעהמען, וואָלט ער דענסטמאָל אַלע גלידער דעם טאַטען אויסגעקושט. ער האָט זיך אָבער געשעהמט, ווייל קושען זיך איז ביי יודען נישט קיין איינפיהר. ווי נעהמט מען עס עפּיס גלאַט אַזוי און מען קושט! בפרט אַ קינד אַ טאַטען!...

אברהם האָט אַוועקגענומען דעם טאַטען אין אַ ווינקעל און מיט איהם דאָרט אַ היבשע צייט געשמועסט. באַלד דערויף האָט מען צוגע־

רופען אָהין אויך הערשעלען און דער טאַטע האָט זיך געווענדעט צו איהם מיט די ווערטער:

— מיר שמועסען דאָ מיט ר' אברהם'ן, אַז אויב דו ווילסט, הערשעלע, מעגסט־דו דיר דאָ בלייבען.

הערשעלע האָט זיך צו־ווינט, געקוקט אויפ'ן טאַטען מיט גרויס ליעבשאַפט און איז נישט אין שטאַנד געווען אַרויסצוברענגען אַ וואָרט, אַזוי האָט איהם פאַרקלעהמט ביים האַרצען, און אַז דער טאַטע איז מיט אַ געבעט צוגעשטאַנען צו איהם, ער זאָל רעדען דיינע ווערטער, האָט ער געענטפערט גאַנץ קורץ:

— ניין! — אָהן דיר, טאַטע, קען איך נישט זיין...

— אַך, הערשעלע! מאַכט דער טאַטע מיט אַ זיפץ טיעף פֿונ'ם האַרצען. — נישט אַיבּיג, נאַרעלע, איז אַ קינד נעבען אַ טאַטען. וואָס קען מען טאָן! איך פיהל, אוי, אַז די כחות געהען מיר ביסלעכווייז אויס. גענוג קריעה געריסען אין מיין לעבען. ווייניג נישט, הערשעלע, וואָס קען מען טאָן? פריהער אָדער שפּעטער — מען מוז זיך שיידען...

— טאַטע, טאַטע! וויינט הערשעלע מיט אַ געבעט, אַ היים, טאַטע, אַ היים!

— אַ היים! האָניג ווערסט־דו דאָרט לעקען, אין דער היים... זיפצט דער טאַטע און ווענדט זיך צו ר' אברהם'ן, שאָקלענדיג מיט דעם קאָפּ: זאָגט איהם חאָטש, ר' אברהם.

— זיי נישט קיין עקשן, פע! — הויבט אָן מיט נוטען ר' אברהם, אָהן דיר איז אויך דאָ געגוג אין דער היים. דער טאַטע — דו זעהסט נישט? — האָט מעהר קיין כח ניט צו האָרעווען. פֿונ'ם ביסעל געלד, וועלכס ער האָט דאָ פאַרדינט, איז ווייניג געבליבען. אַ קרענק קאָסט. עס געהט אַ לאַנגער ווינטער נאָך מיט איין עבודה, אַ רחמנות, נעבעך, אויף די איבריגע קינדער. דו אַליין ווערסט דאַרבען און זיי נאָך שאַדען. דעם לעצטען ביסען, משטיינס־געזאָגט, זיי פֿונ'ם מויל אויסרייסען.

פון ר' אברהם'ס דאָזיגע ווערטער איז הערשעלען דאָס האַרץ מיט בלוט פערלאָפען און ער האָט געגאָסען מיט הייסע טרעהרען.

— דאַנק ר' אברהם'ן זאָגט דער טאַטע, דאַנק זיי פאַר זייער גוטסקייט, צו זאָרגען זיך דאָ פאַר דיר און צו האָבען אויף דיר

גאַנצע מחנות ציגען און שליידערען עס אַראָב בײם אַרויסשלעפּען הויפֿענווײז שטרוי אויפֿצופרעסען, אָדער יודען, יודענעס קומען מיט טעפּ, מיט צעבערס, שטאָפּען עס אָן פול מיט דעם דאָזיגען שניי, צו מאַכען דערפֿון וואַסער אויף קאָכען. אויך איז דאָ אַקעגען דעם גאָך אַ מיטעל — שרפֿות. בײ יודישע קינדער נעהמט זיך דענסטמאָל ג'יאָד אָן די קוימענס און גלופּסק נעצט... גלופּסק שטעלט געוועהנטליך דעם ווינטער אַרויס אַ פֿײערדיגען צונג — ער, דער ווינטער, קנאַקט, בלאָזט, שטורמט, און יודעלך זענען איהם מבטל! געהען זיך נאַקעט, באָרפֿיס, גלייך ווי נישט זיי מיינט מען. אָדער ווי זיי טהוען איהם אויף צו להכעיס.

און כּשעת דער דאָזיגער מלחמה פֿונ'ם ווינטער אין גלופּסק שטעהט דאָרט נעבען דער קאַבצאַנסקער אכסניא אַ יאַזדע מיט דרייי דאַרע מירידענדיגע, קרומרוקענדיגע, קאָלטונעוואַטע, לאַנג-האַלזדיגע און קורצווײדעלדיגע פֿערד, מחילה, וואָס האָבען עס בעדאַרפֿט פֿאַר זייערע זינד זיך מטריח זיין שלעפּען קיין קאַבצאַנסק איהרע אַ פּאָר מנינים יודען און צווישען זיי אויך אונזער לייזער-יאַנקלען. דער מעקלער באַברעט זיך עפּיס אַרום דעם וואָגען, שאַרט צונויף מיט דער בײטש די שירים — עטליכע בלעטלעך היי און פֿאַרקרימענדיג זיך מיט איין אייגעל אויף איינעם פֿון די פֿערד, דערלאַנגט ער איהם אַ טראַך אין דער מאָרדע, גלאַט אַזוי זיך, שילטענדיג דערבײ:

— אַ-אַ, פּגר'ן זאָלסט-די, פּגירה איינע! ווי ער קען עס אַביסעל נישט איינשטעהן אויף די פֿיס... פֿליהען גלוסט זיך איהם, דעם אָדלער, דעם שענעם. אַ, פֿליהען זאָלסט-דו צו אַלדי שוואַרצע יאָהר!

לייזער-יאַנקיל איז, אָנגעטאָן אין זיינע וועג-קליידער און אויפ'ן קאָפּ אָנגערוקט דאָס מיצעל, גיך אין אײלעניש צוגעקומען צום וואָגען. הערשעלע מיט אַ פּעקיל נאָך איהם, און איבערגעבענדיג עס דעם מעקלער צו די הענד מיט אַ געבעט, ער זאָל מאַכען אַ גוט געזעס, זענען זיי בײדע אַריינגעגאַנגען דערווייל אין דער אכסניא.

רייזע, ווי דער שטייגער איהרער מיט אַ פֿאַרשטעקט פֿאַרטוך און מיט אַ פּאָלאָניק אין דער האַנד, איז שטאַרק בעשעפֿטיגט געווען מיט דעם בעל-העגלה און די פֿאַרשווינען אַרום איהר, מיט וועלכע זי האָט זיך אָבגערעכענט, מאַכענדיג דערבײ אויף אַ בייזער צו דער

השגחה. געה, מיין קינד, אין רעכטען וועג און פֿאָלג ר' אברהם'ן ווי אַ טאַטען. זיי מיינען — דו הערסט? — דיין תכלית. גאָט זאָל זיי נאָר דערלענגערן די יאָהרען.

— אַ-נו, שקאָץ! — מאַכט ר' אברהם, אַ קלאַפּ געבענדיג פֿאַמעליכען הערשעלען אויף דעם אַקסעל, מיט אַ זיס שמייכעלע. — אַזוי, אַזוי! ווישׁ דיר אויס די אויגען און געה דיר, געה אַציגד צו דיין חבר דאָרט, דעם שקאָץ...

פֿריה האָט אין יענעם יאָהר זיך געשטעלט דער ווינטער. פּלוצלים, איידער דער עולם האָט זיך אַרומגעקוקט האָט פֿון צפֿוןזייט אַ בלאָז געטאָן אַ קאַלטער ווינט און זיך אָנגערוקט אַ בייזע, פֿינסטערע חמאַרע — דעם ווינטערס צווײ קאָזאַקען — לויפֿענדיג פֿאָראויס מיט אַ שטורם, אַ פֿייפֿען: „ציטערט, לעבעדיגע בעשעפֿעניש! אָט קומט ער, דער קאַלטער פֿעטער, און וועט אייך אָנרייבען אַ רויטע נאָז"... די פֿעלדער ליגען שוין בעגראָבען אין דעם ווייסען קיטעל פֿון שניי. די בוימער דאָרט שטעהען אָבגעשמיסענע, נאַקעטע, אַראָבגעלאָזען די קעפּ און די צווייגען געפּענטעט מיט קייטען פֿון פֿליטערלעך, פֿרענטעס אייז. פֿון פֿייגעל און וואַלד-חיה'לעך איז נישטאָ קיין שפּור, אַלע ווי אויסגעשטאָרבען, די ליגען בעהאַלטען טיעף אין די לעכער, יענע האָבען בייציטענס געמאַכט אַ פּליטה — אַוועק וואָהין די אויגען טראָגען, און אומעטום איז שאַ, שטיל. נאָר וואָראָנעס דרעהען זיך ערטערווייז אַרום אין דער לופֿט, עפּיס האָבען זיי געשעפֿטען: חתונות אָדער גלאַט אַזוי אסיפֿות וועגען קהל'שע זאַכען — און ווייסט זיי דער גוטער יאָר וואָס זיי קראַקען דאָרט, קרעכצען, רייסען זיך אויף די העלזער...

ווייט אַרום און אַרום הערשט שוין אין דער וועלט דער ווינטער, נאָר די יודישע שטאָדט, גלופּסק, זי אַליין וויל זיך איהם נאָך נישט אונטערגעבען. ער פֿיהרט מיט איהר אַ שטאַרקע מלחמה. ער שיקט אָן אויף איהר אַ פֿרעסטיל, און די קאַליזשעס איהרע אין די גאַסען נעהמט נישט קיין קויל, בלייבען טאַקי דאָס, וואָס פֿריהער: ער רעגענט אויף איהר מיט גרייפּלעך-שניי, און אומזיסט זיין מיה, בלאָטע!... די גלופּסקער יודעלעך גיבען זיך אַ שאָט ווי די כּורעשקעס, טרעטען עס מיט פֿיס און מאַכען דערווייס אַ קאַשע, אַ שיטערע, אַ גרוי-שוואַרצליכע בלאָטע; ער שטעלט זיין ווייס שנייען פּענדיל אויף דעכלעך, צום בעווייז, אַז ער איז פֿון אויבען — קומען הונגעריגע קיה,

יענעם אַלץ: העט אַביסעל! וואָס זאָגסט־דו, איך בעט דיר צו זיין טאַטען? אַז זי האָט זיך שוין מיט איטליכען אָבגעפּאַרטינט און דערזעהן אין דער זייט אונזערע ביידע פּאַרשוינען, דעם טאַטען מיט דעם זוהן, האָט זי זיך אויף זיי אַרויפגעלאָזט מיט איהר שרייענדיג לשון, אַ פאָהר געבענדיג מיט דער נאָז איבער דעם גאַנצען אַרבעל.

— אָט האָסט־דו איהם ווייטער, דעם שענעם בחור'ל! וואָס? געקומען פאָהרען? נאַקעט, באָרפיס, העט אַביסעל! אין אַזאַ קעלט זאָל מען אַזוי פאָהרען! וואָס זאָגסט־דו, איך בעט דיך, צו זיין איצט דאָ, אַ שענער טאַטע, כ'לעבען! אַליין, העט אַביסעל, איז ער אין אַ מיצעל, אַרומגעבונדען, נישקשה, און דאָס קינד זומערדיג! וואָס זאָגסט־דו פאָרט, איך בעט דיך, צו זיין טאַטען?

— מיין זוהן פאָהרט נישט, ענטפערט דער טאַטע.

— גאָר נייעס! אַליין פאָהרט מען און מען לאָזט איבער אַ קינד הפקר, העט אַביסעל! נאַקעט מיט אַ היל האַרץ אין דרויסען. וואָס זאָגסט־דו צו זיין טאַטען? מען בעדאַרף האָבען טאַקי אַ האַרץ פון אַ טאַטער! — אַזוי לאָזט רייזע אויס דעם שמועס, בעטראַכטענדיג הערשעלען פון אויבען ביז אַראָב און געהט זיך אַוועק.

דער בעל־העגלה הויבט אָן אונטערטרייבען דעם עולם — היידאַ, פאָהרען! די פּאַרשוינען שטופּען זיך אין איילעניש אַרויס אויף דער גאַס, צו פערהאַפּען געשווינד ערטער אין דעם וואָגען. איטליכער וואַרפט זיך אַהין אַריין אויף קידוש השם מיט הענד און מיט פיס. ס'איז אַ שטופּעניש, אַ קוועטשעניש, אַ איינגעשאַפּט. אַ דערשטיקעניש.

לייזער־יאַנקיל, נעבעך, זיצט, ווי ס'איז אויף אַ שפּיץ קלימעקיל, אין איינע צרות און נעהמט אָן פּאַר ליעב איטליכען שטופּ, וואָס ער בעקומט אין די זייטען. ער געזעגענט זיך מיט הערשעלען זעהר טרויעריג אויף אַ וויינענדיג־ציטערדיג קול.

הערשעלע קוקט דאָס לעצטע מאָל גוט אַריין אין דעם טאַטענס בלייך פּנים און בעוואַשט זיך מיט בלוטיגע טרעהרען, נישט אין שטאַנד צו זיין אַרויסברייגגען עפּיס אַ וואָרט און נישט צו זעהן. ווי דער וואָגען האָט זיך גערידהרט פונ'ם אָרט.

— הא, וואָס איז דאָ צו־וויינען! — מאַכט רייזע, אַרויסלויפענדיג צו הערשעלען אויף דער גאַס, נאָכדעם אַז די יאַזדע איז אַוועקגעפאָהרען. — אַז אַ טאַטע פאָהרט אַוועק, העט אַביסעל, נו איז וואָס! חלילה, נישט געשטאָרבען. נאַ, בעסער — נעהמט זי און שטופּט איהם

אַריין אין דער האַנד אַ אַלט לייבעל — נעהם און טראָג געזונט. נישט געחיינט. קום, אפשר ווילסט־דו עסען?

— ניין! — ענטפערט הערשעלע שוין אַביסעל געטרייסט פון רייזעס ווערטער.

— נאַ דיר ניין! — רופט זיך רייזע אָן. העט אַביסעל, מען זאָל זאָגען ניין! פאַר וואָס איז עסען ניין? נו, געה־זשע דיר געזונטערהייט, אַז ניין. נאָר טאָמער וועסט־דו וועלען, געדענק־זשע, זאָלסט־דו קומען!

דאס עלפטע קאפיטעל

לעתיד לבוא, העט־העט שפעטער, אם ירצה־השם — אזוי שטעהט געשריבען אין אונזערע הייליגע ספרים — נאכדעם אז מען וועט אויפשטעהן תחית־המתים און גאט וועט משפט'ן די וועלט, דענסטמאל וועלען אלע מענשען זיין אויסגעשטעלט אויף א גרויסען פלאץ, איינגעטיילט אין צווי טייל: אויף איין זייט די רשעים, אויף דער אנדערער זייט די צדיקים און צווישען זיי אין דער מיט דער יצר־הרע. יענע, די רשעים, וועט דער יצר־הרע זיך אויסדאכטען גאנץ דין ווי א האר. די אנדערע אקעגען — גרויס ווי א בארג, און אלע מענשען פון ביידע זייטען וועלען, קוקענדיג אויף איהם, שרעקליך וויינען, די רשעים יאמערן, שרייען:

— געוואלד, אזא דינע האר איפ'ן גלייכען וועג איז אונז שווער געווען איבערצוגעהן און מיר זענען פערקראכען מיט קרומע גענג צו אלדי שווארצע יאהר!

אקעגען־זשע די צדיקים קלאגען, גיסען טרעהרען:

— רבונו של עולם, מיר פארשטעהען נישט, ווי עס האט זיך צו אונז גענומען 'א אייזערנער כח אזא שרעקליכען, הויכען בארג איבערצוגעהן, אזוי פיעל פיין און יסורים אין אונזער לעבען אויסצושטעהן!...

די דאזיגע וואונדערליך אויסגעמאלטע קארטינקע, קען דיענען זעהר גוט פאר א הקדמה צו דער ערצעהלונג, וויפיעל יסורים, וועהטאגען הערשעלע איז אין זיין לעבען, נעבעך, אויסגעשטאנען. דערמאנענדיג זיך אצונד אין די בעסערע יאהרען, וויפיעל בערג צרות, אלע מיני פורעניות און לייד, ער האט בעדארפט איבערגעהן ביז ער איז לסוף

ארויס אויף א וועג, וויינט אין איהם דאס הארץ און ער וואונדערט זיך, ווי אזא שנעק, א ווערמיל, א גארנישט מיט א נישט, זאל געווען קענען אזוינס איבערטראגען, נישט ווערען צוטרעטען אין דער וועלט אונטער די פיס! ער וויינט אויף זיך ווי אויך אויף פיעל אזעלכע זיין גלייכען ביי אונז יודען, וואס זיי איז בעשעהרט פון קינדרוויז אן צו ראנגלען זיך מיט אללערליי אנשיקענישען, אויסצוקריכען אלע לעכער, צודראפען זיך אויף די גלייכע ווענט און צו פיהלען דעם ביטערען טעם פונ'ם טויט, בכדי צו דערגרייכען יענע שטופע, וועלכע זיי שוועבט פונדערווייטענס פאר די אויגען.

אומגליקליכע יודישע קינדער! אומגליקליכע אפילו שוין כלומר'שט אין דעם גליק. נעהמט יענע, א שטייגער, וואס שטעהען שוין אויף א שטופע, האבען א פנים און לעבען. נאר איז דאס שטעהן זייערס אייזענפעסט, וואס שטעהן הייסט, מיט ביידע פיס, אז עס זאל נישט מעגליך זיין פון א מינדסטען בלאז אומצופאלען? איז דאס פנים זייערס אין דער וועלט ליטיש פיין, א מענשליכס? איז דאס לעבען זייערס דארט אינגאנצען א גליקליכס ווי עס געהער צו זיין? — איז דען כדאי פאר אזא גליק, משטיינס־געזאגט, אנצולײדען זיך אזוי פיעל אומגליק; פאר אזא פנים כלומר'שט אזוי קריכען אויס דער הויט, און פאר אזא לעבען, אויף שונאים געזאגט געווארען, אזוי אויסגעהן, צעהן מאל אין טאג שטארבען פאר הונגער?...

יא, צו יענער קארטינקע פעהלט נאך א סך. די רשעים מאקי זענען דא, די צדיקים דא, דער בארג צרות אויך דא, נאך דער תחית־המתים אבער איז געמלאכה'ט, און זעהר פיעל ליגען נאך גאר טויט, זיין איילען טיעף בעגראבען אין דער ערד, גאט און זיין משפט איז נאך אויך נישטא.

ר' אברהם האט אין זינען געהאט הערשעלען, געטאן פאר איהם האס נאר מעגליך. ער האט איהם בעשטעלט שבת ביי איינעם פון זיינע בעקאנטע בעלי־הבתים און אין מיטען דער וואך פלעגט איהם אויף ר' אברהם'ס בקשה נעהמען אויף א ווארמעס אדער אויף א וועטשערע, א מאל דער, א מאל יענער פון די, וואס דאווענען אין קלייזיל.

אט אויף אזא שטייגער האט הערשעלע, נעבעך, ווי־ס'איז איבערגעלעבט א טאג, האלב געגעסען, האלב געפאסט, געמאכט מיט די ליפען, און איהם איז דענסטמאל שוין אויסגעקומען גוט צו פיהלען דעם טעם, פון וואנען נעהמט זיך עס, אז „ויאכלו" — אזא פשוט, בעקאנט

וואָרט דאַכט זיך ווי „וויאַכלו“ — זאָל בײַ אונז יודען נאָר דער טײַטש זײַן „און זיי האָבען געטאָן טהון גלייך ווי געגעסען“.

יאָ, פיעל אָרמינקע אַזעלכע בײַ אונז קומט אויס דעם דאָזיגען טעם, נעבעך, צו פיהלען. אַז דאָס האַרץ חלש'ט, מען וואָלט שוין געוואָלט דערלעבען עפּיס אין מויל אַרײַן צו נעהמען, הויבט זיך געוועהנטליך אָן אָט דער לאַנגער מזמור: וואַשט זיך... וואַרט אַביסעל, מיט דער קוואָרט טאָהר מען נישט... לאָז מען געבען אַ אַנדערע... נו, דאָרט, זייט מוחל, דאָרט זוכט דעם האַנטוך. זאָגט שאו ידיכם. זעצט זיך. מאַכט המוציא. באַלד, באַלד, וואַרט אַביסעל, אָט וועט מען געבען זאַלץ. שטעקט אַרײַן דעם לעפעל. האַפּט אַ שטיקעל פליש. מיט אחרונים. מכבד מיט מזומן. בענש! — „רבותי מיר וועלען בענשען!“ דאָס הייסט אויף דעם מאָגענס לשון: „רבותי מיר ווילען עסען!“

דאָס איז נאָך גאָלד, עפּטערס פלעגט זיך מאַכען, אַז „וויאַכלו“ האָט בײַ הערשעלען גאָר קיין טײַטש נישט געהאַט, פּשוט טאַקי גאָרנישט — און נישט איינמאָל, לענענדיג זיך אַזוי, נעבעך, שלאָפען, האָבען זיך איהם בײַ נאַכט געחלומט בעטלער. געניג איז איהם אָבגעפאַלען דאָס פליש פאַר צרות פונ'ם עסען, האָט איהם נאָך וועה געטאָן אויך די נשמה — ער האָט די ערשטע צײַט שטאַרק געבענקט אַ היים. אין דער היים האָט ער דאָך, אמת טאַקי, אויך נישט געלעקט קיין האָניג, נאָר פאָרט אַ גרויסער חילוק. דאָרט איז איהם געווען עפּיס וואַרם, גרינגער אויף דער נשמה, ווי אַ פייגעלע אין נעסט, אונטער דער מאַמעס פליגעלעך. דאָרט איז ער געווען אַ אייגענער, אַלסדינג אַרום איהם, אין דער היים, אין שטאָדט, זענען איהם געווען אייגענע זײַנע, זיי האָבען זיך פערשטאַנען: אפילו די בהמות דאָרט, די הײַזער, די לופט, וואָס ער האָט געאָטהעמט, די ערטער, וואו ער האָט געשפּאַצירט, זיך געשפּיעלט מיט זײַנע חברים, האָבען עפּיס גערעדט צום האַרצען און זיך מיט איהם אָנגעהערט — און דאָ איז ער עלענד, פרעמד, עס קלעפּט זיך עפּיס נישט, אַלסדינג גאָר נישט דאָס, עפּיס נאָר אַנדערש. די זון, די לבנה און די שטערען קוקען דאָ עפּיס נישט אַזוי, ווי אַמאָל בײַ זיך אין שטעדטיל, נישט אַזוי פרײַנדליך, גוט ווי פריהער און ער האָט אַ פּנים, ווי בײַם בעגעגענען זיך מיט דעם ווײַב'ס משפּחה נאָכ'ן גט, שוין נישט מעהר קיין אייגענע, נאָר גלאַט אַלטע בעקאַנטע, געוועזענע קרובים. אַזאַ געפיהל ווי בענקען, וואָס צופּט, נאָגט טיעף אין האַרצען, לאָזט זיך נישט איבערגעבען מיט ווערטער.

דאָס פאַרשטעהט נאָר דער, וואָס איז געפּריוועט געוואָרען צו פערזוכען אַמאָל אין לעבען דעם טעם פון עלענד, צו-זײַן פלוצלים אָבגעריסען פון זײַנע ליעבע און בלײַבען אַליין פאַר זיך. אַ קאַטאָוועס עפּיס! איין קליין פינטעלע, אַ ברויזען, אין אַזאַ גרויסער, גרויסער וועלט.

עס ציהט זיך גאַנץ גרויסע וועלט אין דער לענג, אין דער ברייט אָהן אַ סוף, אָהן אַ עק. אין דער מיט וועלט, אויף דער קײַלעכדיגער ערד, איז דאָ אַ קליין פלעקעלע, ווי אַ פליג האָט איבערגעלאָזט — דאָס איז גלופּסק. אין דעם דאָזיגען פלעקעלע איז דאָ אַ פינטעלע — אַ קלײַזיל. און אין דעם פינטעלע איז דאָ נאָך אַ ברעקיל פינטעלע — אַ באַנק. און אין דעם ברעקיל פינטעלע ליגט נאָך אַ פיצינקעלע פינטעלע — אַ מין בעשעפעניש אַזוינס, וואָס הייסט הערשעלע. דאָס פיצינקעלע בעשעפעניש ליגט ווי אַ שפּין פונקט אין דער מיט פונ'ם גרויסען ראָד שפּינוועבס. פון איהם ציהען זיך אַרום און אין אַלע זײַטען לאַנגע דינע פעדימלעך, פול און אָנגעזעצט, האַרט איינס בײַם אַנדערען, מיט עפּיס לופטיגע מיני פינטעלעך, אַזעלכע, גאָר ניט פאַר דעם אויג, וואָס הייסען בײַ די פילאָסאָפען „אַטאָמען“, און געהען העט-העט ווײַט צו די שטערען אין הימעל, צו אַלסדינג אין דער וועלט אַרום, און, עס פאַרשטעהט זיך, קיין קאַבצאַנסק אויך. אויף די דאָזיגע לופטיגע פעדעמלעך קלעטערט הערשעלעס נשמה, קאַראַבקעט זיך מיט אַלע זײַנע געדאַנקען אַ הין, אַ הין — אַ היים. זי קאַראַבקעט זיך ווי די עלעקטריציטעט אין דעם טעלעגראַפישען דראָט, אָנריהרענדיג מיט איהרע ברענענדיגע געפיהלען אין טײַכיל פונ'ם לאַנגען, לופטיגען פעדימיל. דאָס טײַכיל גיט פון זיך איבער דעם ברען דעם ווײַטערדיגען טײַכיל און אַזוי פליהט עס שרעקליך געשווינד ווײַטער ווײַטער, ביז עס טרעפט ווי אַ בליץ אין די הערצער פון זײַנע עלטערן, זיי דערפיהלען באַלד הערשעלעס האַרץ און טהוען אַ שלוקערץ. הערשעלע, זאָגען זיי, דערמאָנט אונז. עס שטעלט זיך זיי פיר זײַן לאַגע. איינער אַליין, נעבעך, אין דער פרעמד — און געהען אויס פאַר רחמנות. נאָך וואָס קענען אַזעלכע געפאַלענע, נעבעך, טאָן, אַז זיי אַליין איז שלעכט און קומען שרעקליך אָב? די מאַמע אַרבײַט, נעהמט זיך די אויגען אַרויס ביז שפּעט אין דער נאַכט מיט דעם פעדערען-פליקען, און פון דער גאַנצער אַרבײַט איז, משטיינס-געזאָגט, קיין וואַסער אויף קאַשע אפילו נישטאָ. דער טאַטע, נעבעך, האָט, זינט אַ היים קומענדיג, נישט אויפגעהערט צו קרענקען. ער צאַנקט, געהט אויס ווי אַ ליכט, ער קען נישט צוזעהן

דאָס גרויסע עלענד אין שטוב, דעם צער פון די הונגעריגע, דערשלאָ־
גענע קינדער. דאָס ביטערע אָרעמקייט איז איהם שוין שווער איבערצו־
טראָגען, געניג שוין זיך אָנגעליטען, נישטאָ שוין מעהר קיין כח — אָפּ־
אָט טריקענט שוין אוים דער לעצטער טראָפּען זאַפט פון זיין וויסט, גע־
בראָכען לעבען. די עלטערן זיפצען, אָכצען, קרעכצען, פירשטעלענדיג
זיך דאָס עלענדע, פערוואָגעלטע קינד, צו וועלכען עס ציהט זיי אַזוי
דאָס האַרץ — און זייער ביטער געמיטה טעלעגראַפירט זיך, דורך די
אייגענע לופטיגע פעדימלעך טאַקי, אין הערשעלעס האַרצען צוריק. עס
סוד'עט זיך אַ האַרץ מיט אַ האַרץ — שושקעט זיך אַ נשמה מיט אַ נשמה,
גיסען זיך איינער פאַר דער אַנדערער אוים און שמועסען זיך איבער שטיל
אָהן ווערטער... עס דאַכט זיך הערשעלען, דער טאַטע ליגט, נעבעך,
שלאָף, פערשמאַכט, קוקט עפּים מיט אַ געבעט חי ביים צושיידען זיך.
עס שוועבט איהם פאַר די אויגען דעם טאַטענס בלייך פנים, יענע גוטע,
זיסע מינע זיינע בשעת געזעגענען זיך מיט איהם — און הערשעלע איז
צוקאָכט, ער וויינט שטילערהייט ביי נאַכט אויף זיין האַרט געלעגער,
איבערטראַכטענדיג אַ שרעק... אָט דאָס איז עס, וואָס געווענליך
הייסט דאָס ביים עולם: „דאָס האַרץ זאָגט."

יאָ, דאָס האַרץ האָט הערשעלען געזאָגט און אַ היבשע צייט איהם
נישט אויפגעהערט צו זאָגען, ביז ער האָט איינמאָל פון דער היים בע־
קומען די חיסטע בשורה: „הערשעלע, זאָג קדיש נאָכ'ן טאַטען; דו ביסט
אַ יתום!"

דאָס ערשטע קאַפּיטעל.

דאָס בּיינקען אַ היים, דאָס האַרצוועהטאָג פוּנ׳ם פאָטער׳ס טויט, די גרויסע יסורים דערפוּן, ווי אַזוי די מוּטער מיט די קינדער קומען עס, נעבּיך, אָב אין דער היים און דאָס אייגענע פּעקיל צרות: נויט, עלענד, פערוואָגלונג דאָ אין דער פרעמד — דאָס אַלסדינג אינאיינעם האָט מיט דער צייט אויף הערשעלען געווירקט, אַריינצולאָזען זיך, ווי אַ שילדקרעטיל, אינוועניג אין זיך, אַלץ טראַכטען און פערטיפט זיין אין זיינע געדאַנקען. זיין לעבען איז געוועזן טראַכטען. דאָרט טיעף אינוועניג אין זיך, איז פאַר איהם געוועזן אַ וועלט, וואו די נשמה זיינע האָט אויסגעשפּרייט די פליגעלעך און געפלויגען פריי העט ווייט-ווייט. אונזער פּראַקטישע ווירקליכע וועלט איז פאַר איהם געוועזן אַ שפּיגעלע, וואו די נויט האָט איהם געהאַלטען געפאַנגען, איהם נישט געלאָזט אויפהייבּען דעם קאָפּ, בּעווייזענדיג איהם אויף איטליכען טריט זיין שלאָפקייט, זיין קליינקייט; וואו ער האָט פאַר זיך געזעהען נאָר צרות, צרות און צרות. ער האָט אָנגעהויבּען צו בּעשאַפען בּיי זיך אינוועניג אין האַרצען אַ וואונדערליכע וועלט, אַ גן-עדן, וואו עס בּליהט, עס שמעקט, עס פליסט מילך און האָניג; וואו עס איז אָפען דער הימעל, קעפּלעך פוּן מלאָכים קוקען אַרויס, ווינקען מיט גוּטע, פריינדליכע פּנימער און זינגען זיסע לידער פוּן האָפנונג, טרייסט, ליעבּשאַפט, רחמנות. עס ווערט עפּיס גרינג אויפ׳ן האַרצען און עס לעבּט זיך אַזוי גוּט, אַזוי געשמאַק, מחיה

פלס מאטעריאל אויף צו בויען די דאזיגע וואונדערליכע וועלט האבען איהם געדינט אלטע מעשיות, וועלכע ער האט זיך אנגעהערט א מאל. נאך אין קאבצאנסק, אויך נייע פון אצינד. די גמרא פון איהרע טרוקענע, ערנסטע זאכען, האט הערשעלען שוין נישט צופריעדען געשטעלט, נאך אנגעמאכט אויף איהם גאר עפּיס א מרה-שחורה. ער האט זי געלערענט נאר פון יוצא ווענען, ווייל לערנען האט ער גענוזט, ווייל אנדערש וואלט ער דאך מיאוס אראבגעפאלען ביי די קלויז-בעלי-הבתים און מען וואלט איהם מעהר נישט געגעבען קיין וואַרטעס; אויך ווייל משה'לע דער חבר זיינער פלעגט איהם אונטערטרייבען, אלץ: לערנען, לערנען! ביים נעהמען זיך צו דער גמרא איז איהם געווען עפּיס נישט גוט, פריקרע. ער האט בעדארפט זיך אנטאן א כח, פריהער זיך צו-ווינען, צו-שאקלען, בכדי צו מאכען זיך א חשק און ס'איז איהם געווען צום הארצען ווי ביים אריינקריכען אין א קאלט ביטעל. געמאכטער חשק אבער איז א פייערווערק, עס טהוט א פליה מיט א פלאַם און ווערט באלד טאקע פערלאשען.

נאך עטליכע מאל אונטערטוקען זיך אין דעם „ים-התלמוד" האט הערשעלע שוין געשפירט א קעלט און זיך געאיילט ארויס, אנצו-וואַרמען די נשמה. איין ארט אויף אנצו-וואַרמען זיך איז פאר איהם געווען הגדתות, מעשיות אין הייליגע מוסר-ספרים, מיט וועלכע ער פלעגט זיך קוויקען, אוועקשטעלענדיג אויף א ווייל אין דער זייט ראובן'ס אקס און שמעון'ס קוה מיט דעם בטחון; נישקשה, דער גוטער יאהר וועט זיי נישט נעהמען!...

הערשעלע האט געלייענט זעהר שענע מעשיות מיט רבי מאיר בעל-הנס, מיט רבי יהושע בן-לוי, ווי אליהו הנביא האט איהם איינמאל מיטגענומען וואנדערען בקומפאניע אויף דער וועלט, נאר בתנאי הערען, זעהן און שווייגען. מעשיות מיט רבי חנינא בן-דוסא — א ביטערער אביון, ווי עפּיס א האנד פונ'ם הימעל האט איהם געגעבען א גילדען פיסעל פון א גילדענעם טיש; אויך מיט רבי שמעון בן-חלפתא, ווי איינמאל, אז ער האט נישט געהאט אויף שבת, האט מען איהם פונ'ם הימעל דערלאנגט א טייערען בריליאנט; ווי רבי שמעון בן-יוחאי האט איינמאל ארויסגעפיהרט זיינע תלמידים אין עפּיס א גרויסען טאל און געזאגט: טאל, טאל, פיל זיך אן מיט רענדלעך! און ער האט זיך אנגעפילט טאקי באלד; ווי רבי ישמעאל בן-אלישע האט אראבגעבראכט פונ'ם הימעל דעם „שר-התורה" — יופיאל המלאך.

אינגאנצען פלאם-פייער מיט א שיינענדיג פנים ווי א בליץ, און ווי אליהו הנביא האט רבה בר רב חנינא — א גרויסען אביון, געגעבען טייערע שמעקענדיגע גן-עדן-בלעטלעך, וועלכע יענער האט פערקויפט עפּיס פאר צוועלף טויזענט גילדענע רענדלעך!

משה'לע איז זעהר נישט צופרידען געווען פון הערשעלעס פערטיפען זיך אין אזעלכע זאכען, אברייסענדיג זיך דערווייל פונ'ם לערנען. און זיצענדיג ביידע אין קלייזל ביי אפענע ספרים אויף די שטענדערס, פלעגט צווישען די צוויי חברים עפטערס פירגעהן אזא שמועס:

— „הערשעלע, געוואלד, הערשעלע! טאמער וואלט שוין גענוג געווען זיך צו פערטיפען אזוי?"

— „הא, וואס, משה'לע?"

— „לערנען, הערשעלע!"

— „איך קוק דאך אריין אין א ספר, משה'לע!"

— „וואס טויג מיר אין א ספר, קוק בעסער אריין אין דער גמרא. נו, הערשעלע, הויב אן: תנו רבנן, האבען די רבנן געלערענט"...

— „אי-אי, א גליק! אזא גליק!"

— „וואס הייסט?!" — מאכט משה'לע, אויסשטעלענדיג אויף הערשעלען א פאר אויגען."

— „נו זאג שוין, געוואלד, וואס טהוט מען דא מיט דעם תוספות? — הארבליך!"

— „אך גוט, זעהר גוט!"

— „זאג-זשע, אויב ס'איז גוט!" מאכט משה'לע לעבעדיג, גאנץ זיכער ביי זיך, אז דער תוספות קומט ביי הערשעלען אויס גוט.

— „דו פאַרשטעהסט, משה'לע, ווי גוט רב יוסף'ן האט געמוזט זיין אויפ'ן הארצען, אז ביים אויפשניידען פרייטאג דעם פיש, געפינט ער, קבצן, אין בויך א טייערען דימאנט, וועלכען גאט האט איהם צוגעשיקט!"

— „עט!" — גיט משה'לע א מאך מיט די אקסלען און קראצט זיך פאר פערדראס. — „אבער תוספות! וואס וויל דא תוספות האבען פון רש"י?"

אט אזא שטייגער שמועס פלעגט פירגעהן צווישען די ביידע חברים געוועהנטליך אין דער וואכען. משה'לע האט, קראצענדיג זיך, אלץ אונטערגעטריבען, און הערשעלע האט אלץ זיך אבגעבעטען. דערפאר

איז שבת=צו=נאכט פאר הערשעלען געווען א לעבען. דענסטמאָל איז איהם געשטאַנען פריי צו פערטיפען זיך אין וואונדערליכע זאַכען, וויפיעל דאָס הארץ גלוסט. משה'לע פלעגט דענסטמאָל געוועהנטליך פאַרבייגען דאָס לערנען און איהם נישט עקבערן דעם קאָפּ מיט דער גמרא. היינט איז די דאָזיגע נאַכט אַליין מאַקי עפּיס אַזעלכע, וואָס איז מסוגל צו טראַכטען, צו פערפליהען אין הימעל אריין. זי האָט אין זיך עפּיס אַזעלכס, וואָס צושרויפט דעם יודען, מאַכט אויף איהם אַ זיס=טרויערדיגע מרה=שחורה און דרעהט, דרעהט איהם אינווענינג אין דער נשמה. עפּיס איז ער צודרעהט, אומרוהיג און פערטראַכט.

„ווילט איהר דעם שבת=צו=נאכט פארשטעהן, מוזט איהר צו דעם יודען אין הויז געהן!"

דאָס צווייטע קאַפּיטעל

קומט=ושע, זייט מוחל, אַהער אויף אַ ווײלע, צו משה'לעס פעטער!

משה'לעס טאַטע — שמואל'יק, איז אַ מאַנהעטניק. אַ גאַנצען טאָג פון פריה ביז אין דער נאַכט לויפט ער אַרום מיט אַלטע זאַכען, שלאָגט אָב די טירען צו קויפען און צו פערקויפען זיין סחורה. ער איז געקרומט, געבויגען מיט אַ בלייך פנים, געקנייטשט, געעלטערט פאַר זאָרג און צרות. אַנלויפענדיג זיך ווי אַ הונט, קומט ער מיעד, צעבראָכען אין זיין וויסט שטיבעל — אַ קאַנורע, מיט עטליכע גראָשען פערדינסט, און אַמאָל גאָר מיט אַ לעדיגע קעשענע, חאַפּט אָב עפּיס, וואַרטעם מיט וועטשערע אינאיינעם, און טהוט זיך אַ וואָרף שלאָפען. ער ליגט, נעבעך, ווי אַ דערהרג'עטער, פיהלט אין זיך נישט קיין גאַנץ אבר. גאַנץ פריה שטעהט דער טויטער אויף, משטיינס=געזאָגט, תחית=המתים און ווייטער לויפען, ווייטער אַרומיאָגען זיך. אַזוי פערברייננט ער זיין היניטש לעבען די גאַנצע וואָך.

פרייטאָג צו=נאַכט בעקומט די קאַנורע עפּיס גאָר אַ אַנדער פנים — אויסגעשמירט, אויסגעוואַשען ריין אין איטליכס ווינקעלע. דער טיש געדעקט מיט אַ ווייסען טישטוך, אויף איהם דריי מעשענע, אויסגעשייערטע לייכטער מיט די בענש=ליכט, און צוויי שענע קוילעטשען, אָבגעשמירט מיט געלכען פון אַ איי, שיינען פונדערווייטענס, פאַרגעהסין די אויגען. אין שטוב הערשט עפּיס אַ זיס רוהינקייט, עס שמעקט אַ ריח פון צוגעדעמפטע שפייזען, וואָס שטעהען אויפ'ן פריפעטשיק איבערגעדעקט מיט אַ קישען. די מאַמע, אַ גאַנצע וואָך פערשמירט, פערפינסטערט, לויכט

אין דער שבת'דיגען שלייער, עס רוהט אויף איהר די שכינה. די באָרפיסע מיידעלעך, פאַרקעמט, אויטגעצוואָגען, האַלטען זיך אינאייגעם אין א ווינקעלע און מען זעהט אָן אין זייער פנים, ווי זיי וואַרטען, קוקען אויף עפּיס אַרויס מיט א פרעהליך האַרץ. — שאַ, עס הערט זיך טריט... מען געהט... די טיר עפענט זיך אויף.

— גוט שבת! זאָגט שמואל'יק קומענדיג פון דער שוהל און קוקט פריינדליך מיט א שיינענדיג פנים אויפ'ן ווייב, אויף די קינדער.

— גוט שבת! זאָגט משה'לע הויך אויף א קול, צריינלויפענדיג געשווינד ווי מיט א גוטער בשורה.

און דער טאַטע מיט דעם זוהן הויבען אָן ביידע, אַרומגעהענדיג איבער'ן שטוב, צו זאָגען אויף א נגון „שלום עליכם"! דאָס נעהמט מען אַזוי אויף די הייליגע מלאכים, געשיקט פון דעם אויבערשטען, פונ'ם מלך איבער אַלע מלכים, הקדוש־ברוך הוא, וואָס האָבען זיי בעלייט פון דער שוהל א היים. דער טאַנדעטניק איז שוין נישט מעהר קיין הונט, ער איז א פּרינץ, עפּיס האָט ער בעקומען א נייע נשמה, א נייע הויט. ער מאַכט קידוש, וואַשט זיך, זעצט זיך צום טיש, דאָס ווייב די פּרינצעסין און די קינדער אַרום איהם, מען שטופּט דעם גאָפּעל, דעם לעפעל און מען חאַפּט א שטיקעל פיש, א לאָקש, א ביינדיל, אַביסעל צימעס — אַזעלכע מאכלים, וואָס מען האָט עס א גאַנצע וואָך אין די אויגען נישט געזעהן. איטליכס פון די קינדער עסט עס, שטאַרק היטענדיג זיך, קיין ברעקיל זאָל, חלילה, נישט אַראָבפאַלען, עפּיס מיט א גוט ערענסט פּנימיל, וואָס וועקט אויף אין האַרצען געפיהלען פון רחמנות. עפּיס גאָר ווי א וועווריקיל, וואָס זיצט זיך אויף א ביימיל און קנאַקט עפּיס אַזוי שען, אַזוי ערענסט א ניסיל...

שמואל'יק שטעלט די „כלי" צו די זמירות און שפּיעלט אָב טשאַקענדיג א „מה ידידות":

„ווי ליעב די רוה איז דיינע,
פּרינצעסין שבת פיינע!
מיר לויפען דיר אַקעגען אַלע,
מיר בעטען: קום, געקרוינטע כלה!...
פון אַלע מלאכות איז איין עק,
די אַרבייט לעגט מען איצט אַוועק,
זיך תענוג אָנצוטאָן ביים טיש,
מיט היהנער, חלה, פליש און פיש".

סמבטיון דער טייך, וואָס לויפט, רוהט נישט די גאַנצע וואָך, בלייבט שבת פלוצלים שטעהן, „עס הערען־אויף די קולות, געוואַלדען, ווען הויך דער יוד זינגט די זמירות זיינע. דער שרעקליכער טייך שטערט איהם נישט אין דעם שטייגער זינגען, עס שווייגען די בייזע חוואַליעס, אוים רעש — שאַ, ס'איז רוה!"...

אַזוי פרייעט זיך א מעת־לעת דאָס האַרץ, „א פרייד, א שמחה אויף די אַלע יודען, זיי זענען פריי פון זאָרג און שטאַרק צופריעדען".

אויפ'ן אַנדערען טאָג פאַר־נאַכט, נאָך שלש־סעודות, זיצט אונזער שמואל'יק אַראָבגעלאָזט די נאָז אין שוהל. ס'איז טונקעל. יודען ברומען, זאָגען אויף א קרעכצענדיג קול דאָס קאַפּיטעל תהלים „אשרי תמימי דרך", וואָס דערמאָנט אין דעם, אַז די פּרינצעסין־שבת קלייבט זיך אין וועג אַריין. עס הערשט עפּיס א אומעטינקייט און עס שמעקט מיט ראָסעל פון אוגערקעס. די זון איז שוין פערגאַנגען, פייער־רויטע וואָלקענס שרפה'נען ביים עק הימעל און עס שטעלט זיך יודען פיר דער ברענענדיגער גיהנום. עס קלינגט זיי אין די אויערען דאָס שרעקליכע בעפעהל: „ישובו רשעים לשאולה!" — די רשעים אויף יענער וועלט, וועלכע מען האָט געלאָזט שבת צורוה, זיך קויקלען דאָרט פריי אויף בערג פון שניי, טרייבט מען עס אַצינד ווידער אין חדר אַריין: געהט זיך פרעגלען אַהין אין גיהנים! און מלאכי־חבלה דרעהען זיך עפּיס פאַר די אויגען. אַך, דער גיהנום! דער יוד, נעבעך, זעהט פאַר זיך דעם גיהנום.

אין דער היים בײַ זיך זיצט אויף דער מילכדיגער באַנק דאָס ווייב, פאַרלעגט די הענד און די פיס אונטער זיך. ס'איז פינסטער. א ליכטיגער פאַס פון דער לבנה שיינט אַריין דורך א פענסטעריל, אָבשלאָגענדיג זיך אַקעגען אויף דער וואַנד, אויף דער סטעליע, און שאָטענס פון משונה'דיגע געשטאַלטען טאַנצען, שפּרינגען, מאַכען אָן עפּיס א מורא אויף די אַלע קינדער, וואָס שטיקען זיך צונויף אינאייגעם, ווי די דערשראָקענע שעפּעלעך, מיט אַראָבגעלאָזטע קעפּ, איינס מיט דעם אַנדערען נישט צו רעדען קיין וואָרט. שאַ, שטיל! נאָר א פּאָר גרילצען זיך איינע מיט דער אַנדערער איבער אין די שפּעלטלעך ערגיץ אין א ווינקעל. דאָס ווייב זיצט פערטראַכט, שאָקעלט מיט דעם קאָפּ און נעהמט זיך דערנאָך זאָגען מיט א געניץ: „גאָט פון אברהם... אַז דער ליעבער שבת קודש געהט אַהין"... אויף א טרויער־זינגענדיג קול. — איין עק, הייסט עס, א סוף. מען רייבט, רייבט מיט קונצען עפּיס א מין שוועבעלע, א צווייטס, א דריטס, ביז עס ווייזט זיך מיט א בייזער אין א רויך, א געשטאַנק א בלוי־

רויטליך פּיעריל, בײַ וועלכן מען צינדט נאָך פּיעל מיה אָן אַ חלב׳דיג־גראָשען ליכטיל.

— גוטע וואָך! — זאָגט איטליכער און פּיהלט, ווי עס רייסט זיך איהם עפּיס אָב אינװעניג אין האַרצען.

— אַ גוטע וואָך! — זאָגט שמואל׳יק, אויף אַ פּערדומפּפּען קול בײַם אַרײַנקומען אין שטוב ווי אַ קעצעלע. ער דרעהט זיך אַרום ווי אַ נעכטיגער. די אויגען זײַנע וואַרפען זיך עפּיס, דאָס פּנים בלייך, אויסגעצויגען, און מען זעהט, ווי אין איהם געהט פיר עפּיס אַ פאַרענדערונג.

דאָס הויבט זיך אין איהם אָן דאָס איבערקעהרעניש פון אַ פּרינץ ווידער אין אַ הונט. עס שטעלט זיך פאַר שמואל׳יקען די וואָך מיט דעם הינטישען לעבען: מיט דעם אַרומלויפעניש, מיט דעם קאַפּדרעהעניש, מיט די חרפּות, בזיונות און דעם זוכעניש דאָס דאַר שטיקעל ברויט — און עס בעשלאָגען איהם אַנגסטען. נאָר דער פּרינץ וויל זיך אָבער אַזוי גיך נישט אונטערגעבען, ער ראַנגעלט זיך, לאָזט זיך נישט נעהמען אין גיהנום אַרײַן, פּלוצלים אין אַ הונט פערוואָרפען צו ווערען! ער צאַפּעלט, ער זוכט אין וואָס זיך אָנצוהאַלטען — טאָמער איז נאָך פאַרט דאָ עפּיס אַ האָפנונג, נאָט קען נאָך רחמנות האָבען — און די האָפנונג גיט איהם אַ שײַן אין דער ברענענדיגער הבדלה. פרום מיט פערגלאָצטע אויגען נעהמט ער זיך מאַכען הבדלה: „הנה אל ישועתי״ — אָט איז ער, דער גאָט פון מײַן הילף, „אבטח ולא אפחד״ — איך בין פערזיכערט און שרעק מיך נישט!... ער שמעקט און מינטערט זיך מיט בשמים, ער טרינקט פון כוס און שמירט דערפון די קעשענעס — אַ סגולה צו אַ גוטער, מזל׳דיגער וואָך. און די האָפנונג שײַנט איהם אויך אין די שבת־צונאַכטיגע זמירות. ער הויבט אָן אויף אַ זיס־טרויערדיגען נגון אונטערצוזינגען „המבדיל״...

און די האָפנונג שײַנט איהם נאָך מעהר אין דעם „איש חסיד״. עס צופלאַקערען זיך איהם די אויגען. עס פערפאַרבט איהם זיך אַ ביסעל רויטליך דאָס פּנים, ער קוקט אויפ׳ן ווייב, און אויף די קינדער און מיט בטחון אויף גאָט ברומקעט ער בעהאַרצט דאָס וואונדער־שענע מעשה׳לע מיט דעם חסיד.

— אך, גאָטעניו! — לאָזט שמואל׳יק אויס דעם „איש חסיד״ מיט פערגלאָצטע אויגען און פאַרגעהט זיך, ברומקענדיג אונטער זיך אַ חײַנע־דיג־יודיש שטײַגעריל אויף דער דיגער סטרונע — אך. מהו עפּיס אַ נס און העלף, גאָטעניו, העלף, העלף, ווערע איז מיר!...

— גוטע וואָך! — זאָגט משה׳לע אַרײַנקומענדיג אין שטוב און מיט איהם קומט געוועהנטליך שבת־צו־נאַכט אויך הערשעלע אויף מלוה־מלכה. זיי זאָגען בײדע די זמירות — פון ויתן לך״, וואו יודען ווערט צוגעזאָגט אַלדאָס־גוטס פון פייגעל־מילך: אַ געדעטעניש אין תבואה, טשערעדעס בהמות און שאָף, די ברכה אין דער דײַזשע, אין דער ספּײַ־שײַרע, אין דעם האַנדעל, עושר אויך כבוד און נאָך גרויסע גליקען — ביז נאָך די „אליהו׳ס״.

אויפ׳ן פּריפּעטשיק ברענט אַ פּײַעריל, די מאַמע פּאָרעט זיך עפּיס נעבען אויווען, דאָס הויזגעזינד זיצט נישט ווייט בײַ אַ טיש, איטליכער מיט עפּיס אַ שטיקעל אַרבייט, און איינער פון די בײדע חברים, אַ מאָל דער, אַמאָל יענער, לייענט זיי פיר דעם ספר הישר, די מעשה דאָרט, ווי די ברידער פערקויפען יוסף׳ן וכדומה נאָך אַזעלכע שענע מעשיות פון היילינע ספרים. דערבײַ שפּינט זיך אַ שמועס, איטליכער וואַרפט אַרײַן אַ וואָרט, מען פערפליהט ווייטליך, מען איז עפּיס נישט אויף דעם עולם — און דערווייל ווערט פאַרטיג דער באָרשטש, מיט וועלכען מען בעלייט שבת המלכה. אין שטוב זעהט טאַקי אויס ווי אויפ׳ן האַרצען: האַלב שבת׳דיג, האַלב וואָכעדיג, האַלב זיסליך, האַלב זויער, אַזוי ווי בײַם לעצטען וואַרמעס, ווען מען ריכט אויס אַ טײַערען גאַסט אין וועג אַרײַן — מען זופט און מען טרייסט זיך, זיך אין גיכען ווידער צו זעהען...

אָט די אַלע יענע וואונדערליכע מעשיות, ווי עס געשעהען גרויסע נסים מיט מענשען אין דער וועלט און ווי אליהו־הנביא בעגליקט אַ מאָל נויטבעדערפטיגע, אָרעמינקע, נעבעך, האָבען הערשעלען געטרייסט, פערזיסט זײַן ביטער לעבען. די אַלטגעבאַקענע מעשה מיט ר׳ שמעלקי׳ן איז בײַ איהם אַצינד אויפגעפרישט געוואָרען. ער האָט געגלויבט אין איהר היילינ און געטראַכט, [אַז אליהו־הנביא האָט אַ מאָל ר׳ שמעלקי׳ן געהאָלפען, קען דאָך זעהר גוט מעגליך זײַן, ער זאָל איהם אויך העלפען. פאַר וואָס דען נישט? — מען בעדאַרף נאָר נישט פערלירען די האָפנונג, בעטען גאָט, דאַוונען פונ׳ם גאַנצען האַרצען.

בײַ הערשעלען הויבט זיך אָן יענע געוויסע צײַט אין דעם מענשענס לעבען — די וועכנע־צײַט פון דער אמונה, ווען עס שפּראָצען פרישע בלעטלעך פונ׳ם גלויבען, ווען עס בליהט די האָפנונג, עס עפענט זיך אַ קוואַל גיפּיהלען פון ליעבשאַפט, דער כח־המדמה צושפּילט זיך, פליהט אין הימעל און קיין זאַך איז פאַר איהם נישט צו־שווער, נישט אוממעגליך. עפּיס גלויבט זיך, האָפט זיך, טיעף פונ׳ם האַרצען גיסען זיך הייסע

תפילות צו גאָט און עס ווײנט זיך שטילערהײט, אַמאָל בײַ נאַכט אויפ׳ן געלעגער, עפּיס אַזוי נעשמאַק, אַזוי געשמאַק...

עס פאַרשטעהט זיך, נישט בײַ איטליכען איז די דאָזיגע וועסנע־צײַט גלײַך, בײַ אַ טײל מענשען געהט זיך איבער קאַלט מיט פוילע ווינ־טען, נישט איבערצולאָזען פון זיך אין דעם לעבען עפּיס אַ זכר. אַזעלכע ווי בײַ הערשעלען אָבער טרעפט זיך נאָר בײַ אײנעם פון טויזענטער — בײַ מענשען מיט נײַסט, די „אתה־בחרתניקעם״ אַלײן...

און אונזער הערשעלע | נעהמט זיך אַצינד נעשמאַק צום דאַוונען מיט אַ ברען. ער דאַווענט ווי אַ יוד דרײַ מאָל אין טאָג מיט דעם עולם, און דאַווענט, כּעט אויך שטיל פאַר זיך אַלײן, ווען נאָר עס קומט איהם אָן דער חשק. די צײַט געהט זיך דערווײַל איהר גאַנג, עס ווערט טאָג און נאַכט, ווי דער שטײנער איז, טאָג און נאַכט ווערט אויך בײַ הערשעלען אין דער נשמה, געפיהלען פון האָפנונג און מרה־שחורה בײַטען זיך אין איהם בסדר אײנע נאָך די אַנדער

דאַס דריטע קאַפּיטעל

די לבנה, ברכו און קדושה זענען טאַקי עפּיס נאָר ווי אַ מאַגנעט, װאָס ציהען־צו פונדערווײַטענס יודען און שטעלען זי אָב, זי מעגען זיך װי קײן צײַט נישט האָבען און לויפען נאָך אָהן אַ נשמה. איהר געהט אײַך אין גלופּסק, אַ שטײנער, אָוונט־צײַט אויף דער גאַס, ־שטאַרק פאַר־טראָגען אין עסק, פלוצלים קומט אײַך פון דער זײַט גאַס צו די אויערען עפּיס אַ מין „שלום עליכם! ״כּאַלד טאַקי געפינט איהר זיך צווישען אַ רעדיל יודען, ענטפערט איטליכען אויף אַ זינגענדיג קול „עליכם־שלום״! שאָקעלט אײַך און שפּרינגט מיט אַלע אינאײנעם אַקעגען דער לבנה. — אין אײַלעניש, אין לויפעניש אַ מאָל פאַרבײַ אַ קלײזיל, אַ שטיבעל, הערט איהר פלוצלים אַ פּויקען מיט פינגער אין די פענסטער — ניכער ר׳ יוד, ניכער! אײדער נאָך איהר בעטראַכט זיך, שטעהט איהר שוין מיט בײדע פיס אינווייניג דאָרט בײַ דער טיר און מאַכט אָנ־געבויגען „ברכו״, אָדער איהר שפּרינגט „קדוש״ מיט דעם גאַנצען ק ע יודען דאָרט.

דענסטמאָל זײט איהר נישט אײַערער, איהר האָט איבער אײַך אַלײן קײן שליטה נישט, גלײַך ווי מע, וואָלט אײַך אָבגעטאָן אַ כּישוף. דעס־גלײַכען טרעפט זיך מיט אײַך אַ מאָל, ווען איהר שטעהט פריהמאָרגענס אין קלויז, עס שפּאַרט אײַך אונטער׳ן לעפעלע און איהר האָט ברעה עפּיס צו טאָן, פלוצלים שאַרט זיך, ווי אַ קעצעלע, צו עפּיס אַ יוד, שוין נאָך נקיות, שטעלט זיך פון אײַער כּבוד וועגען נעבען אײַך און, רײַ־בענדיג די הענד אײַנגעהויקערט, שען, פײַן, מיט אַ פרום פּנים׳ל הויבט ער אָן זיס־מחיה די ברכות: אשר נתן לשכוי בינה, וואָס האָט דעם

האָבן געגעבן פערשטאַנד, להבחין בין יום ובין לילה, אונטערצושיידען צווישען טאָג און נאַכט. איהר, אין ברירה, ענטפערט „ברוך־שמו, אמן!" קניטשענדיג זיך מיט א ערנסט־זויער מינעלע. ער טהוט אייך א טובה, שיט מיט ברכות, איינע נאָך דער אַנדערער, און איהר אַלץ: „אמן, ברוך־שמו, אמן!" שטעהט עפּים ווי צוגעקאָוועט, נישט צו ריהרען זיך פונ'ם אָרט, גלייך ווי מען וואָלט אייך, מחילה, געמאַלקען... קיים אָבער האָט איהר אָבגע'שלום־עליכם'ט, אָבגעברכו'ט, אָבגעקדוש'ט, אָבגעסילקט אייערע אמן'ס, גיט איהר א מאַך מיט די אַקסלען, טהוט זיך א קראַץ, שפּייט אויס, גאַנץ פיין — און געהט אייך ווידער אייער וועגס.

אויף אונזער ר' אברהם'ס פּויקען אין פענסטער צו מנחה, האָבען זיך אַריינגעהאַפּט ראַפּטאָם עטליכע יודען, וואָס זענען געגאַנגען פאַרביי דעם קלייזיל. זיי האָבען אין איילעניש געהאַפּט א גאַנץ וואָרט, געשפּרונגען „קדוש" פערכאַפּעט, גאָר אין איין אָטהעם — און באַלד דערנאָך טאַקי זיך צולאָפען. איינער נאָר איז איבערגעבליבען. ער האָט עפּים א ווײַלע זיך געדרעהט, אַרומגעקוקט און פון גאַנצען בענעהמען זיך זיינעם האָט מען אַרויסגעזעהען, אַז ער איז א פרעמדער, נישט קיין היגער. די לאַנגע גלאַנצענדיגע נאָז זיינע האָט געזאָגט, אַז ער'שט היינט נעכטען, איז זי פונ'ם וועג, וואו דער ווינט האָט זי שטאַרק געפייניגט, זי געשטשיפּעט און מיאוס איהר אָנגעפּייפּט. די צוויי, גרויע, קאַצענע אויגען זיינע האָבען זיך געוואָרפען, נישט צו קוקען גלייך אין איין זייט, ווי זיי וואָלטען געווען ברוגז — איינע האָט געקוקט קיין דרום און די אַנדערע קיין צפון־זייט.

ר' אברהם האָט, ווינקענדיג מיט דער האַנד, צוגערופען דעם פאַרשוין און איהם אָנגעוויזען א אָרט נעבען זיך. ביים דאַווענען האָט דער פאַרשוין זיך געשאָקעלט מיט חן, גאַנץ יודישליך, און פונ'ם שאָקלען זיך זיינעם האָט אויסגעזעהען, אַז ער איז א טאַטענס א קינד, נישט קיין גראָבער מענשיל.

— א־פנים, נישט קיין היגער? הא? — האָט ר' אברהם נאָך דעם דאַווענען זיך געווענדעט צום פאַרשוין, אָנקוקענדיג איהם מיט א פריינדליכער מינע.

— וואָס־דען? — גיט דער פאַרשוין, ווי דער שטייגער איז, א „פרענענדיגען ענטפער" אויף עפּים א מין קדעבצענדיג־חסידיש חאָרעלע, שנייצענדיג דערביי גאַנץ בריטליך די גלאַנצענדיגע נאָז,

וואָס האָט זיך צוגאָסען אין שבייגער און נעגאָכען פייז אויף א הלך.

— א, אויב אַזוי, שלום־עליכם! — פאָהרט ר' אברהם אריין צום פאַרשוין מיט דער האַנד. פון וואַנען זאָל עס, הא, א יוד זיין?

— האָפּסי! האָפּ־ציי! — ענטפערט אָב ניסענדיג די נאָז פאַר איהר בעל־הבית.

— פון יהופיץ אפשר? עפּים אַזוי זעהט עס מיר אויס, — מאַכט זיך ר' אברהם זיין השערה דערווייל, איידער די נאָז וועט זיך באַרוהיגען, און איז זי מכבד אָנב מיט א שמעק טאַבאַקע.

— ווען שטעלט מען זיך ביי אייך דאָ, מאָרגען פריה, דאַווענען? — פרעגט דער פאַרשוין, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָבגעפּאַרטיגט מיט דער נאָז.

— ווען? פרעגט איהר — ענטפערט ר' אברהם — ווי געוועהנטליך. וואָס איז?

— יאָהרצייט האָב איך, פאַרשטעהט איהר מיך. דעם זעקסטען טאָג אין תמוז האָב איך יאָהרצייט נאָך א טאַטען — מאַכט דער פאַרשוין מיט א זיפצעלע.

אַזוי, יאָהרצייט? — זאָגט ר' אברהם, א נעהם געבענדיג זיך ביי דער באָרד. זעהר אָנגעלעגט, כ'לעבען. קומט־ושע, ווי מוחל, מאָרגען אין דער געוועהנטליכער צייט.

דער פאַרשוין איז נאָך אַביסעל געזעסען, שמועסענדיג מיט ר' אברהם'ן און די אויגען האָבען זיך איהם דערווייל געחאַפּט אין איינליכם ווינקעלע, ביים אויפהייבען זיך פונ'ם בענקעל האָט ער זיך מיט א קרימעלע געקראַצט אין די פּאה, גלייך ווי דאָס אַרויסגיין פון מקום־קדוש איז איהם שווער

„דאַכט זיך הא?... נישקשה'דיג פון א יודען"... מאַכט ר' אברהם שטיל פאַר זיך, אויפהייבענדיג זיך פון זיין אָרט, נאָכדעם אַז דער פאַרשוין איז אַוועקגעגאַנגען. און ווענדענדיג זיך צו בשה'לען, וואָס האָט גערעדט מיט הערשעלען אין א ווינקעל, רופט ער זיך אָן הויך:

— א חיים, שקאָץ! קום, צייט זיך אויסצורוהען פאַר א גאַנצען טאָג און שלאָפען. — און דו, שקאָץ, זאָגט ער צו הערשעלען, לעג זיך דאָ אויך שלאָפען. הונגעריג ביסט־דו נישט, הא?

— ניין! ענטפערט הערשעלע מיט דעם מויל און אין האַרצען ביי זיך טראַכט ער: אוי, עסען!... אוי וואָלט איך עפּים געגעסען!...

ר' אברהם אָבער איז געשטאַנען, נישט צו ריהרען זיך פון דעם

ארט. ער האט בעשולדיגט אליין זיך אין הארצען, וואס פארדיעהענדיג זיך מיט דעם יודען, איז איהם דערוויל גאר פונ׳ם זינען ארויס, צו בעטען איינעם פון די בעלי־הבתים — נעהמען הערשעלען אויף וועטשערע. הערשעלעם ענטפער „ניין!“ דאס הייסט, נישט הונגעריג, האט ער אנגענומען גלאט אזוי פאר א זאג, אוים איידעלקייט נאר, חיסענדיג זעהר גוט, אז פון איין מאל אין טאג עסען, און נאך וואס פאר א עסען, משטיינס־געזאגט — טרוקען ברויט מיט א קנאבעל, קען א מענש נישט זאט זיין, בפרט נאך א יונג קינד, בײַ וועלכען דער אפעטיט איז גרויס. ער איז געשטאנען עפּיס צודרעהט. נישט אהין, נישט אהער, און א קוק געבענדיג אויף משה׳לען איהם, צומישט עפּיס, א פרעג געטאן:

— נו, ביז ווי לאנג וועסט־דו שטעהען?... גענוג גערעדט!

— ר׳ אברהם, זאגט משה׳לע, ער איז געבליבען אהן וועטשערע, הערשעלע!... איך בעט איהם דא, קום מיט מיר א היים עפּיס עסען. וואס איז? נישקשה — און ער וויל נישט!

— וואס, וואס? — מאכט ר׳ אברהם שטארק צוקאכט, עפּיס גאר אהן ווערטער.

— בעט איך איהם: נו, וועל איך דיר ברײַנגען עפּיס פון דער היים אהער, וויל ער אויך נישט! — כ׳לעבען, נארעלע, ווענדט זיך משה׳לע מיט א געבעט צו הערשעלען, וואס האסט־דו מורא? עס וועט נישקשה, פאר מיר אויך גענוג זיין. נו, יא?

הערשעלע שאקעלט מיט דעם קאפּ אויף ניין, נישט ארויסצוברײַנגען פונ׳ם מויל קיין ווארט. אין הארצען קאכט איהם ווי אין א קעסעל און די פארב שטעהט איהם אין פּנים.

ר׳ אברהם זוכט דערווייל בײַ זיך אין קעשענע, בעקומט פון דארט א הארטען דרייער, וועלכען ער שטופּט הערשעלען אין דער האנד, בעטענדיג איהם פונ׳ם גאנצען הארצען:

— נעהם, נישקשה!... וועסט דערפאר עפּיס דיר קויפען.

הערשעלע נעהמט דעם דרייער און בעוואשט זיך מיט טרעהרען...

דאס פערטע קאפּיטעל

אויף מארגען איז דער פארשוין געקומען דאווענען אקוראט אין דער „געוועהנטליכער צייט“ און איז ווידער טאקי געזעסען נעבען ר׳ אברהם׳ן. די נאז האט איהם אלץ טאקי געגלאנצט, נאר שוין נישט אזוי געניסט מיט אזא בייזער ווי נעכטען.

צו דער תורה האט מען איהם אויפגערופען (דאנערשטאג איז געווען דענסטמאל) יעמוד ר׳ שניאור זאב וואלף ב״ר שרגא־פייבוש!

ר׳ אברהם האט נאכ׳ן דאווענען געלערענט א פּרק משניות און איהם מכבד געווען זאגען א רבנן־קדיש. געזאגט האט ער בנעימות׳דיג, גרייזלענדיג דערבײַ א פאה, מיט צוגעמאכטע איינעלעך, געשאקעלט דאס קעפּעלע גאנץ לייטיש, און יענע מיני יודען, וואס פערבלייבען געוועהנטליך אויף א שעה נאכ׳ן דאווענען איבער דעם דרויב, שטיקלעך יהי רצון׳ס און דעם „חוק׳ל“, האבען איהם געשיינקט אמן׳ס פונ׳ם גאנצען הארצען מיט דער כּונה — יאהרצייט־בראנפען. די דאזיגע כּונה איז זיי געלעגען אין די ליפּעלעך, אין די גערגעלעך, ווי זיי האבען זיך בעלעקט און געשלונגען די סלינקע. נישט דעריבער ווייל זיי זאלען אזוי להוט זיין נאך א ביסעל משקה, חלילה! שכּרות איז בײַ זיי די גרעסטע עבירה; נאר דעריבער, וואס אין דעם יאהרצייט־בראנפען ליגט עפּיס א בעזונדער מין יצר־הרע, עס האט עפּיס א אנדער טעם — א כפּרה שאמפּאניער, דער בעסטער „נסך“! דער שמש האט טאקי באלד געבראכט א קווארט בראנפען — שליש מיט קיכלעך, אייערביינעל צום פערבייסען און מען האט זיך גענומען מאכען לחיים.

— לחיים, ר' שניאור-וואָלף! בעבעט איינער, השם-יתברך זאָל געבען... בפשטות מאַקי, האַ, — פרנסה... פרנסה זיינע יודעלעך, אָך-אָך — חאַ!

— לחיים ר', ר'... האַ? שניאור! אָט וואָס, ר' שניאור! — קרעטשט זיך נאָך איינער אוים עפּים צו זאָגען, נאָכדעם ווי ער האָט פריהער אָבגעזופּט אַביסיל פונ'ם קעלישיקיל און זיך בעלעקט. פרנסה, מהיכא-תיתי! ווי אַרום? בע... דערויף איז ער דאָך אַ רבונו של עולם, האַ!... אַזוי צי אַזוי — ווייס איך? — אָט לאָז ער אייך העלפען... האָט איהר עפּים דאָ, האַ, אַ נעשעפטיל?... וואָס?... — לאָזט ער אוים חכמה'דיג, אַ מאָפּ צו געבען דערווייל אין וואָגען.

— ע-עם!... מאַכט שניאור עפּים אָהן ווערטער.

— אַהער, שקאָץ! — רופט ר' אברהם צו הערשעלען, וואָס איז אין אַ ווינקעלע געזעסען מיט משה'לען איבער דער גמרא — נאַ! איין אייערבייגעל דיר מיט אַביסיל בראַנפען און דעם אַנדערען גיב דאָרט יענעם שקאָץ, דיין חבר.

דעם פאַרשוינס אייגעלעך האָבען זיך אין איין צייט געוואָרפען אויף הערשעלען דאָ, און אויף משה'לען דאָרט אין ווינקעלע.

אַז דער עולם איז זיך צוגאַנגען, האָט דער פאַרשוין זיך אַריינגעלאָזט מיט ר' אברהם'ן אין אַ שמועס מכח יודען, קרעכצענדיג שטאַרק מקנא געווען יענע, וואָס קענען זיצען אין בית-מדרש על התורה ועל העבודה און אָנגעבן מאַקי אַ מאָפּ געבענדיג מיט אַ פרעג:

— ווער זענען עס ביי אייך יענע צוויי בחורים'לעך דאָרט, וואָס זיצען איבער דער גמרא? גאַנץ פיינע קינדער.

— אַ מבין, כ'לעבען! — ענטפערט ר' אברהם מיט אַ שטאָלץ שמייכעלע, ווי אַ פאָטער בשעת מען לויבט איהם זיינע קינדער. — איינער איז אַ היגער מאַקי און איינער, וועלכען איך האָב פריהער אַ-נערופען, איז, נעבעך, אַ גר, פון אַ שטעדטיל, אַ יתום. האַלט זיך דאָ אויף. אַ צאַצקע!

— מען זעהט עס איהם אַרוים באַלד מאַקי אין פּנים, — מאַכט דער פאַרשוין, אַ קוק געבענדיג אין הערשעלעס זייט, — אַ שאָד, כ'לעבען, ער מוז דאָ, נעבעך, אָבקומען.

— אודאי, אודאי! — זיפצט ר' אברהם. אַ אָרעם קינד, אַ עלענער יתום'ל, נעבעך.

— ווייסט איהר וואָס! — רופט זיך אָן דער פאַרשוין, נאָכדעם

ווי ער האָט אַביסעל נעטראַכט, און די גרויסע אייגען האָבען זיך איהם צופלאַקערט — ווייסט איהר, וואָס מיר איז דאָ פאַר איהם איינגעפאַלען?

— אַ קשיא אויף אַ מעשה! — מאַכט ר' אברהם מיט אַ גוט שמייכעלע, פאָכענדיג אויפ'ן קאָפּ מיט דער יאַרמולקע. — אפשר אַ שידוך, האַ?

— כמעט ווי אַ שידוך, — מאַכט מיט אַ ערנסט פּנים'ל דער פאַר-שוין, — שפּעטער, מיט דער צייט, קען מאַקי זיין, אם ירצה השם, אַ שידוך. ס'איז דאָ אייך אַ בתולה, פאַרשטעהט איהר מיך. די מעשה דערפון איז אַזוי... לאָזט זיך נאָר דיענען.

— זאָגט, אדרבה, זאָגט, מהיכא-תיתי

— בקיצור, צו וואָס דאָ אַ ים בריען, צושאָקעלט זיך דער פאַר-שוין, די מעשה אָט, איז אַזוי: מיט מיר איז דאָ מיינער אַ שותף, אַ גאַנץ פיינער בעל-הבית, ווי איך זאָג אייך, נאָר נישקשה'דיג. האָט דער שותף מיינער, פאַרשטעהט איהר מיך, אַ יונגעלע און וויל זעהר, דאָס יונגעלע זאָל קענען לערנען. ביי אונז דאָרט די חדרים זענען, ווי זאָל איך אייך זאָגען, עם... דער בראָדער מלמד איז אַ בהמה, דער ליט-וואַק — אַ צלם-קאָפּ און די איבעריגע — טפו!... מיין איך, אַזוי ווי איהר יתומ'ל זאָל עם, צו-פּנים, פאַר מיין שותפ'ס יונגעל זיין... איהר פאַרשטעהט?

— איך פאַרשטעה. איהר מיינט, מיינער זאָל לערנען מיט דעם יונגעלע.

— ממ-מהו! — מאַכט דער פאַרשוין, בלינצענדיג מיט די אייגע-לעך — אָט דאָס מיינט דער פסוק. עס וועט איהם זיין גאַנץ גוט. ער וועט האָבען קעסט, זיין בעשוכט און בעקליידט. וועט ער נאָר קיין שוטה נישט זיין, קען ווערען אַ שידוך אויך. פאַר וואָס נישט? אַ בתולה איז דאָ... צוקייעט עס נאָר.

— דאַכט זיך אין פלוג, האַ? נישקשה! — זאָגט ר' אברהם און רייבט דעם שטערען.

— וויל איך, — דערקלערט עס גאַנץ קלאָר דער פאַרשוין, — וויל איך, פאַרשטעהט איהר מיך, נאָר פשוט טאָן אַ מצוה. פערזאָרגען אַ יתום. מסתמא איז דאָך אַזוי באַשעהרט. — נו, האָט איהר עס צוקייעט?

— נישט שלעכט, ענטפערט ר' אברהם, נאָר...

— וואָס נאָר? — טהוט זיך דער פאַרשוין אַ חאַפּ. — נישט שלעכט,

זאָגט איהר; ניין — גאַנץ גוט! אָט דאָס איז דאָ די מעשה מיט א יודען, האָט קיין פּאַראַבעל נישט! וואָס, נאַר? נאַר, ווע' איך זאָגען. מען מוז דעם שותּף מײַנעם ווײַזען פריהער דאָס בחור'ל, לאָז ער איהם נאָר געפעלען. אָט וואָס! ווילט איהר האָבען א חלק אין דער מצוה, האַיעט-ושע נישט און לאָזט, זייט מוחל, דעם [illegible] מיט מיר געהן צו מײַן שותּף. באַלד טאַקי נישטאָ קיין צייט

— טאַ! — מאַכט ר' אברהם אויפהייבענדיג זיך פון'ם בּיינקעל. — אָט געה איך מיט מײַנעם איבערשמיעסען.

אין דעם פנים פון ר' אברהם'ן און פון הערשעלען איז געווען צו דערקענען, אַז בּיידע קווינקלען זיך עפּיס אין האַרצען, האָטש ר' אברהם האָט די זאַך אַנידערגעשטעלט גלאַטיג, און הערשעלע האָט קוקענדיג איהם אין די אויגען, צוגעשאָקעלט מיט דעם קאָפּ אויף יאָ.

דער פּאַרשוין האָט עס פונדערווייטענס זעהר גוט בעמערקט, נאָר ער האָט געמאַכט א מינע ווי פאַר איהם איז אַלץ איינס. און אויפהייבענדיג זיך פון'ם אָרט רופט ער זיך אָן מיט א קנייטשעלע:

— נישטאָ קיין צייט! וויל ער, זאָל ער באַלד מיט מיר געהן... ווי איהר ווילט אייך

— נאָך א רגע'לע, איין רגע'לע! בעט ר' אברהם און טרייבּט אונטער הערשעלען, וואָס האָט, צוקומענדיג צו משה'לען, זיך געבּאָברעט עפּיס מיט איהם דאָרט אין דעם שטענדער. — געה שוין, געה, הערשעלע! דער יוד האָט נישט קיין צייט. געה און קום גיך צוריק מיט א ענטפער. איך וועל דאָ וואַרטען.

— איך וועל מיך נישט זאַמען. זאָגט הערשעלע און געהט אַרויס אינאיינעם מיט דעם פּאַרשוין

דאָס פינפטע קאַפּיטעל

ר' אברהם האָט באַלד נאָך הערשעלס אַוועקגעהן זיך גענומען זאָגען זעהר מיט א בּרען אויף א נגון, די אויגען האָבּען איהם געפלאַקערט, דאָס פנים האָט זיך איהם פערפּאַרבּט — ער האָט געזאָפּט זעהר מיט א פּעטיט און מען האָט בּעשיינפּערליך געזעהען, ווי עס קומט איהם צו דערפון חיות, אַ סך מעהר ווי אַ אַנדערען פון אַ גלעזיל קאָפּע מיט פּוטער־געבּעקסלעך צום פריהשטיק. ר' אברהם'ס פריהשטיק איז אַלע טאָג בּעשטאַנען פון א טרוקען שטיקעל משניות, עטליכע געשמאַקע הנהגות מיט א זופּ זוהר פערבּיסען — און איז דערמיט זאַט געווען בּיז וואַרטעס. א היבשע צייט איז ער אַזוי פערטיפט געווען אין דעם זאָגען, געפלויגען הויך, עפּיס אין אַנדערע וועלטען. דערנאָך האָט זיך איהם עפּיס געענדערט דאָס קול, אַלץ נידעריגער, נידעריגער, ווי ער איז פון'ם זיבּעטען הימעל אַראָבּ אויף דער ערד. ער האָט גענומען א זיפץ, געגלעט די בּאָרד, דעם שטערען, געקוקט, זיצענדיג אויף זײַן אָרט, אין דעם אָפענעם פענסטער גלייך איהם אַקעגען און זיך פערטראַכט.

אין דרויסען האָבּען זיך געטראָגען שוועלבּעלעך, געשוועבּט אין דער לופטען פלינק־געשווינד, אַרויף און אַראָבּ, צופליהענדיג איינס נאָכ'ן אַנדערען מיט א סווישטש — „ציק־מציק" צו די נעסטעלע איבּער די פענסטער און אונטער'ן געזימס פון'ם קלייזיל

„גם־צפּור מצאָה בית" אויך דאָס פייגעלע געפינט איהר הייזיל — קומט ר' אברהם'ן אויפ'ן געדאַנק דער געזיסער. פּסוק אין תּהלים — „ודרור קן לה" און דאָס שוועלבּעלע זײַן נעסט, „אשר שתה את אפרוחיה"

וואָס פריטולעט די יונגע פייגעלעך „את מזבחותיך ה׳ צבאות״ ביי דיין מקום־קדוש, הארצעדיגער פאָטער, גאָטעניו!...

ער גיט אַ בליק אויף משה׳לען, דערמאָנט זיך אויך אין הערשעלען און טראַכט ביי זיך: יודישע קינדערלעך! — פון אָרמע עלטערן פייגעלעך, פריטולעטע, נעבעך, אין קלייזעלעך...

— וואָס בעטייט עס? — ווענדעט ער זיך פונדערווייטענס מיט אַ פראַגע צו משה׳לען, וואָס איז געזעסען שטיל אין ווינקעלע, אָנשפּאַרענדיג דאָס קעפּעלע אויף דער גמראָ—וואָס בעטייט עס, וואָס ער איז נאָך נישטאָ?

— וועם איך? — ענטפערט משה׳לע גאַנץ קורץ, עפּיס אויף אַ אומעטיג קול.

— אָ־וואַ, אַ מעשה, אַ מעשה! — ברומלעט ר׳ אברהם. — מיר איז נאָר אַרויס פון׳ם זינען צו פרעגען, אויף וועלכער אכסניא שטעהט אָט דער דאָזיגער, ווי הייסט ער עפּיס? שניאור־וואָלף, דאַכט זיך, האַ?

— דאַכט זיך אַזוי, ענטפערט משה׳לע נעצעהלטע ווערטער עפּיס דורך די צייהן.

— האַ, פון וואָס פאַר אַ שטאָדט, האָט ער געזאָגט, איז ער — אָט דער שניאור וואָלף? איך געדענק נישט, אָסור, וואָס ער האָט געזאָגט...

ר׳ אברהם׳ס דאָזיגע ווערטער זענען געבליבען אָהן אַ ענטפער.

ער האָט זיך גענומען אַריינקוקען אין אַ ספר, נאָר דער געדאַנק, פאַר וואָס זאַמט זיך אַזוי הערשעלע, האָט איהם געפּיקט אין קאָפּ, אַזוי אַז ער איז נישט אין שטאַנד געווען צו פערשטעהן קיין וואָרט — געקוקט טאַקי נאָר ווי אַ האָהן אין בני־אָדם. עס האָט איהם אָנגעהויבען אין דעם פאַרשוין עפּיס קשה צו ווערען, זיך עפּיס נישט צו שיקען. באַלד ביים ערשטען שלום־עליכם איז איהם אפילו דער שניאור־וואָלף עפּיס נישט געוועהן צום האַרצען — עפּיס וואַרפען זיך זיינע אויגען, קוקען יענעם נישט גלייך אין פּנים אַריין, נאָד ר׳ אברהם׳ס גוטסקייט און פרומקייט האָבען עס נישט דערלאָזט גלאַט אַזוי פון אַ יודען עפּיס שלעכטס צו טראַכטען. מילאָ וואָס... גאָרנישט... אַ יודיש קינד. — אַצינד אָבער, אַז ער איז דאָ געווען אומרוהיג, האָט דאָס האַרץ זיינס אָנגעהויבען פריי זיך אַרויסצוזאָגען אַקעגען דעם פאַרשוין, און ער איז שטאַרק נישט צופרידען געווען מיט זיך אַליין, מיט דעם גאַנצען עסק.

עפּיס אַזוי אין חאַפּעניש! סטייטש, ער הייסט דאָך אפילו נישט רעכט גוט, פון וואַנען דער פאַרשוין איז!... עס האָט איהם עפּיס אונטערגעטראָגן פון׳ם ביינקיל, נישט געקענט מעהר אײַנזיצען אויף זיין אָרט. ער איז צוגעגאַנגען צו דעם אָפענעם פענסטער און געקוקט, אַרויסגעשטקט אין דרויסען.

פאַר זיינע אויגען איז פאָרגעגאַנגען אַ ריהרענדיגע סצענע. אין אַ שוועלבעלעס אַ נעסט, אונטער׳ן געזימס, האָט זיך פערקליבען עפּיס אַ מלן — אַ וואָראָביטשיקיל און זיך צולעגט דאָרט מיט אויסגעשפּרייטע פליגעלעך ווי ביים טאַטען אין וויינהויז. אונטער דעם שוועלבעלשען עולם ווערט אַ בהלה, אַ צונויפפליהעניש פון אַלע זייטען. דאָס פּאָרעל בע׳גזל׳טע שוועלבעלעך פליהען, פלאַטערען דערשראָקען אַהין־אַהער, סחישטשען געוואַלד, מאַכען זיך האַרץ און פּרוּווען זיך נאָהענט צוקומען צו זייער נעסט. דער וואָראָביטשיקיל אָבער שטעקט אַרויס, שטאַרק אָנגעלאָרען, דאָס קעפּיל, עפענט אַ מויל און פּיק, פּיק...

עס טהוט ר׳ אברהם׳ן עפּיס אַ צופּ ביי דעם האַרצען, ער טרעט אָב פון׳ם פענסטער, אַ מאַך געבענדיג מיט דער האַנד ווי אָבצוטרייבען פון זיך עפּיס אַזוינס, וואָס בעאומרוהיגט איהם שטאַרק, און נעהמט זיך געהן הין־און־צוריק איבער דעם קלייזיל. דאָס קעפּיל פון׳ם וואָראָביטשיקיל אָבער שוועבט איהם פאַר די אויגען, ער קוקט פערטראַכט אין משה׳לעס זייט, שטעלט זיך אָב פאַרבייגעהענדיג נעבען זיין שטענדער און נאָך עטליכע מינוט שווייגען טהוט ער איהם אַ זאָג:

— טאָמער, משה׳לע, וואָלסט דו אַ שפּרונג געטאָן זעהן, וואו איז ער ערגיין דאָרט, דער שקאָץ האַ? שוין באַלד דריי אַ זייגער. לויף אַהין אין די אכסניות. ווען נישט אין דער, איז אין יענער, אין איינער ערגיין וועסט־דו איהם דאָך טרעפען.

— אַליין האָב איך שוין אויך דאָס אייגענע געטראַכט, — ענטפערט משה׳לע, צומאַכענדיג די גמרא און לאָזט זיך באַלד טאַקי געהן.

משה׳לען איז אין דעם טאָג געוועהן שטאַרק אָנגעזאַלצען אויפ׳ן האַרצען דערפון, וואָס פלוצלים האָט זיך דאָ געמאַכט אַזוי, אַז ער זאָל זיך בעדאַרפען שיידען מיט הערשעלען, מיט וועלכען ער האָט געלעבט ווי ברידער, געלערענט און פערבראַכט טעג און נעכט אין ליידען, אין פריידען, מיט איהם אינאיינעם. נאָך אַזאַ ליעבען חבר געקניפּט און געבונדען, איבערצובלייבען פלוצלים אַליין — דאָס איז איהם געוועהן שווע־

דער פונ'ם טויט. ס'איז אינוועניג אין איהם פירגאַנגען אַ שפּאַרעניש, אַ שאַרפער פלפול צווישען די געפיהלען. דאָס געפיהל פון ליעבשאַפט צו הערשעלען האָט געשריגען: אַ רחמנות; ער ליידעט דאָ, נעבעך, קומט דאָ אַזוי אָב, לאָז ער אַהין פאָהרען! טאָמער וועט ער אויף דער שטעלע דאָרט זיך אויסגלייכען די ביינער. אַ קעגען־זשע יענם געפיהל פון ליעבשאַפט צו זיך אַליין האָט געטענה'ט: אויף מיר, נישקשה, איז אויך אַ רחמנות! דאָ מיט איהם אינאיינעם איז מיר בעסער, היימליכער, איינגענעהמער דאָס לעבען... און נאָך עפּיס אַ מין געפיהל — אַ „וצדקתך" האָט זיך אַריינגעלעגט אין אַ פשרה מיט גנבה'שע תנועה'לעך: אויף ביידע אַ רחמנות! איהם איז טאַקי אַ יושר שוין אַביסעל אויפגעריכט צו ווערען, נאָר גאָט דער גוטער, אויב ער וויל, וועט איהם דאָך דאָ אויפ'ן אָרט אויך קענען עפּיס צושיקען

הערשעלעס זאַמען זיך אָבער האָט אינגאַנצען אַ עק געמאַכט פּת'ם דאָזיגען פלפול, אַצינד איז משה'לען נאָר דאָס געלעגען אין זינען: וואו איז הערשעלע? ר' אברהם'ס נישט־רוהיג־זיין עפּיס האָט איהם נאָך מעהר צודרעהט, ער איז געווען בעטריבט און נישט געוואוסט וואָס איבערצוטראַכטען.

אויף עטליכע אכסניות איז משה'לע געווען און אומזיסט: אַזאַ פּאַרשוין, וועלכען ער האָט געזוכט, האָט מען דאָרט נישט געזעהען, נישט געהערט. האַלטענדיג אין געהן אויף די איבעריגע אכסניות, איז איהם ווי אַ קויל אין האַרצען אַריין פלוצלים אַ געדאַנק — האַ, צום טייך! הערשעלע האָט זעהר ליעב צו באָדען זיך, צו שווימען, איבערצומאַכען אין וואַסער אַלע קונצען, אפשר האָט ער ביים וועג געהענדיג זיך אַראָבגעכאַפּט באָדען און... ווייטער, מיט וואָס אַזעלכס שמעקט, האָט משה'לע קיין האַרץ נישט געהאַט דייטליך צו טראַכטען, ער איז נאָר געוואָרען בלייך און גאָר אָהן אַ נשמה געלאָפען אַהין, צו יענע ערטער, וואו געוועהנטליך מען באָדט זיך. נאָר אומזיסט זיין מיה, הערשעלע איז נישטאָ! נישט ווילענדיג האָט איהם זיך געדאַכט, שוין גאַנץ קלאָר, מיט איטליכס פּיצעלע בעזונדער: הערשעלע איז ביים אונטערטוקען זיך אַיינגעזונקען געוואָרען אין דער זומפּיגער בלאָטע. ראַקעס האָבען זיך אין זיין לייב שוין אַיינגעגעסען, נאָגען איהם דעם מאַרך פון די ביינער. דער טייך געהמט דאָך אַלע זומער צו אַ זיבען מענשען. ווער ווייסט וואָס פון משה'לען וואָלט פאַר אַ ביטערע יסורים און אנגסטען געוואָרען, ווען עס זאָל איהם באַלד, ווי אַ בליץ, נישט אַ זעץ טאָן אַ אַנדער געדאַנק — ס'איז

דאָך עפּיס אויף דער וועלט דאָ אַ קאַבצאַנסקער אכסניא! מעגליך, טאַקי מעגליך, אַז הערשעלע איז אַריין אַהין זיך צו זעהן מיט פרישע קאַבצאַנסקער פאַרשוינען, אָבצונעהמען אַ גרוס, אָדער אַ בריעף פון דער היים. משה'לע האָט אין דעם געדאַנק זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענד, זיך שטאַרק געוואונדערט, פאַר וואָס איז דאָס איהם פריהער נאָך נישט איינגעפאַלען, און געשטאַרקט פון דער גוטער האָפנונג האָט ער זיך געלאָזט געהן צו דער קאַבצאַנסקער אכסניא.

די אכסניא פון דרויסען איז בעלאַגערט געווען פון בעלי־העגלות, וואָס זענען געשטאַנען, געזעסען אויף פריזבעס מיט בייטשען אין די הענד, שטאַרק בייז, האָבען זיך געקראַצט אין די פאות, געשפּיגען און געלאָזט אַזוי זיך אין דער וועלט אַריין געפלוכט, געשאָלטען; אויך פון מעקלערס, וואָס האָבען זיך געדונגען מיט פאַרשוינען, אויף זייער לשון — מוהטעס, פּעטערס, אָנווייזענדיג זיי פונדערווייטענס ביידלעך, און צוגעזאָגט איטליכען אַ טייער פאָהרעכטס, גיך, געשווינד, געריימיג, ווי די שררות.

ביי משה'לעס צוקומען זענען איהם, ווי די הוישרעקען, בעפאַלען מעקלערס, איהם געצויגען, געריסען:

— אַהער, יונגער מאַן! וואָהין פאָהרען? אָט שטעהט אַ ביידיל, גרייט, באַלד טאַקי פאָהרען! —

משה'לע האָט זיך קוים [אַ לעבעדיגער פון זייערע הענד אויסגעדרעהט און זיך אַריינגעכאַפּט אין שטוב אַריין. דאָרט איז ער דורכגעגאַנגען צווישען אַלע פאַרשוינען, געזוכט מיט די אויגען אין איטליכס ווינקעלע — און הערשעלע איז נישטאָ! עס ווערט איהם נישט גוט, ביטער און פינסטער אויף דעם האַרצען. נאָר ס'איז נאָך דאָ אַ שטיקעל האָפנונג. ער פּרוּווט זיך דורך דער הינטער־טיר אַרויס אין הויף אַריין. שטופּענדיג זיך צווישען די ביידלעך און וועגעלעך, צווישען מענשען, פערד, להבדיל, אויסגעמישט אינאיינעם און האַפּענדיג הינטערוויילעכס אַ שמיץ אין פנים פון פערדישע ווידלען, דערזעהט ער אין דער זייט דאָרט אַ בעקאַנט פנים — און עס גיט איהם אַ קלאַפּ אין האַרצען פאַר פרייד אויף אַזאַ מציאה. אונזער שניאור־וואָלף שטעהט עס דאָרט מיט עמיצען נעבען אַ געשפּאַנט וועגעלע, האַלטענדיג די נאָז אַראָבגעלאָזען און זעהט אויס עפּיס ווי אַ אָבגעשמיסענער. משה'לע טהוט זיך אַ לאָז צו איהם האַסטיג מיט אַ פרעג, נאָר אין איין אָטהעם:

— וואו איז הערשעלע?... הערשעלע וואו איז?

— אַ־אַ! טהוט זיך שניאור־וואָלף אַ חאַפּ ווי פֿונ׳ם שלאָף, שאַרף אַנקוקענדיג משה׳לען און נאָך עטליכע מינוט טראַכטען רופֿט ער זיך אָן, שוין לעבעדיגער אַביסעל:

— אָט באַלד, באַלד! וואַרט נאָך אַביסעל, לאָמיך נאָר אָבפּאַרטיגע זיך דאָ אָט מיט דעם יודען.

שניאור־וואָלף רופֿט אַוועק דעם יודען אין דער זייט, ביידע שמיעסען דאָרט אַ היבשע צייט גאַנץ שטיל צווישען זיך, מעהר אויף דעם ווינק. דער יוד זעצט זיך דערנאָך אַריין אין אַ הענגעלע, שניאור־וואָלף געזעגענט זיך מיט איהם: — פֿאָהרט געזונט

און צוקוקענדיג באַלד צו משה׳לען זאָגט ער נאָר פֿריינטליך מיט אַ זיס שמייכעלע.

— נו, אַצינד קען איך דיר ענטפֿערן. וואָס האָסט־דו מיך עפּיס געפֿרעגט, וואָס?

— וואו איז הערשעלע?

— אַ־אַ, דיין חבר מיינסט־דו! — מאַכט דער שניאור־וואָלף ווי ער שמייכעלט זיך ערשט אָן. — אַזוי־זשע רעד. — דיין הערשעלע איז דאָרט, דאָרט ביי דעם שותּף מיינעם. איך שטעה אויף אכסניא דאָ, און ער, דער שותּף, פֿאַרשטעהסט־דו מיך, שטעהט ביי זיינעם אַ מחותּן עפּיס. אָט געה איך אַליין באַלד אַהין. קום, אויב דו ווילסט, מיט מיר טאַקי.

עס פֿאַרשטעהט זיך, אַז משה׳לע איז זעהר גערן געווען צו געהן און האָט געזאָגט:

— אָך, אַ שעהנעם דאַנק!

שניאור־וואָלף האָט געפֿיהרט משה׳לען עפּיס געדרעהט דורך שמאָלע געסלעך און הינטערגעסלעך. נאָך אַ שטרעקע וועג נאַנג הייבט משה׳לע אָן ביסליכוויז זיך אָבצושטעלען, קוקענדיג עפּיס אומרוהיג, גלייך ווי גערעדט: ביז וואַנען וועט ער מיך פֿיהרען?!

„נאַ־נאַ, אַ פֿאַרקליבען זיך עס אַביסעל! עפּיס אין אַ עק וועלט!“ ברומט שניאור־וואָלף אונטער דער נאָז פֿאַר זיך, ווי איך שטאַרק נישט צופֿרידען. און אַ קוק געבענדיג דערנאָך משה׳לען אין פּנים אַריין, מאַכט ער מיט אַ זיס מינעלע:

— אָט באַלד, באַלד!

— יאָ! — רופֿט זיך משה׳לע אָן אָנגעברוגז׳ט, — אָט באַלד געפֿינען מיר שוין אויף יענער זייט שטאָדט. אָט איז שוין טאַקי דער בית־עולם!

— וואָס בין איך שולדיג? — נעהמט איין שניאור־וואָלף משה׳לען מיט גוטע ריידעלעך. — נישקשה, וואָס קען עס דיך אַרען, נאַרעלע, אַז דו וועסט דערוויל דורכגעהן זיך אַביסיל שפּאַצירען? אָט קוק אַ גרין ביימעלע, אַ שמעקענדיג גרעזעלע, פֿייגעלעך סווישטשען—טשיריק־חיריק־טשיק!

משה׳לע טהוט אַ שמייכעל און נעהמט אָן אַ פֿרעהליך פּנים.

— אָט אַזוי, האָב איך דיר טאַקי ליעב! —רופֿט זיך אָן שניאור־וואָלף, אונטערחנפה׳נענדיג זיך—וואָס האָסט דו עס אַזוי קיין צייט נישט? אַלץ לערנען, לערנען! נאָך אַ מאָל אמר אַביי, ווידער אַמאָל אָמר אַביי, מען בעדאַרף די וועלט אויך אָנקוקען.

שמיעסענדיג אויף אַזאַ שטייגער איז שניאור־וואָלף מיט משה׳לען דערוויל געגאַנגען אַלץ ווייטער, ווייטער ביז העט אויף יענער זייט בית עולם. דאָרט האָט זיך געשלעפּט פּאַמעליך עפּיס אַ פֿוהריל, אַ יודליק איז דערויף געזעסען, געהאַלטען אין די הענד שלאַף די לייצען, ילאַט נאָר פֿון יוצא וועגען, פֿאַרלאָזענדיג זיך אויף דעם פֿערדעלם יושר: לאָז עס זיך, עס, געהן, ווי זיין גוטער ווילען איז. שניאור־וואָלף האָט זיך איבערגעווינקען מיט דעם יודיל און איידער משה׳לע האָט זיך געהאַט אַרומצוקוקען, טהוט ער איהם אַ חאַפּ, וואַרפֿט איהם אַריין אין וואָגען און שפּרינגט אין דער הייסער רגע אויך טאַקי אַריין אַהין. דאָס יודיל טהוט אַ שמיץ דאָס פֿערדיל און אַוועק, אַוועק...

דאָס וועקסטע קאַפּיטעל.

ר' אברהם גערט דערווייל אין איינע צדות הין-און צוריק איבער דעם קלייזיל שטאַרק אומרוהיג, רייבט מיט דער האַנד דעם שטערן און רעדט אַלץ צו זיך אַליין פערוואונדערט: רבונו של עולם, וואָס טהוט זיך דאָ אַזוינס! וואו זענען עס די קינדער?! יענער איז נישטאָ, דער — זיימט זיך עפּיס אויך צו לאַנג. אַ שענער אָוועקגאַנג אַביסיל! מילאָ דער יאַק דער, גאָרנישט! אָבער יענער, וואו איז יענער?! ס'איז עפּיס נישט גלאַטיג. ער בלייבט שטעהן נעבען פענסטער און נעהמט זיך אַרויס די אויגען קוקענדיג אין דרויסען, נאָר אומזיסט אָבער דאָס קוקען, מען הערט נישט, מען זעהט נישט. ער טהוט זיך געשווינד אָהן, נעהמט אין דער האַנד דעם שטעקען און געהט אַרויס מיט דער דעה אַליין עפּיס צו טאָן, געוואָהר צו ווערען, וואָס איז די מעשה.

אויף דער גאַס קומט איהם אַקעגען איינער, זיינער אַ גוטער בע־קאַנטער, אַ יונגער מאַן פון אַ יאָהר דרייסיג, לייטיש געקליידעט, עפּיס האַלב־דייטש, האַלב־יודיש, מיט אַ שוואַרץ בערדעלע און מיט אַ קלוג, זיס פּנים. דער יונגער מאַן קוקט אָן פערוואונדערט ר' אברהם'ן, ווי ער יאָגט אָהן אַ נשמה, און שטעלט איהם אָב מיט אַ פראַגע;

— וואָס יאָגט איהר עס עפּיס אַזוי? וואָהין איז? ר' אברהם! אַ עסק יפים, וואָס?

— עפּיס אַ שטיקעל עגמת־נפש — ענטפערט ר' אברהם, האַפּענדיג דעם אָטהעם. — גוט, כ'לעבען, וואָס איהר זייט מיר געקומען אַקעגען. איך האָב מיר דערמאָנט, ס'איז דאָ מיט אייך צו רעדען וועגען עפּיס אַ ענין. נאָר נישט אַצינד, נישט אַצינד, ר' רפאל.

— אַ ודאי וועגען אַ שדוך! — טהוט מיט אַ שמייכעלע אַ זאָג רפאל. — האָט איהר געהערט בעסער נייעס, ר' אברהם? אייער גדליה מינסטמאַכער האָט אָנגעזעצט!

— אָהאָ, אָ־וואָ! — מאַכט פערוואונדערט ר' אברהם. — עפּיס אַזוי פלוצלים, אומגעריכט! און ווי שטעהט מעלתו מיט איהם?

נישקשה! — זאָגט רפאל, אַ דרעה געבענדיג מיט דער נאָז. — איך האָב מיר לאַנג דערויף געריכט. זיינע וועקסלען מיר פאַר דער סחורה האָב איך באַלד טאַקי סקאָנטירט, וועניגער מיט עטליכע פּראָצענט — אָהן סכנות! מיינע לאַדוער פאַבריקאַנטען, נישקשה, וועלען דערפאַר אויף מיר נישט ברוגז זיין אַצינד. וואָס־זשע פאַרט, ר' אברהם, איז די מעשה, וואָס איהר זייט עפּיס צוטראָגען אַזוי? ווייסט איהר וואָס? קומט, כ'לעבען, אַצינד צו מיר, וועלען מיר רעדען ביי אַ גלעזיל פּונש. עפּיס בין איך היינט זעהר גוט אויפגעלעגט.

— האַ?... גוט! — מאַכט ר' אברהם, אַ כאַפּ געבענדיג זיך, ווי ער איז אויף עפּיס געפאַלען נאָך אַ פּאָר מינוט טראַכטען. — גוט, איך וועל אייך אונטערפיהרען ביז צו אייער שטיבעל אויפ'ן הויף און אַליין וועל איך דאָרט אַריינגעהן אויף דער קאַבצאַנסקער אכסניא עפּיס וועגען אַ זאַך, קיים ענדיגט זיך גוט, בין איך די רגע ביי אייך. קומט!

ר' אברהם לאָזט זיך געהן ווייטער גיך, רפאל נעהמט איהם קיים נאָך און קען נישט פאַרשטעהן, וואָס די איילעניש ר' אברהם'ס זאָל בע־טייטען אַזוינס.

— געדענקט־זשע ר' אברהם! — רופט זיך אָן רפאל ביים צושיידען זיך אויפ'ן הויף פון דער אכסניא. — ווי באַלד איהר וועט זיך אָפּפּטרע־גען דאָ, זאָלט איהר אַריינקומען גלייך צו מיר.

— אַ, גאָט העלף, רייזעניו! — זאָגט ר' אברהם אויף אַ נגון, אַריינקומענדיג ברייטליך צו רייזען, און איהר בעזאָנדער אַלקיריל, בשעת זי האָט ערשט אַוועקגעלעגט דאָס פליש זאַלצען איבער אַ הייקשעפּטיל און זיך גענומען צו די פיש, צו אַ געזונטען קאַרפּ מיט אַ גרויסען העכט אויף שבת.

— אָ, אַ גאַסט, כ'לעבען! — מאַכט רייזע, אָפּרייסענדיג זיך פון דער אַרבייט און אַ פּאָהר געבענדיג מיט דער נאָז איבער דעם אַרבעל. — אַ לאַנגע צייט, העך־אַביסיל, האָט מען אייך נישט געזעהען, ר' אברהם! נאַ, רעכט עפּיס אַזוי? נו, זעצט זיך, זייט מוחל!

צווישען רייזען און ר' אברהם'ן איז געווען פון גאַנץ לאַנג אַ גוטע

בעקאַנטשאַפט. איהר מאַן, עליו השלום, האָט בּיים לעבּען געדאַוועט
אין דעם קלייזיל, וואו ר' אברהם, און זיך מיט איהם זעהר גוט פער-
האַלטען. רייזע האָט נאָך בּיז אַצינד אונטער ימים-נוראים געדאַוועט אין
דער ווייבּערשער שוהל דאָרט, אויף איהר שטאָט, און מיט די יאָהר-
צייטען נאָך דעם מאַן, נאָך איהר טאַטען און מאַמען זיך שטענדיג פער-
לאָזט אויף ר' אברהם'ן, וואָס ער פלעגט עס אַקוראַט אָבּהיטען. ער
פלעגט שוין געדענקען די טעג, אין זינען האָבּען די ליכט, די פרקים
משניות, אויך בּעשטעלען אַ מנין יודען אויף דעם הייליגען אָרט און
דערנאָך מיט איהר זיך אָבּרעכנען. אויסער דעם פלעגט ר' אברהם
אָפט קומען צו איהר אין הויז, אַ מאָל נאָך אַ נדבה אויף עפּיס אַ מצוה-
זאַך, אַ מאָל צו זעהען זיך מיט אַ בּעקאַנטען אורח, וואָס איז פערפאָה-
רען צו איהר אויף אכסניא און אַ מאָל גלאַט אַזוי געוואָהר ווערען, וואָס
הערט זיך. רייזע האָט איהם אויפגענומען שטענדיג מיט כּבוד, איז זעהר
גערן געווען זיך אַריינצולאָזען מיט איהם אין אַ שמועס וועגען יודישקייט,
וועגען דעם שטייגער לעבּען פריהער אין יענע צייטען און קרעכצען:
היינט איז נישט דאָס, וואָס אַ מאָל!

— יאָ, גערעכט, כּ'לעבּען, נישט געזעהען זיך טאַקי אַ היבּשע
צייט. עס האָט זיך עפּיס נישט געמאַכט. היינט בּין איך געקומען...
דרעהט זיך ר' אברהם עפּיס און זעצט זיך אַנידער אויף אַ בּיינקיל.

— אַ בּער אין וואַלד האָט געמוזט פּגר'ן! שפּאַסט אויף איהר
שרייענדיג קול רייזע.

— היינט בּין איך געקומען, הויבּט ר' אברהם אָן דעם שמועס.
אָט וואָס: זאָגט ער, רייזעניו, האָט איהר נישט געזעהען היינט בּיי אייך
דאָס קינבּנאַנסקער בּחור'ל? איהר ווייסט דאָך, וועמען איך מיין, יענס
בּחור'ל, אונזער בּעל-תּפלה'ס, עליו השלום. אין דער פריה איז ער
אויף אַ שעה אַוועקגעגאַנגען און נאָך נישטאָ!

— אוי, אַ דונער האָט מיך נישט דערשלאָגען! טהוט רייזע אַ גע-
שריי און פערוואַרפט מיט דעם קאָפּ.

— וואָס איז, האַ?! טהוט זיך ר' אברהם אַ חאַפּ דערשראָקען.
אויפשפּרינגענדיג פונ'ם בּיינקיל

— אַ עק פון זיין לעבּען, פערוויסט — זיינע יונגע יאָהרען! טהוט
אָרט רייזע ווי צו קינות. דאָס האַרץ, אַ וועהטאָג איז מיר'ן מיר, האָט
[illegible] געזאָגט, אַז ס'איז עפּיס נישט גלאַט. אַצינד איז שוין קלאָר —

דער טאָג — ער איז געקוילעט, נעבּעך. אַ. געקוילעט זאָלען זיי ווערען
אָהן אַ מעסער!

— גאָט איז מיט אייך, רייזע! ווער? וואָס? — בּעט ר' אברהם
און איז טויט מיט אַלע אברים.

— נאָט אייך אַ וואַרעניק, העז אַבּיסיל! צילאָזט זיך רייזע אויף
איהר קול. פלוצלים גאָר זיצט ער דאָ צווישען צוויי אומבּעקאַנטע יודען,
דער רוח ווייסט זייער טאַטען, ווער זיי זענען, און עסט אַ וואַרעניק!
וואָס זענען זיי מיט איהם פאַר אַ שמעלקעס, זיי זאָלען איהם דעם בּיסען
פונ'ם מויל אַוועקגעבּען! נישט עפּיס אַזעלכע מילדע. מיט מיר, נישקשה,
האָבּען זיי זיך גוט געדונגען פאַר דעם וואַרמעס, האָבּען נאָך אין אַ
טאָרבּעלע פאַרנומען די איבּערגעבּליבּענע שטיקלעך בּרויט פונ'ם טיש. —
מיר איז עס בּאַלד עפּיס נישט געפעלען.

— נו, נו! טרייבּט אונטער ר' אברהם;

— נו, מאַכט רייזע, איבּערגעהענדיג פון דער דינער אויף דער
גראָבּער סטרונע, מילא איז מיר נישט געפעלען. וואָס-זשע איז? דאָס
ערשטע מאָל, העז-אַבּיסיל, מאַכט זיך מיר אַזוינס, וואָס מיר איז נישט
געפעלען? — פונדעסטוועגען האָט עס מיך פאָרט עפּיס געמאַנטעט,
אַריינצושטעקען, ווי מען זאָגט, די נאָז, טאָמער וועל איך עפּיס
אָנשמעקען. עפּיס ווי שטעהט דאָרט, ר' אברהם, אַ יודענע האָט
ליעב...

— גיכער, סערדצע, איך בּעט אייך. צאַפּעלט ר' אברהם הערט
ווייטער, דעם שפּיץ.

– וואָס דען? אַ יודענע איז אַ יודענע. לאָזט רייזע נאָך אויף
טאָן נידריגער אַראָבּ די געמבּע. בּין איך ציקאַווע געווען שמעקען בּיים
דערלאַנגען יענע פאַרשוינען צום טיש, חאַפּען פאַרבּייגעהענדיג אַ לעק
פון זייער שמיעס. עפּיס איז מיר דאָס שושקען-זיך זייערס און דאָס
מינעלע, וועלכע זיי האָבּען דערבּיי געמאַכט, איבּערווינקענדיג זיך מיט
גנבה'שע אויגען, נאָר טאַקי נישט געפעלען. אַ פּאָר ווערטער, וואָס איך
האָבּ געחאַפּט, זענען מיר שטאַרק אין נאָז אַריין, און דאָס האַרץ האָט
מיר געזאָגט: האַפּערס! נישט אַנדערש זיי זענען אויסען דאָס יתום'ל אין
געהאַנט אַריינשטעקען מיט אַ אָנשטעל. אָט וואָס דער וואַרעניק בּעטייט..
איך האָבּ געזוכט דאָס בּחור'ל, גראָד איז ער מיר אין דער הייסער רגע
צו די אויגען נישט געקומען. דערווייל בּין איך דאָך אַ יודענע. מה אָנו,

מה חיט", משפּינס-געזאָגט, אַ קאַצען מוח, אין איין אויער אַריין — פונ׳ם אַנדערען אַרויס. אַ קאַטאָוועס, העז אַביסיל, שטענדיג האָט מען דאָס לויפעניש. אַצינד ווייזט זיך עס גאַנץ קלאָר אַרויס. — האַפּט זיך פּלוצי־לים רייזע אַרויף הויך אויפ׳ן בײ-קילכען — געהאַפּט האָבען זיי איהם אודאי, פערהאַפט זאָלען זיי ווערען. אַ ביטער יחסנות, וועה איז מיר! אַזאַ וואויל קינד! — אוי, אַ דונער איז מיר, ר׳ אבֿרהם! וואָס איז מיט אייך? לאָזט זיך נישט אָבֿ!

אַ קאַלטער שווייס האָט בעשלאָגען ר׳ אבֿרהמ׳ן, טרעהרען, ווי די באָבען, זענען איהם געשטאַנען אין די אויגען, אַלע גלידער האָבען איהם געציטערט און ער האָט קוים זיך געהאַלטען אויף די פֿיס.

— איך בין שולדיג, איקעט ער אָנהאַפּענדיג זיך ביי׳ם קאָפּ. אוי-אוי-אוי, וואָס האָב איך געטאָן! ביים ערשטען בעגעגעניש מיט אַ מענשען, נישט רעכט צו וויסען, ווער ער איז, פון וואַנען ער איז, נעהם איך און גיב איבער אין זיינע הענד אַריין דאָס עלענטע יתומ׳ל, נעבעך, אוי-וויי!!

— וואָס זייט איהר שולדיג? נעהמט רייזע איין ר׳ אבֿרהמ׳ן מיט גוטע רייד. מסתמא איז דאָך זיין פינסטער מזל אַזוי. אַזוי, מסתמא איז אויף איהם אָנגעשהתמ׳ט געוואָרען. ווי זאָגט מען עס? עס פאַלט נישט די שפּין ביז עס ליגט נישט עפּיס דרין.

— הרג׳ענע בין איך ווערטה זאָל מען מיך, אַלטען נאַר — הערט נישט אויף ר׳ אבֿרהם צו אָכצען, צו קרעכצען — אויף מיר האָט עס לייזער-יאַנקיל, עליו-השלום, איבערגעלאָזט זיין קינד און געשטאָרבען מיט דער האָפענונג, אַז איך וועל עס דאָ אויף איהם האָבען די השגחה ווי אַ מאַמע. — יאָ, אַ שענע השגחה! אַ גוטער טאַטע!...

— נו, וואָס זאָל מען טאָן? העז-אַביסיל, זעצט זיך, ר׳ אבֿרהם! בעט רייזע מיט טרעהרע אין די אויגען, אונטערדרוקענדיג איהם דאָס בײנקיל

— וואו איז מיין קינד? וועט דער טאַטע דאָרט שרייען, נישט איינליגענדיג רוהיג אין קבר. אַזוי האָט איהר עס געהאַלטען וואָרט... און וואָס וועל איך ענטפערן דער מאַמע, דער וויסטער אַלמנה? אַז זי וועט קומען וויינען איבער מיין קאָפּ... רעדט, זאָרגט ר׳ אבֿרהם

מיט אַ געבראָכען האַרץ, טהוט זיך אַ וואָרף אויפ׳ן בײנקיל, פאַרדעקט מיט ביידע הענד דאָס פּנים און בלייבט זיצען שטיל, שטום ווי די וואַנד.

— העז-אַביסיל! הויבט אָן רייזע מיט אַ מוסר, שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ נאָך עטליכע מינוט שטיל-שווייגען און פון די אויגען קאַפּען איהר טרעהרען. ווי טהאָר מען, העז-אַביסיל, זיך אַזוי נעהמען צום האַרצען! און נאָך אַ מאַנסביל, אַ יוד, אַ למדן, חייסט, וואָס שטעהט געשריבען דאָרט אין הייליגע ספרים! היינט וואָס זאָל מען שוין זאָגען אויף אַ יו־דענע? מה נאמר, מה נדבר, עט, כ׳לעבען, ווי איך בין אַ יודישע מאָכטער! האַ! וואָס איז עס דאָרטען פאַר אַ וואָרף? — טהוט זי זיך פּלוצי־לים אַ חאַפּ, דערהערענדיג אַ שטאַרקען קלאַפּ אויף יענער זייט אַלקיר, ווי עפּיס איז אומגעפאַלען. — טפו, זאָל עס ווערען, נאָר עס ברעכט, עס וואַרפט! נישט אויסצוהאַלטען, וואָס דאָ טהוט זיך אַ טאָג איבער!...

רייזע לויפט געשווינד אַרויס פונ׳ם אַלקיריל און שלאָגט זיך אָן נישט ווייט דערפון, אין אַ טונקעל ווינקעלע, אין עמיצען עפּיס, וואָס האָט, באָבּרענדיג זיך דאָרט אויף דער ערד מיט נאַכען, אומגעוואָרפען אַ בײנקיל מיט קווערטלעך און קופערוואַרג.

— וואָס זאָגסט-דו, איך בעט דיך, צו זיין טאַטען? — לאָזט זיך הערען רייזעס קול דאָרט, הויך אויף אַ בייזער, — וואָהין ער האָט זיך עס, העז-אַביסעל, פאַרקליבען מיט די קלימקעס! גאָר נישט געפונען, כ׳לעבען, קיין אַנדער אָרט! ווער איז?

קיין צייט נישט צו האָבען וואַרטען אויף אַ ענטפער, ביינט זיך רייזע איין מיט איהר כבוד אַליין, צו זעהען, ווער איז, באַברעט זיך דאָ. זי קוקט דעם פאַרשוין אין פּנים אַריין און לאָזט אַרויס אַ געשריי נישט מיט איהר קול:

— ר׳ אבֿרהם! גיכער, ר׳ אבֿרהם!

ר׳ אבֿרהם חאַפּט זיך אויף ווי פונ׳ם שלאָף און פליהט מיט איטפעט אַרויס פונ׳ם אַלקיריל

— ער איז דאָ! שרייט רייזע גיך אין איין אָטהעם, טייטענדיג מיט אַלע פינף פינגער. אָט, איז ער, אָט, ער!...

— הערשעלע! מאַכט ר׳ אבֿרהם אויף אַ דומפּף-ציטערדיג קול. אַרויסשפּרינגענדיג פון די כלים פאַר גרויס וואונדער׳

הערשעלע איז געשטאַנען אַראָבגעלאָזען די נאָז, ווי איינער וואָס האָט זיך פערזינדיגט און פיהלט, אַז אָט חאַפּט ער אַ פּסק

— גומל בעדאַרפסט=דו בענשען, שען בחור׳ל וואָס דו ביסט טרוקען אַרוים, — רופט רייזע זיך אָן.

— וואָס בין איך שולדיג? אומגערן האָב איך עס דאָך אומגע־וואָרפען. פאַרענטפערט זיך הערשעלע.

— ניין, נישט דאָס, — פאַלט אַריין אין די רעד ר׳ אברהם, — דו ביסט טרוקען אַרויס, מיינט רייזע, פון די יודענס׳ הענד. — וואָס קוקסט=דו עס עפּיס אויף מיר אַזוי פערוואונדערט, הערשעלע?

— איך פאַרשטעה נישט, וואָס איהר זאָגט! ענטפערט הערשעלע, מאַכענדיג מיט די אַקסלען און נעהמט זיך צונויפקלייבען דאָס אַראָבגע־פאַלענע קופערנע געפעס.

— איהר הערט? — ווענדעט זיך ר׳ אברהם אין דער זייט צו רייזען, — ער פאַרשטעהט נישט, וואָס מען רעדט! אומזיסט=אומ־נישט, האָב איך מורא, חושד געווען יודען. נאָט זאָל אונז נישט שטראָפען.

—עט, וואָס דאַכט זיך אייך! — זאָגט רייזע מיט אַ שמייכעלע — וואָס דען־זשע בעטייט דער וואַרעניק? האָט זיך יענע פּאָר ווערטער, וואָס איך האָב געחאַפּט, מיר נאָר ־געחלומט?... אַ־נו, גיט איהם נאָר, זייט מוחל, אַ פרעג, וואו איז ער עס ביז אַ צינד פערפאַלען גע־וואָרען?

—זאָג נאָר, שקאָץ! — מאַכט ר׳ אברהם. — וואו ביסט־דו עס פערפאַלען געוואָרען ביז אַ צינד?

— וואָס האָסט־דו עס זיך צו באַגראָבען דאָ מיט זאַלצען? מיט וועמענס זאַלצען? — פרעגט רייזע צוויי קשיות מיט אַמאָל און בייגט זיך אָן אַ קוק טאָן צו אַ פּעקעלע מיט זאַבען.

הערשעלע שטעהט צודולט, האַלט אַראָפּגעלאָזען די אויגען און ענטפערט נישט קיין וואָרט.

—איהר זעהט עפּיס שענס! צולאָזט זיך אויף איהר קול רייזע. האַלטענדיג אין דער האַנד אַ קליידיל, וועלכע זי האָט געפונען צווישען די זאַלצען, — וואָס זאָגסט־דו, איך בעט דיך, צו זיין טאַטען? אַ־נו, שען בחור׳ל, וואָס בעטייט דאָס קליידיל, אַ מיידעלש קליידיל?

—וואָס, וואָס! מאַכט פערוואונדערט ר׳ אברהם.

הערשעלע ווערט אָנגעצונדען, רויט ווי פייער און קען נישט אַרויסברענגען קיין וואָרט, אַזוי פאַרקלעהמט האָט איהם דאָס האַרץ.

— דערווייל, ר׳ אברהם שטעהט איהר דאָ אויף די פיס, רופט זיך רייזע אָן. אָט געהט בעסער מיט איהם אַריין אין אַלקיריל, וועט איהר מאַכען ברכה. דאָס בחור׳ל וועט אויך עפּיס עסען. ער איז דאָך אודאי הונגעריג, הען־אַביסעל! ער וועט עסען און מיר וועלען דערנאָך פון איהם געוואָהר ווערען אַלסדינג.

דאָס זיבעטע קאַפּיטעל.

די מעשה מיט הערשעלען איז אַזוי:

שניאור-וואָלף האָט געפֿיהרט הערשעלען פֿונ'ם קלייזעל גלייך אויף דער קאַבצאַנסקער אַכסניא, וואו ער איז גראָד געשטאַנען. געװױנטלך האָבען זיך דאָך אויף דער דאָזיגער אַכסניא אַלע טאָג פֿון זעהר פֿיעל פֿאַרשוינען, וואָס קומען און פֿאָהרען אַוועק,— איז דאָס קאָלעניש דאָרט דאָנערשטאָג נאָך גרעסער. דאָנערשטאָג הויבען געװעהנטליך יודען אָן שוין קיין צייט נישט צו האָבען און די, וואָס האַלטען אין פֿאָהרען, איילען זיך אויף שבת, אוים מורא, דער שטן זאָל, חלילה, נישט מקטרג זיין: עס זאָל אין דער מיט וועג נישט ברעכען אַ אַקס, דער וואָגען זאָל זיך נישט איבערקעהרען מיט אַלע פֿאַרשוינדלעך, נישט איינגעזונקען ווערען איבער די רעדער אין אַ בלאָטע, אָדער לא יעלה ולא יבוא, די פֿערד זאָלען נישט צושטעהען און מען זאָל, בעהיט גאָט, פֿאַרשפּעטיגען: איינער — דעם ראָסעל-פּלייש, דער אַנדערער — דעם מרחץ אָדער, די בייזע שעה זאָל נישט זיין — און מען זאָל גאָר אַריינפֿאָהרען מיט דעם דישעל אין דער שיסעל לאָקשען. אין דער גרויסער בהלה דאָרט, פֿון מענשען, דענסטמאָל, ווען איטליכער איז פֿערטראָגען מיט זיך, נישט אין זינען צו האָבען יענעם — איז ביים עק טיש, אין אַ ווינקעל, געזעסען עפּיס אַ יודיל מיט אַ רויטער באָרד און שטאַרק געשוויצט איבער אַ שיסעל מיט וואַרעניקעס, פֿון וועלכער עס האָט געזעצט אַ פֿאַרע ווי אַ רויך. ער האָט געגעסען מיט בונה, גוט געקייעט, נישט געאיילט, ווי אַ גרויסער מייסטער אין רער אכילה. קוקענדיג בשעת מעשה אויף איהם האָט מען בעקומען אַ אייזערנעם אַפּעטיט, חאָטש ער

איז שוין פֿון אַ צייט פֿערפֿאַלען געוואָרען און עס האָבען דערצו נישט געהאָלפֿען קיין דאָקטוירים. וואָס רופֿאים, וואָס דאָקטוירים! איין מיטעל צום אַפּעטיט איז אַ בריה, אַ פֿרעסער — קוקען אויף איהם ווי ער רייבט מיט אַ לשם-יחוד..

שניאור-וואָלף איז צוגעקומען אַליין צו דעם יודעל און מיט איהם שטילערהייט עפּיס געשמועסט. דאָס יודיל האָט זיך פֿערטראַכט, אַנידערגעלעגט אויף אַ ווײַלע דעם לעפֿעל, קיינענדיג זעהר פֿאַמעליך, קוים-קוים צו מאַכען מיט די ליפּען, און מען האָט אין זיין שיינענדיג פּנים'ל, אין זיין שמייכעלע, דערקענט, אַז עס טהוט איהם עפּיס שטאַרק הנאה.

הערשעלע איז זיך דערווייל געשטאַנען אין דעם אַנדערען עק שטוב און געוואַרט, וואָס וועט דאָ זיין. שפּעטער אַביסיל האָט שניאור-וואָלף מיט אַ ווינק איהם צוגערופֿען צו זיך און פֿאָרגעשטעלט פֿאַר דעם יודיל, וואָס האָט איהם נעבעטען זיצען נעבען זיך, מאַכענדיג גאָר פֿריינטליך:

— מיר בּיסט-דו אויפ'ן אָנבליק געפֿעלען. איך פֿערהאָף, אַז דעם שוואָגער מיינעם, וואָס זוכט אַ גוט בחור'ל פֿאַר זיין יונגעל, וועסטו אויך געפֿעלען. נאָר מיין שוואָגער שטעהט אַכסניא ווייטליך פֿון דאַנען. ער איז אַ גאַנץ איידעל, אָבגעהיט מענשעל און בעדאַרף האָבען צו זיין געזונט אַ נערטענדיל, אַביסעל פֿרישע לופֿט. נאָך דעם עסען פֿאָהרען מיר אַהין, דיך טאַקי אויך מיטנעהמען, לאָז ער דיך נאָר אָנקוקען, נישקשה. דאָס איבעריגע — איז שוין אונזער זאַך. עס וועט זיין רעכט!... דערווייל קום עסען!

— עסט געזונט! — ענטפֿערט הערשעלע, ווי דער שטייגער איז, אַז מען בעט עסען.

— ניין! — זאָגט דאָס יודיל — טאַקי אין רעכטען אמת קום עסען. — זאָגט, זייט מוחל, ווענדט ער זיך צו שניאור-וואָלף'ן, זאָגט דער בעל-הבית'טע, זי זאָל אייך ביידען געבען עפּ

— אַ שיינעם דאַנק! איך בין נישט הונגעריג — בעדאַנקט הערשעלע, אוים דרך-ארץ נאָר, הגם עס וואָלט גאָר נישט געשאַדט טאַקי, אין מויל אַריין צו נעהמען עפּיס.

— נעהם-זשע חאָטש וואָס-ס'איז — בעט דאָס יודיל און שטופּט מיט געוואַלד הערשעלען אין דער האַנד אַריין אַ גרויסען, אַ שוואַרצען, אונמענליג מיט קעז אנגעפּילטע וואַרעניק.

— בעה״ב'טע, בעל־הבית'טע! — רופט צו שניאור־וואָלף רייזען, וואָס איז דורכגעלאָפען פאַרביי מיט דעם פּאָלאָניק אין דער האַנט, מיט געשריי און געפּילדער.

„וואָס וואַגסט־דו, איך בעט דיך צו זיין מאַטען?!" לאָזט זי צוקומענדיג אויף איהרען עפּיס אַ שמועס מיט אַ פאַרשוין דאָרט, צווישען דעם עולם.

— נישטאָ עפּיס צו עסען, בעל־הבית'טע? פרעגט שניאור־וואָלף.

— וואָס צו עסען, עפּיס? — חזר'ט רייזע איבער יענעמס ווער־טער, מאַכענדיג אַ שלשלת — וואָס הייסט עפּיס? וואַרעמעס וועט שפּע־טער אפּילו זיין.

— איך בין דאָך אָבער טויט הונגעריג, אַ געוואַלד!

— הען־אפּיסעל! זאָל איך מיך צורייסען, פון מיר מאַכען עסען! וועל איך דערווייל מאַכען איך אַ רעטיך. — ענטפערט אָב רייזע, וואַר־פענדיג אַ בליק אויף די ביידע יודען, אויך אויף הערשעלען, וואָס האָט, זיצענדיג בקומפּאַניע, מיט דרך־ארץ געגעסען אַ וואַרעניק. זי האָט עפּיס פאַרדרעהט מיט דער נאָז און איז אַוועקגעגאַנגען אין איהר רוה אַריין.

אַז שניאור־וואָלף האָט, כפי־המדובר, דערהאַלטען פון רייזען דעם אויפגאַב אויפ'ן וואַרעמעס — אַ רעטיך, צו וועלכען ער האָט זיך גענומען מיט גרויס חשק, שטאַרק פערטיפענדיג זיך אין טעלער, האָט די פּאָ־ליטיקע הערשעלעס מתחייב געווען, זיך צו דערווייטערן דערווייל ערגיץ אין דער זייט, ווייל ס'איז קיין דרך־ארץ נישט, יענעם קוקען אין די אויגען אַריין בשעת ער עסט.

די טיר פונ'ם שטוב האָט אַ רגע זיך נישט צוגעמאַכט — דער אַריין, יענער אַרויס. וואַפּענדיג, אַזוי ווי ער שטעהט זיך דאָ אַזוי, אַ שטופּ פון הינטען, קוקט ער זיך אום און דערזעהט צווישען פרישע אַריינקומענדיגע פאַרשוינען — וועמען מיינט איהר? — ביילען! עס האָט איהם אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצען, עפּיס ווי אַ וואַרעמער שטראָם איז איהם איבער דעם גאַנצען לייב דורכגעלאָפען און ס'איז איהם געווען אַזוי גוט, אַזוי געשמאַק, גלייך ווי ער וואָלט דערזעהען אַ שוועסטער, די מאַמען, אַלע זיינע ליעבע, נאָך וועלכע ער האָט אַזוי שטאַרק גע־בענקט. עס האָט איהם מיט אַ מאָל אַ שיין געטאָן פאַר די אויגען זיין שטעדטעל, זיין היים און זיך אין דער דאַזינער מיטט געפּיהלט נישט

עלענד. פאַר גרויס פרייד איז ער געוואָרען צומישט, אַזוי אַז ער האָט געדוקט ביילען די האַנד ביים צולויפען צו איהר, נאָר פאַרגעסען, אַז זי איז אַ מיידיל, אַ אשה און עס קומט איהר נישט קיין שלום־עליכם.

ביילע האָט מיט אַ שטיל געלעכטעריל אָבגעשטויסען פאַמעליכען פון זיך זיין האַנד, אָנצוהערעניש געבענדיג איהם דערמיט זיין גראָבען טעות.

הערשעלע איז געוואָרען רויט ווי אַ צוויק, האָט זיך אַרומגעקוקט פאַרשעמט אין אַלע זייטען, אויב מענשען האָבען נישט בעמערקט זיין ווילדען טעות, און עפּיס געברומבעלט גלאַט אַזוי, נאָר אָהן ווערטער.

— איך האָב געבראַכט דיר אַ מתנה, פון דעם היים, נאַ דיר אָט דאָס־אָ! — רופט זיך אָן ביילע, געבענדיג הערשעלען אַ פּעקעלע. — דאָס שיקט דיין מאַמע דיר און לאָזט דיר גריסען.

אין דעם פּעקעלע איז געלעגען אַ פּאָר אַלטע אונטערגעאַרבייטע זאָקען, אין אַלט אויסגעלאַטעטע העמד, איינגעוויקעלט אין אַ קאַפּאָטקעלע, איבערגענייט אויף דער לינקער זייט פונ'ם טאַטענס אַלטער וואָכעדיגער קאַפּאָטע מיט אַ פּאַלבאָן.

הערשעלע האָט זיך געשמאַלצען אין דעם העמד, אין די זאָקען, האָבען געהאַט ביי איהם דעם זיבעטען חן, עפּיס איהם דערציילט, גע־רעדט ווערטער. איטליכע לאַטע איז געווען אַ מגילה, אַ גאַנצע געשיכטע, ווער עס האָט זיי געלעגט, ווי אַזוי און מיט וואָס פאַר אַ האַרץ מען האָט זיי געלעגט. ער האָט אויך בעטראַכט דאָס קאַפּאָטקעלע — און טרע־רען זענען איהם געשטאַנען אין די אויגען. עס האָט איהם געשוועבט פאַר זיינע אויגען דעם טאַטענס בלייך פּנים, געקלונגען אין די אויערען זיין שטיל־שוואַך לשון, זיין זיפצען ביים געזעגענען זיך מיט איהם: „פּרי־העך־שפּעטער, הערשעלע, מען מוז זיך שיידען!" — בעטראַכטענדיג דאָס קאַפּאָטקעלע האָט איהם זיך געהערט עפּיס ווי אַ גרוס פון יענער וועלט, אַ וועה־געשריינען פונ'ם טאַטען: „אָך, האָב איך עס מיר געפּלאָגט דאָס גאַנצע לעבען — און אָט האָסטו דיר איינער דעם גאַנצען סך־הכל: מיין נשמה האָט גענומען גאָט, מיין לייב — די ערד און די אַלטע קאַפּאָטקע, מיין גאַנצע פאַרמעגען — נעהם דו, זהנעניו, און טראָג געזונט!..."

ביילע האָט דערציילט הערשעלען, אַז איהרע אָרמע עלטערן האָבען זי געשיקט אַהער, קיין גלופּסק, זיך צו שטעלען ערגיץ אויף אַן

אָרט. און אַזוי ווי זי איז דאָ ווילד־פרעמד, האָט זי איהם געפרעגט, טאָמער ווייסט ער, וואו איז דאָ ערגיץ די „זאָרג־באַנק“ — דאָס אָרט וואו די דיענסטען, מעקלערינס קומען זיך צונויף, אַזוי האָט זי געהערט זאָגען, און אויב זיין גוטער ווילען איז, זאָל ער אַליין טאַקי מוחל זיין זי אַהין אָבצופיהרען.

פאַר גרויס פרייד דורכצוגעהן זיך דאָ מיט ביילען און וואָס דערווייל וועט ער טאַקי קענען אויספרעגען זי אויף איטליכען בעזונדער אין דער היים, איז איהם נאָר אַרויס פּנ׳ם זינען שניאור־וואָלף מיט זיין שותף, מיט דער גאַנצער שטעלע.

שניאור־וואָלף און דאָס יודיל, וואָס זאָלען זיי דאָ דענקען? דאָס בחור׳ל — וואָס רעט זאָל ער טאָן? — דרעהט זיך אַרום אין שטוב צווישען דעם עולם, זיי האָבען אַ פּאָר מאָל אויך אַכטונג געגעבען. נישקשה, ער וועט וואַרטען, ער בעדאַרף דאָך זייער טובה!

און בשעת שניאור־וואָלף איז דאָ געווען זעהר פערטאָן אין דעם רעטיך און דאָס יודיל האָט זיך געגרונטעוועט אין דער שיסעל מיט מאַרעניקעס, אין דער גוטער האָפנונג, אַז באַלד וועט די בעל־הבית׳טע צוטראָגען נאָך עפּיס — זענען אונזערע ביידע קאַבצאַנסקער יונגע פאַרשוינען, ווי אַ פּאָר טויבען, אַרויסגעפלויגען פון דער אַכסניא און זיך געשפּאַצירט איבער גלופּסק.

ביידע האָבען זיך געפיהלט עפּיס גוט, ביידען האָט עפּיס הנאה געטאָן. די דערמאַנונגען פון דער היים האָבען זיי אונטערגעבען פייער, געעפענט אַ מויל צו רעדען. דאָס שעהמען זיך זייערס אַמאָל אין קאַבצאַנסק איז דאָ, אין דער פרעמד, פערשוואונדען ווי אַרויך. הערשעלע האָט זיך זאָט נישט געקענט אָנרעדען, אויסגעפרעגט אויף איטליכעס פּיצעלע אין דער היים, אין דעם גאַנצען שטעטיל, איבערמיטענדיג אַלס־דינג אינאיינעם, נישט פאַרגעסען אַפילו שעפּסיל דעם מלמד׳ס ציג, זיטל דעם שינקערס ניי איידעמיל, נח־אליהו דעם וואַסערפיהרערס לאָשיקיל און אַנשיל דעם האָרבאַטענס קעלביל. מילא די אַלע בעשעפעניש זענען דאָך פאָרט לעבעדיגע נפשות און האָבען מיט הערשעלען נשמה עפּיס וואָס־ס׳איז האָטש אַ שטיקעל שייכות; אָבער וואָס פאָרט האָט זיך מיט איהם אָנגענעהרט חיים דעם געשטאָפּעלטענס שמאָריענער דאַך, לייבציטעכצעס פּליטה וכדומה אַזעלכע טויטע, נישט קיין לעבעדיגע זאַכען, מיט וועלכע ער האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט און ס׳איז איהם צוגעקומען אַ שטיק געזונט, אַז ביילע האָט איהם פון דעם אַלסדינג דער־

צעהלט. מען בעדאַרף אָבער עלענד זיין אין דער פרעמד און אויך גוט זיך צוקוקען, צוהערען צו זיך, בכדי צו פיהלען דעם טעם דערפון און ענטפערן אויף דער דאָזיגער קשיא. — ס׳איז, כ׳לעבען, רעכט! אין דעם מענשענס נשמה שפּיגעלט זיך אָב אַ גאַנצע וועלט. דער ים געפיהלען אין האַרצען נעהמט זיך פון טויזענטער קוואַלען אינווענינגסטע אין איהם און אויסווענינגסטע חוץ איהם...

די זאָרג־באַנק, וואו אונזערע יונגע פאַרשוינען זענען געגאַנגען, האָט זיך אינגאַנצען ווי זי איז ענטפּלעקט פאַר זייערע אויגען, געוויזען וואָס זי אַזוינס בעטייט און מיט אַ מאָל ביי זיי צוגענומען דעם חשק צום רעדען. עס האָט זיך אַ וויז געטאָן אַ אויסמישעניש פון אַלערליי צורות און געשטאַלטען: פּאָנפּעוואַטע, צוגעפּלאַטשטע און געשוואָלענע נעז, וואַרגעס, לעפּצען, בעפּרישטשעטע, שוויסיג־גלאַנצענדיגע שטערענס און שענע חנ׳עוודיגע פּנימער, געעלטערטע, געקנייטשטע פאַר דער צייט; אַ קאַשע פון אָבגעריסענע, אָבגעשליסענע און פון משונה־ווילדע מאָדניצעס, משטיינס־געזאָגט: שמאַטעס, לאַטעס, צוהאַקטע עפּיס, נאַקעט לייב, הוילע, פון צופאַלענע שיך אַרויסקוקענדיגע פינגער, אינאיינעם מיט אָבגעבלאַקעוועטע, אָבגעפּאָהרענע, כלומר׳שט נאָך דער מאָדע גענייטע קליידלעך. ווילדע קרינאָלינעס, מג[illegible]׳דיגע שטיוועלעטלעך אויף הויכע, אויסגעקרימטע קנעפּעלעך; אַ דור הפלגה פון פערמישטע לשונות און געמבעס: גראָבע, דינע, קוויטשעדיגע, הייזערדיגע, האָרכלענדיגע און וויינענדיגע קולות. —

דאָס איז די גאַנצע אָרעמינקע קאַמאַנדע פון מיידלעך, ווייבלעך, יונגענטען מיט ברעקלעך קינדער און שלימזל׳דיגע, אָבגעקומענע בעלי־הבית׳טעס, געטריבען פון דער ביטערער נויט אַהער אויף דעם יריד, צו פערהאַנדלען זיך פאַר קעכינס, דיענסטען, ניאַנקעס אוז אַמען אין נגידישע בעל־הבתישע הייזער.

עס איז אַ געריידעריי, אַ געפּלוידעריי: געשליפענע צינגלעך קלאַפּען, מיילער אויף שרויפען מאָהלען, ווערטלען זיך, שפּעטען, בערעדען, אָבגעקומענע בעל־הבית׳טעס אָכצען, קרעכצען, ווישען די נאָז און רייבען די אויגען. מעקלערינס אין שאַלען, אין יופּעס אויף איין אַרבעל, דרעהען זיך אַרום ווי די מלאכי־חבלות. איינע חאַפּט, ווי פון דער שטייג עופות, אַרויס אַ ווייבעל, אַ מיידעל און פיהרט זי ערגיץ אַוועק. די צווייטע קומט צולויפען בייז ווי אַ רוח עפּיס מיט עמיצען שטאַרק נישט צופריעדען. און די דריטע טענה׳ט, רעדט צוקער־זיס מיט בעלי־הבית׳טעס טאַקי אויב׳ן אָרט,

אַבלויבענדיג אין טאָג אַריין איהר סחורה: די איז אַ בריה אויף חלה-באַקען, די האָט גילדענע הענד צום שייערען מעש, קופּערוואַרג גאָר אַנטיק און יענע איז איין קעכנע אין דער וועלט, איהרע מאכלים מעג דער מלכות עסען; נאָך קיינמאָל — אַז קיין צער — אין דעם ברויט נישט געווען ביי לייטען, אַליין ביי זיך געווען אַ בעל-הבית'טע — אַ קאַטאָוועס נחום'צע דעם בטלן'ס אַ ווייב!

אונזערע פאַרשווינען זענען געבליבען פערגאַפּט און אַ היבשע צייט געשטאַנען שטום מיט אַ פאַרקלעהמט האַרץ, ווי די שעפּעלעך, אויף דעם דאָזיגען מאַרק.

הערשעלע האָט דערנאָך זיך אפילו אַ חאַפּ געטאָן. ס'איז קיין דרך-ארץ נישט, וואָס ער איז אַוועקגעגאַנגען און לאָזט שניאור-וואָלף'ן אויף זיך וואַרטען אַזוי לאַנג; נאָר דאָס האַרץ אָבער האָט איהם נישט געלאָזט אָברייסען זיך פון ביילע'ן, צו וועלכער עס האָט איהם עפּיס געצויגען, געזוכט ביי זיך דערויף אַ תירוץ כלומר'שט — זי איז דאָך פון זיין שטאָדט, אַ נאַהענטע שכנה, דאָ נאָך גאָר פרעמד, איז דאָך זיין שולדיגקייט, באַלד אין דער ערשטער שעה זי נישט אַוועק-צו-וואַרפען. איהם איז אַרויף אַ געדאַנק, מעגליך שניאור-וואָלף וועט דערווייל מיט פערדראָס אַוועקפאָהרען, פערלירט ער דאָך אַ שטעלע, נאָר—הערט אַ וואונדער! — דאָס האָט איהם גאָר עפּיס נישט אַזוי געאַרט. פאַרקעהרט, יאָ, לאָ! זיך טאַקי זיין אַזוי. עס האָט זיך איהם עפּיס שטאַרק נישט געגלוסט, אַ גראָד אין דער צייט ווען ביילע איז געקומען זאָל ער בעדאַרפען אוועק-פאָהרען. עס האָט איהם טאַקי זיך נישט געגלוסט און פאָרט נישט גע-וואָלט מודה זיך זיין, וואָס ביי איהם דאָרט טיף אין האַרצען געהט פיר, ער האָט געזוכט ביי זיך אַנדערע טעמים, זיך גערעהט מיט הסברות און איז לסוף, ווי דער שטייגער פון מענשען איז אַ מאָל אין געוויסע זאַכען, געפאַלען אויף אַ שווינדעל, אַריינצולעגען שמד-שטיק אין דער יראה אַריין — אָט דאָס אינגאַנצען איז פון גאָט! ממה-נפשך, איז בע-שעהרט, וועט ער, נישקשה, די שטעלע נישט פערזאַמען; אלא נישט, האָט דאָך עס טאַקי גאָט אַזוי געמאַכט, עס זאָל זיך איהם גלוסטען דאָ שידוכות צו מאַכען... און יענער זאָל דערווייל אַוועקפאָהרען. —

אַבי גאָט איז שוין דאָ אין מיטען, האָט הערשעלע זיך נישט גע-לט און איז מיט אַ גרינג האַרץ געבליבען נעבען ביילען וואַרטען ביז ער וועט נישט זעהען, וואָס מיט איהר וועט זיך דאָ מאַכען.

די צייט איז זיך דערווייל געגאַנגען און ס'איז געוואָרען שפּעטליך.

איינע, עפּיס אַ מעקלערין אַ-פּנים, האָט פונדערווייטענס אַלץ בע-טראַכט ביילען, זי איז איהר, אַ-פּנים, זעהר געפעלען, ווי עס האָט זיך טאַקי אַרויסגעוויזען שפּעטער אין די גוטע, זיסע ריידעלעך, מיט וועלכע זי האָט צוקומענדיג זיך געווענדט צו ביילען, אַז זי האָט פאַר איהר זעהר אַ גוט אָרט, וואו מען קען זיך אויסגלייכען די ביינער, עסען, טרינקען וויט ביז איבער דעם האַלז, אַבי נאָר זי וועט קיין שליכמזל'ניצע נישט זיין.

ביילע איז באַלד טאַקי מיט דער יודענע געגאַנגען, נעבעטען פאַר דעם אַוועקגאַנג הערשעלען, ער זאָל אַזוי גוט זיין געוואָהר ווערען אויף דער אכסניא צו איהרע זאַכען, וועלכע זי האָט דערווייל אין אַ ווינקעלע דאָרט איבערגעלאָזט

הערשעלע, עס פאַרשטעהט זיך, איז נישט פויל געווען צו טאָן איהר ווילען און בשעת ער האָט אין אַ ווינקעל דאָרט, נעבען אַלקיריל, זיך געבאָבערעט איבער די זאַכען, אומוואַרפענדיג דערביי דאָס בינקיל מיט דעם קופּערוואַרג, איז רייזע אַרויס מיט אַ געפּילדער און האָט איהם דערטאַפּט

דאָס אַכטע קאַפּיטעל

רפאל האָט דערווייל צוגעגרייט בײַ זיך אַ סדר מיט פּונש און מיט פערבײַסען, אַלסדינג ווי געהעריג, נאָר געוואַרט, די טיר זאָל זיך עפענען און זאָגען: ברוך־הבא, ר׳ אברהם! ער האָט געמעגט מאַקי הײַנט אָפּריכטען דעם סדר, אַז נאָט האָט מיט גרויסע נסים איהם אויסגעלייזט פון גדליה ווינטהאַפּער, פון וועלכען עס האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך, וואו היבש מענשען זענען, ווי די מצריים אַמאָל, אַרײַן איבער די אויערען, דערטרונקען געוואָרען מיט זייער פאַרמעגען — און ער איז האָפּערליך פון איהם טרוקען אַרויס.

רפאל האָט געשטאַמט פון אַ שטעדטיל ערגיץ אין פּוילען. ערשט אַ קענען אַ פינף־זעקס יאָהר, אַז ער האָט זיך בעזעצט אין גלופּסק און געהאַט דאָ אין קאָמיסיע סחורה פון די גרויסע לאָדזער פאַבריקאַנטען.

גלופּסק איז פון לאַנג־אָן בעקאַנט פאַר אַ גוטען האַנדעל־פּונקט, אויף וועלכען אַ סך פאַבריקאַנטען פון דער וועלט האָבען אַ אויג, אָבצוזעצען דאָ זייערע מיני סחורות. נישט דעריבער וויל גלופּסק האָט אַ פּאָרט, אָדער אַ בערזע מיט בעריהמטע קאַנטאָרען, ניין! אויף איהר פּיאַטאָגנילעווקע זענען נישט קיין אָקרענטען. זומער אין די גרויסע היצען איז אין איהר, חוץ פאַר די שטאָדט־חזירים, נישטאָ קיין אָרט, וואו זיך צו באָדען. און ווי געוועהנטליך קלעקט נישט דאָס ביסיל וואַסער אויף צו לעשען די שרפות. איינמאָל האָט זיך שוין אפילו געטראָפען, אַז זוויפשטעהענדיג אין אַ שענעם פריהמאָרגען האָט דער גלופּסקער עולם פּינ׳ם גאַנצען טייך קיין סימן אפילו נישט געפונען — ער האָט אָנגעזעצט

אין יבש... בײַ נאַכט, אָהן אַ זיי־געזונט, עוקר געווען, ווי אין דער ערד אַרײַן! עס האָט דענסטמאָל געקלונגען דערמיט די וועלט, פאַר חידושים זיך געפּויקט אין די גאַזעטען: נישטאָ קיין פּיאַטאָגנילעווקע! פּיאַטאָגנילעווקע איז אַנטלאָפען!.. אין אַ קורצער צייט נאָך דעם אַנטרינען, האָט זי, ווי דער שטייגער איז פון אַלע אַנדערע אָנזעצערס, ווידער זיך געוויזען און אויף דאָס־נײַ בעקומען בײַ די בעלי־הבתים קרעדיט — שמעקעדיגע פרישע פּאָמייניצעס מיט אַלעם גוטען... פון קיין בערזע ווייסט גלופּסק אויך נישט וואָס צו זאָגען, יודען פערזאַמלען זיך קופּקעסווייז אויף דער גאַס, אויף די גאַניקעס דאָרט, און אַנשטאָט קאַנטאָרען איז מען זעהר גוט יוצא מיט בעלי־הלואות, וואָכערניקעס, וואָס מאַכען עס נישט ערגער פון אַ טייל באַנקירען אין אַנדערע שטעדט און רעכענען פּראָצענט גאָר פּראָסט אָהן חכמות אויף די סדרות פון דער הייליגער תורה... וואָס־זשע דען? גלופּסק האָט אַ גרויסען ווערטה דערמיט אַליין נאָר, וואָס זי איז אָנגעזעצט מים אַ ים יודען אָהן עין־הרע. אַ כפּרה אַלע ימין, אַלע פּאָרטען און אַלע בערזעס פאַר אַ יודיש קעפּיל! דאָס יודישע קעפּיל איז עפּיס אַ דראָט־אַרבייט, פליהט הויך אין דער לופטען, עס דרעהט, קעהרט וועלטען.

— וואו יודען, דאָרט איז מערקור המלאך, דער ממונה איבער דעם האַנדעל... פעררוקט אַ יוד דאָס היטעל, ווערט געבוירען אַ פּלאַן; גיט ער אַ קנייטש דעם שטערען, שפּרינגט אַרויס אַ פריש־צאַפּעלדיג עסק׳ל, און לאָז ער אַ קראַץ טאָן זיך אין דער פאה, וואַקסט ווי פון דער ערד אַרויס אַ טראַנספּאָרט סחורה. און בײַ די גלופּסקער, נישקשה, איז אַרויף ביז דעם האַלבען קאָפּ פעררוקט דאָס היטעל, זיי קנייטשען גוט דעם שטערען און קראַצען, קראַצען געשמאַק די פאה. מען בעדאַרף נאָר קיין נאַר נישט זיין, היטען זיך די ביינער, קען מען אין גלופּסק מאַכען געשעפטען. און, איבעריגענס, אַז מען חאַפּט אַ מאָל פון עמיצען אַ „קוממיות״, מילא וואָס איז דאָ אַזוינס? אויף דעם ים געהט דען אַמאָל נישט אונטער אַ שיף מיט סחורה און ווערט דערטרונקען? דער גאַנצער חילוק איז נאָר, וואָס דאָרט איז דערטרונקען—דערטרונקען מיט איין עק! און דאָ ווערט געוועהנטליך נאָכ׳ן „קוממיות״ נאָך געצאָהלט קבורה־געלד געוויסע „מאַכערס״ אַזעלכע, פאַר זייער מיה, דעם געשעדיגטען „קדיש״ צו טאָן זיין רעכט.

אַז רפאל האָט געקענט אַ יאָהר זעקס זיך האַלטען מיט זיין קאָמיסיע אין גלופּסק און נישט געשעדיגט געוואָרען, איז דערפון זעהר גוט געדרונגען, אַז קיינער איז ער זיכער נישט געווען.

אין דער שטאָדט איז רפאל בעקאַנט געווען פאַר אַ גוטען, פֿיינעם, עהרליכען יונגען מאַן, הגם ער האָט געחאַפּט אַ שטיקעל אַנבליק פון דעם נייעם שניט מענשען, נאָר זיין האַנדעל אין דער וועלט מיט סוחרים האָט דעם קליינעם חסרון פֿערריבען און מען האָט זיך נישט וויסענדיג געמאַכט. עט, וואָס מאַכט עס אויס! בײַ אַ סוחר קוקט מען איבערהויפט נישט אויף פֿיעל ערגערע זאַכען אויך. אַ סוחר, נישקשה, מעג... און אַזוי ווי רפאל איז געווען אַ אַלמן, האָבען זעהר פֿיעל, פֿונ'ם פֿרומען עולם אפילו, געשאַרפט אויף איהם די צייהן, צו דערטאַפּען איהם פֿאַר אַ איידים.

ער איז געווען איינער פון יענע יונגע לײַט, מיט אַ יאָהר פֿערציג צוריק אונטער יודען, וואָס זענען פֿונ'ם תנ"ך און דער גמרא געוואָרען „בעהאַלטענע משכילים". — יענע, עליהם=השלום, זענען נישט אָבגעזונדערט געווען פֿונ'ם איבעריגען עולם, נישט אין דעם יודישקייט, נישט אין דער הלבשה; געלערענט, געדאַוועט דריי מאָל אין טאָג, זיך געוואַשען, געבענשט גלייך ווי אַלע; געגאַנגען געקליידט, געטראָגען אַ אַרבע כנפות, נישט געזעסען אָהן אַ היטעל — אַלסדינג גלייך ווי אַנדערע, אויסער נאָר, וואָס זיי האָבען זיך מתיר געווען איבערצוהיפּערן געוויסע שטיקלעך פיוט, אַביסעל אונטערקירצען די קאַפּאָטע, בכדי זיך נישט צו פֿאַרדריפּען, צו לאָזען וואַקסען אַביסעל די האָר, אונטערצושניידען אַ קאַפּעלע די פאות און האַלטען ריין, אויסגעקעמט דאָס בערדיל, וואָס דערפֿאַר פלעגט מען אויף זיי צווישען דעם עולם עפּיס מורמלען. — דאָס זענען פון יענער צייט די נייע „למד=וואָווניקעס" אין דער בילדונג. פון דרויסען אָנקוקענדיג זיי, איז דאַכט זיך גאָר נישט, דאָס מויל צוגעמאַכט, נישט געפּלאַפּלעט; אָבער, הייליגער גאָט, וואָס אינווייניג בײַ זיי האָט זיך געטאָן אין האַרצען! אין האַרצען האָט געגליהט דאָס יודיש=פינטעלע, עס האָט געברענט דאָס הייליגע פייעריל פון ליעבשאַפט צו דער גאַנצער וועלט מענשען. פאַר זייערע אויגען האָט געשוועבט עפּיס אַ אָנהויב פון אַ נייער, אַ גוטער, אַ שענער וועלט. עס האָט זיך געגלויבט, געהאָפט, אָט אָט קריכט זי פונ'ם איי אַרויס למזל אין אַ ליכטיגער צייט — און עס וועט זיך לעבען אין אַ גן=עדן, זעהר גוט. צווישען זיך האָבען זיי שטילערהייט געלעבט ווי ברידער, ווי חסידים פון איין רבי'ן, נאָר אָנשטאָט משקה האָבען זיי געשלונגען די ווערטער פון די הייליגע נביאים, פון מליצה=ספרים, זיך געקוויקט, זיך אַרומגעטראָגען מיט ווענעמס עפּיס אַ שיר'ל און אַליין אויך געמאַכט מליצות אַזוי, אָדער אין אַ שלוס=

לאהזבי בריוועל — אַלץ אהה! הוי! אָה, וועה=געשריגען! האָט עמיצער, אַ יונגער מאַן, חשק בעקומען זיך צו נעהמען אויף דעם נייעם דרך, עפּיס צו לעהרנען, איז דאָס בײַ זיי זעהר אָנגעלעגט געווען, גלייך ווי ער טהוט זיי דערמיט אַ גרויסע טובה, און האָבען איהם געהאָלפען מיט וואָס נאָר מעגליך. — אָט אַזוי האָבען געלעבט אַ מאָל יענע יונגע=אַלטע נאַרען, עליהם=השלום, נאָך נישט געחאַפּט אין דער בילדונג דעם רעכטען סטריה, נאָך נישט געוואוסט וואָס היינטיגע אַלטע=קלוגע קינדער, אַז דער סוד פון השכלה איז דווקא אַ אָפען מויל, אַ ברענענדיגס, פּעך און שוועבעל, און אַ האַרץ — קאַלט ווי אײַז; אַז די בעסטע תורה איז סחורה און די בעסטע מליצה — אַ קערביל...

בײַ דער פאַמיליע האָט רפאל געהייסען לובלינסקי, נאָר יודען האָבען איהם געוועהנטליך גערופען פשוט בײַם נאָמען אין די אויגען — ר' רפאל, אַ סימן, ווי שטאַרק בעליבט ער איז געווען בײַם עולם. בײַ רייזען איז ער געווען גאָר דאָס אויבערשטע פונ'ם שטויסעל. באַלד נאָך זיין קומען קיין גלופּסק האָט ער בײַ איהר אויפ'ן הויף געדונגען אַ דירה מיט קעסט. און רייזע האָט איהם שטאַרק אָבגעהיט, זיך געפלייסט שטענדיג, אַז דער וואַרמעס פאַר איהם זאָל זיין צו דער צייט און בעטעסט.

די בעקאַנטשאַפט ר' אברהם'ס מיט איהם האָט זיך אָנגעהויבען דורך אַ שידוך=רעדען איהם, געוואַקסען וואָס ווייטער אַלץ מעהר ביז זי האָט זיך אויסגעלאָזט צום סוף מיט אַ הייסער פריינדשאַפט צווישען ביידע צדדים. אין איטליכען פון זיי איז געלעגען עפּיס אַזוינס, וואָס דאָס האָט געצויגען איין האַרץ צו דעם אַנדערען. ביידע האָבען גרויס פערגניגען געהאַט, צו פאַרברייגגען אַ מאָל אַ שעה=צייט בײַ אַ גלעזיל טהעע אָדער פונש, אין אַ וואַרמען שמיעס צווישען זיך, נאָר אָהן שום זייטיגע אינטערעסען.

אַז דער סדר איז שוין געווען פאַרטיג, רפאל איז אין חאַלאַט מיט שטעק=שיכעלעך געזעסען אָנגעלעהנט אויף אַ ביינקעל אַריינקוקענדיג אין אַ ספר, איז ר' אברהם אַריינגעקומען אין שטוב מיט אַ ברייטען „גאָט=העלף!"

— אַ, ברוך=הבא! — טהוט רפאל זיך אַ חאַפּ פונ'ם ביינקעל, געהט ר' אברהם'ן אַקעגען און קוקט איהם גלייך אין פנים אַריין — עפּיס שיינט איהר דאָך נאָר, ר' אברהם, גאָר נישט דער אייגענער, וואָס פריהער אַביסעל! אָט אַזוי האָב איך טאַקי ליע

— זעהט איהר, הא, — רופט זיך אָן ר׳ אברהם, — װי גאָט קען מאַכען אין איין מינוט פון שלעכט גוט. איך בין נישט אַליין, האָב געבראַכט נאָך עמיצען

— װאו־זשע איז ער? — פרעגט רפאל, — בעט איהם אַריין, טייער גאַסט, װעלען מיר האָבען מאַקי אַ מזומן.

” אברהם האָט באַלד אַריינגעפיהרט הערשעלען, װאָס איז בײם אַריינקומען געבליבען דערװייל אין פאָר־הדר, און איהם פירגעשטעלט פאַר רפאל׳

— מײנעם אַ גוטען בעקאַנטענס, עליו־השלום, אַ בחור׳ל. פון דער פרעמד לערענט בײ מיר אין קלײזל. איבער איהם האָב איך עס הײנט געהאַט אַזאַ האַרצװעהטיג. נו, געלויבט השם־יתברך, װאָס עס האָט זיך אויסגעלאָזט גוט. פון מיר קומט הײנט אַ טרונק.

— גוט יום־טוב! — זאָגט מיט אַ שמײכעלע רפאל, — בײ אונז בײדע איז דאָך הײנט עפּיס אַזאַ פרעהליכער טאָג! קומט־זשע, איך בעט אײך, צום טיש און לאָמיר זיך װאויל־טאָן.

בײם טיש האָט רפאל אונטערגעטריבען הערשעלען, ער זאָל עסען, טרינקען, זיך ניט שעהמען, צולענענדיג איהם אַלץ, דאָס, יענס, אויפ׳ן טעלער. דאָס קערמעשיל האָט אויסגעזעהן עפּיס מאַקי װי אַ שמחה. דער קלײנער עולם איז געװען צופרידען, שטאַרק הנאה געהאַט בײם פונש.

זיצענדיג אין זײען מיט רפאל׳ן בײם אָפענעם פענסטער, האָט ר׳ אברהם איהם איבערגעגעבען די גאַנצע מעשה מיט הערשעלען. רפאל האָט פונדערװײטענס זיך צוגעקוקט צו הערשעלען, װאָס איז געזעסען בײם עק טיש איבער אַ גלאָז טהעע, און זיך עפּיס פערטראַכט. אין זײן פנים איז געװען צו דערקענען, אַז הערשעלע איז איהם שטאַרק געפעלען און דאָס ביטערע עלענד זײנס האָט איהם גערירט בײם האַרצען.

— דאָס אײנציגע, װאָס איך בין אין שטאַנד דערװײ׳, צו טאָן פאַר אײער בחור׳ל, זאָגט רפאל שטיל צו ר׳ אברהם׳ן אין דאָס נאָר, װאָס איך קען איהם געבען בײ מיר אַ אָרט אויף נאַכטלעגער. לאָז ער חאַטש זיך ניט װאַלגערן אין קלויז אויף דער האַרטער באַנק דאָרט. און װײטער װעלען מיר זעהען.

— אָך, איהר װעט האָבען אַ גרויסע מצוה! — מאַכט ר׳ אברהם אויפהײבענדיג זיך פונ׳ם בײנקעל און װענדט זיך באַלד מאַקי צו

הערשעלען מיט דער בשורה: דו הערסט? פון הײנט אָן װעסט־דו האָבען נאַכטלעגער דאָ, בײ ר׳ רפאל׳ן. דאַנק זײ פאַר זײער גוט האַרץ און קום!

דעם עולם׳ס געשטיל „װען פרעהט זיך אַ אָרעמאַן? אַז ער געפינט װאָס ער פערלירט" — דאָס איז זעהר גלײך מאַקי צונעפּאַסט געװען צו ר׳ אברהם׳ן. ער איז זעהר שטאַרק אויפגערײמט געװען, דעם גאַנצען טעג, געהענדיג פון רפאל׳ן. ער האָט זיך געפרעהט קוקענדיג אויף הערשעלען, װאָס איז איהם נאָכגעגאַנגען בײ דער זײט, און געטריבען מיט איהם אַלץ קאַטאָװעס. ס׳איז איהם צײטענװײז אפילו דורכגעלאָפען װי אַ װאָלקען נישט קײן אײנגענעהמער געדאַנק, פאַר װאָס ער האָט אומזיסט חושד געװען אַ יודען, נעבעך — נאָר דאָס איז געװען אַ פּיצעל זומער־װאָלקענדיל, װאָס פליהט אויף אַ װײלע פאַרבײ דער ליכטיגער זון און פאַרשװינדט באַלד װי אַ רויך.

הערשעלע װידער איז געװען עפּיס צודרעהט, געגאַנגען פאַמעליך און פערטראַכט. איהם האָט נישט געלאָזט רוהען בײלע — איז איהר געראָטען צו בעקומען אַ אָרט אָדער בלאָנקעט זי זיך ערגיץ אַזוי אַרום? — און אויך דאָס קלימעקיל איהרס אויף דער אכסניא.

— קום ניבער אַכיסיל! האָט ר׳ אברהם אונטערגעטריבען הערשעלען, װאָס געהסט־דו עפּיס אַזוי פאַמעליך? משה׳לע, נעבעך, מוז זיצען אַלײן דערװײל דאָרט און בעאומרוהיגט זיך אוודאי שטאַרק װעגען דיר. אַ רחמנות, כ׳לעבען, גיכער, ניכער אַכיסעל!

— ר׳ אברהם! רופט זיך הערשעלע אָן מיט אַ געבעט. לאָזט מיך, איך בעט אײך, אַ לויף טאָן צוריק אויף דער אכסניא. אין אײלעניש האָב איך פאַרגעסען בעטען רײזען אַכטונג צו געבען דאָרט גוט אויף די זאַכען. ס׳איז דאָך אײן אָרעמס... אײן אָרם מײדעלם אַ קלימעקיל.

— טאַ! — מאַכט ר׳ אברהם, אָנקוקענדיג אַ װײלע הערשעלען, װאָס האָט זיך אָבגעשטעלט און אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ. — האַיע־זשע, למען־השם, נישט און קום געשװינד צוריק. איך װעל אַלײן געהען מיט דער בשורה.

װי אַ באָמבע איז ר׳ אברהם אַרײנגעפלויגען אין פּאָליש, אָנגעלאָדען מיט דער פרעהליכער בשורה, קוים אײנהאַלטענדיג זיך, נישט אויסצושיסען זי דאָרט. בײ דער טיר פונ׳ם קלײזל אָבער שלאָגט ער

זיך אָן מיט אַ יודענע, וואָס טהוט איהם אַ פרעג אויף אַ טרויערדיגקול:

— וואו איז משה'לע?

— אַ, משה'לעס מאַמע! — מאַכט ר' אברהם.

— דאָס צווייטע מאָל בין איך שוין דאָ, זאָגט משה'לעס מאַמע אויף אַ ציטערדיגער שטימע. איהר מוזט אפשר וויסען, וואו איז ער, מיין זוהן! אַ גאַנצען טאָג איז זיין פוס אין דער היים נישט געווען און קיין לעפעל וואַסער אין דעם מויל נאָך נישט געהאַט. וואו די וועלט האָט אַן עק האָב איך איהם שוין אויסגעזוכט. אוי געוואַלד, נשמה'ניו! זאָגט מיר, וואו, וואו איז ער, מיין משה'לע?!

— וואָס הייסט!... סטייטש!... מאַכט ר' אברהם פערוואונדערט און ווערט בלייך ווי די וואַנט.

פון דער דעמבענער קרעטשמע, אַקעגען דיבען-אַכט ווערסטלעך פון גלופסק, ציהט זיך ביי ביידע זייטען פונ'ם ברייטען זאַמדיגען שליאַך, צו דער שטאָדט-צו, אַ גרויסער שענער וואַלד פון הויכע סאָסנעס און דעמבענע ביימער. דער שליאַך איז ערטערווייז גריבערדיג מיט זומפּיגע קאַליושעס, אין וועלכע עס האַלטען זיך אויף זשאַבעס, קוואַקען, רייסען זיך אויף די העלזער, קינדלען זיך דאָרט און גיבען איבער בירושה זייערע בלאָטעס מיט אַלע זייערע משוגענע העיוות פון איין דור צום אַנדערען דור. דעריבער פערצווייגען זיך ווייטליך אין דעם וואַלד זייטוועגלעך, אויף וועלכע בעלי-העגלה'שע בוידען און נוים מיט פוהרלעך האָלץ נעהמען זיך פונ'ם שליאַך אַרויף און פאָהרען, איטליכער אויף זיין דרך מיט זיין גירסאַ. אַ בעל-העגלה בעדאַרף זיין אַ גרויסער בקי דאָרט, אַ חריף, אַ למדן-מופלג צו דרעהען זיך הין-און-הער, זיסט, קעהרט זיך איבער דער וואָגען אין איינע פון די קאַנאַוקעלעך — און מען ברעכט רוק-און-לענד

אויף אַ שמאָל שטעגעלע צווישען יונגע פרישע ביימלעך, ביים ברעג וואַלד, געהט זיך פאַרנאַכט שמואל'יק דער טאַנדעטניק, צוחראַסטעט, אויפגעשפּילעט די קאַפּאָטע מיט אַ קליין פּעסעלע אונטער דעם אָרם. מיט דעם דאָזיגען פּעסעלע געהט ער עס אַזוי אַלע דאָנערשטאָג כמעט צו דער דעמבענער קרעטשמע, וואו ער פילט עס אָן מיט גוטען

בראַנפען אויף אַ וואָלוועלען מקח און טראָגט עס גאַנץ פריי אין שטאָדט אַריין פאַר זיינע געוויסע בעלי-הבתים אויף שבת, פון וואָס עס בלייבט איהם אַביסיל פאַר זיך אויף קידוש, אויך עטליכע גראָשען דערצו פערדינסט. דער איבעריגער עולם, וואָס וויל וואָלוועלען בראַנפען פאַר זיין געבריך גאָר, נישט דערמיט צו פערדינען, לאָזט זיך אַהינצו נאָך דער משקה געוועהנטליך פרייטאָג פריה, און דענסטמאָל איז דער וועג אַהין אָבגעשיט אָפט מיט קינד און קייט, יונג און אַלט, בעלאָדען מיט פלעשלעך און אַלערליי כלים. אַזוי איז שוין דאָרט איינגעפיהרט פון אַלטע צייטען — און אַ יודישער מנהג ברעכט אַ דין, אפילו דעם דין פון דער אַרענדע און בפרט אַ גלופסקער אַרענדע, וואָס אַ מאָל אָהן ראַטע...

די זון איז געשטאַנען ביים עק הימעל, גרויס, רויט ווי אַ פייער און געזעגנענדיג זיך מיט דער וועלט פאַר דעם אַוועקגעהן אין איהר רוה אַריין, האָט זי געוואָרפען אַ בליק — איהרע מילדע גילדענע שטראַהלען, אויף גראָז, אויף ביימער, אויף בערגלעך און טאָלען. דער אָבגלאַנץ פון איהר ליכטיג פנים אויף זיי האָט זיך אויסגעדאַכט עפּיס גאָר ווי אַ שיינענדיג-פריינדליך שמייכעלע צווישען דעם מרה-שחורה'דיגען שאָטען, וואָס אויף זיי אַלע האָט זיך אָנגערוקט. ס'איז געווען צום האַרצען עפּיס אומעטיג-פרעהליך, זיס-ביטערליך צו גלייבער צייט. די שענע נאַטור זומער פאַרנאַכט איז אַ כלה צום בעדעקענס אונטער דעם שלייער — און דענסטמאָל האָט זי ערשט דעם זיבעטען חן, ציהט זי דעם חתן ביי דער נשמה, עס צושפּילט זיך איהם דער כח-המדמה, ער טראַכט און פערטראַכט זיך אויף איהר פנים, וואָס שיינט אַרויס, שמייכלענדיג צו איהם, פונ'ם פערבאָרגעניש אונטער דעם דעק-טוך און רעדט, צונעהמט איהם עפּיס אַזוי, אָהן ווערטער.

שמואל'יק — אָט דער טאַנדעטניק, וואָס אין שטאָדט אַרומיאָגענדיג זיך ליגט איהם די נשמה אינגאַנצען מיט אַלע געדאַנקען אין דער פרנסה, קיין זאַך געהט איהם נישט אָן, נאָר אַלץ ברויט, דאָס זינדיגע שטיקעל ברויט — אַצינד, דאָ אויפ'ן גרינעם גראָז, אויף דער פרייער לופט איז ער עפּיס ווי ניי-געבוירען. עס דערוועקען זיך אין איהם איידעלע געטליכע געפיהלען, די אויגען קוקען, האָבען הנאה פון גאָטס שענע וועלטעלע, די נאָז שמעקט זיסע טייערע ריחות פון טויזענטערליי קריימעכצער; די אויערען האָרכען די וואונדער-שענע קאַפּעליע פון שפּילפייגעלעך, וואָס רופען זיך איינס מיט דעם אַנדערען איבער אויף זייער

לשון ערגיץ צווישען בלעטער פון ביימער; וואָס צוגיסען זיך אין שטייגער אויפ'ן העלזעלע, פלאַטערענדיג מיט די פליגעלעך, זאָגען שירה און שפּרינגען „קדוש" אויף דינע צווייגעלעך. שמואל'יקס נשמה האַפּט זיך אויף ווי פונ'ם שלאָף, דאָס פּנים איז איהם עפּיס ווי איבערגעביטען, ער קוקט און טראַכט: אוי, מחיה! טראַכט און פּיהלט: אוי, ציהט עס עפּיס, ציהט דאָס האַרץ! עס גלוסט זיך, ווילט זיך עפּיס, אַליין נישט צו וויסען וואָס!...

געהענדיג אַזוי אויפ'ן שטעגעלע גיט איהם זיך אַ וויז אַקעגען אין וואַלד אַ גרינער, פרייער פּלאַץ, געהילט אין אַ טונקעלען מאַנטעל פון שאָטען מיט ליכטיגע, העל־גילדענע שטרייפעלעך. ער טהוט זיך דאָרט אַ וואָרף און ציהט זיך אויס אויף דעם סאַמעט־ווייכען גראָז.

שמואל'יק ליגט מיט פערטראַכטע אויגען, זיינע גלידער, פּיהלט ער, ווערען שווער, עפּיס ציהט איהם די ערד שטאַרק צו זיך, ווי אַ ציהט איהם אַרום די אַלע וועהטאָגען — און אַקעגען־זשע אויף דער נשמה ווערט איהם גרינג, מחיה גוט. אַ ווינד, אַ ריהרענדיגס גרעזעלע גלעט איהם די נאָז, די באַקען, נאָך איינס קיצעלט איהם אונטער'ן קאָלנער הינטען־אַרום אין האַלז און נישט ווייט פון־צווישען גראָז טיקעט איהם אַ גרילכענדיל אין די אויערען אַריין. עס דערצעהלט אַ מעשה, עס זינגט אַ לידעל, פערוויגט און פערשלעפערט איהם ווי אַ קינד.

— שמואל'יק ליגט האַלב־געדרעמעלט, האַלב־וואַך און עס פּלאָנטערט זיך איהם עפּיס אין קאָפּ. עס טראַכט זיך איהם פון אַ לעבען אָהן קאָפּ־דאַרעניש, ווי גוט ס'איז צו האָבען קאַשע מיט יויך — אַ אייגען שטיבעלע, אַ קליינס, מיט אַ גערטענדיל, דערצו אויך אַ בהמה'לע, לאָז זיך זיין חאָטש אַ ציג. ס'איז דאָך אַ גליק, בעסערס דערפון איז שוין אַ איבעריגע זאַך! עס טראַכט זיך איהם פונ'ם ליעבען גאָט: אוי, גאָטעניו, הצליחה־נאָ! העלף, טאַטע־פאָטער, וויז טאַקי, וויז, אַז דו קענסט בעגליקען אַ מענשען... ווי איך בין אַ יוד, גאָטוניו, הושיעה־נאָ! און אין קאָפּ ביי איהם פּיקט זיך אַ גאַנצער פּלאַן פון זיינע נדבות דענסטמאָל, פונ'ם מענטליק, וועלכען ער וועט מיט זיין גוטסקייט און פרומקייט גאָט אָנטאָן... עס קומט איהם אַפּיר באַלד טאַקי אויפ'ן געדאַנק משה'לע. — ער איז דאָך אַ צאַצקעלע, לערענט וואויל ווי די וועלט, קען דאָך גאָט געבען, איהם זאָל אויסחאַפּען אַ רייכער מחותן און איהם אָפּגילטען... מיט דער צייט קען משה'לע נאָך ווערען רב ערגיץ אין אַ גרויסער שטאָדט און דענסטמאָל... דענסטמאָל אַז־וואויל וועט זיין אויך איהם.

דעם טאַטען! ער וועט אויף דער עלטער זיך אָפּלעבען זיינע יאָהרען און האָבען נחת, און כבוד, אַ קליינינקיים עפּיס דעם רב'ס פאָטער!...

די דאָזיגע זיסע חלומות וואַכענדיג ווערען איבערגעריסען געוואָרען אין־דערמיט דורך אַ קלאַפּען פון רעדער ערגיץ דאָרט אויף אַ זייטענוועגעלע אין דעם וואַלד.

שמואל'יק עפענט די אויגען, טראַכט ביי זיך: נאַ, נענוג, שוין צייט אַ היים! ער זעצט זיך פּאַמעליכען אויף, טהוט אַ גענעץ, אויסקנאַקענדיג די ביינער און נעהמט זיך צום פּעסעלע, וואָס איהם ביי דער זייט. דערהייל פאָהרט פון הינטען אָן נאָהענט אַ פוהדיל, נאָך אַ מינוטעלע — טהוט אַ הילך אויף דעם גאַנצען וואַלד אַ ביטער געשריי:

— „אַי, טאַטע!"...

שמואל'יק קוקט זיך געשווינד צו און בלייבט פערגאַפט.

— משה'לע! וואָס? וואָהין?!... — דאָס איז דאָס אייגענע, וואָס שמואל'יק ברענגט קיים אַרויס פונ'ם מויל פאַר גרויס וואונדער און שרעק. דאָס האַרץ האָט איהם באַלד געזאָגט, ס'איז אַ צרה. זיין משה'לע איז אין אַ גרויס אומגליק!...

ניכער, טאַטע, אוי, ראַטעוועט! — שרייט אויף אַ וויינענדיג קול משה'לע, וואָס האָט אויסגעזעהען ווי אַ שעפּעלע צווישען צוויי וועלף מיט פייערדיגע אויגען.

צולויפען צום וואָגען און אָנצוחאַפּען זיך אין איהם מיט ביידע הענד האָט ביי שמואל'יקען נישט געדויערט קיין איין רגע. די וועלף אָבער האָבען דערצאָרענט געקריצט מיט די ציינער, איהם אַ שליידער געטאָן פון זיך, אַזוי אַז ער האָט צוויי מאָל זיך איבערגעקעהרט אויף דער ערד און ביז וואַנען ער איז געקומען צו די געדאַנקען, זענען זיי שוין געווען אויף אַ היבשער שטרעקע ווייט.

שמואל'יק האָט זיך צונויפגענומען מיט אַלע קרעפטען און זיך געלאָזט יאָגען נאָך דעם וואָגען. ער יאָגט, לויפט, און יענע שמייסען, שמייסען דאָס פערדיל. דער וואָגען איז אַלץ ווייטער, אָט־אָט וועט עס פערשוואונדען. שמואל'יק קייכט, דאָס האַרץ פערלויפט איהם מיט בלוט, קיים וואָס ער אָטהעמט, די אויגען שפּאַרען איהם פונ'ם קאָפּ אַרויס פאַר גרויס אַנגסטען, ער אָבער יאָגט מיט אימפּעט, נישט צו פיהלען, טראָץ דער גרויסער סכנה, קיין שום זאַך — דער וואָגען הויבט אָן צו פערשווינדען, נאָך אַ ווייל — ער איז שוין נישטאָ!...

געוואַלד! — שרייט שמואל'יק, רייסענדיג אויף זיך, לויפענדיג, די האָר, ער פאַלט פון די פיס און ציהט זיך אויס אויף דער ערד

ויהי און די דאָזיגע מעשה איז געשעהען בימי „הכּפּרה־היהנדלעך". אָדער, ווי אין די קינות פון יענער צייט שטעהט, בימי „פונ'ם גע׳עג און פונ'ם שפּיל אין קאַץ און אין מויז". דאָס טייטש: דענסטמאָל אין יענער צייט, ווען מען האָט אָבגעלאָזט יודישע קינדער צו שטיפען אַביסיל צווישען זיך און בעווייזען זייערע גבורות אין דעם גע׳עג, אָהן פייל־און־בויגענס, נאָר פשוט „פאַנגען" ווי די קאַץ געהט אויפ'ן גע׳עג, האַפּען מייז — נאָר הפקר אַ וועלט! כּפּרה־הינדעל, אָדער מייזעלע האָט, לויט דער שפּיל געהייסען יענער, וואָס איז אַרויס פון דער היים אָהן אַ געשריפטס מיט אַ אָדלער, פּאַספּאָרט, הייסט עס. אַזעלכע האָט די קאַץ געמעגט חאַפּען, זאָגען „זה חליפתי, זה תמורתי, זה כּפּרתי!" און באַלד איהם אין גע־וואַנד אַריינשטעקען.

און עס האָבען זיך געפונען אַזעלכע יודעלעך, וואָס האָבען זיך נעקלינגט, איינער דעם אַנדערען אָבצונאַרען, ווייטליך צו פערנאַרען און מיט אַלע המצאות צו מאַכען איהם די שפּיל...

שניאור וואָלף האָט געשפּילט די ראָליע זיינע און פערנאַרט הער־שעלען ממזר'ש, אין זיין מאַטען אַריין! נאָר אַז הערשעלע האָט, גאָר אומגעריכט, פון זיינע לאַפּעס זיך אַרויסגעגליטשט און דערווייל איז גראָד משה'לע אונטערגעשפּרונגען, איז ער, משה'לע, אָנשטאָט דעם חבר זיינעם אריין אין די לאפעס — און באַלד געוואָרן „געפאַנגען"!

דאָס פערטע בוך.

יאם ערשטע קאַפּיטעל

דער בעסטער חלק לאַנגע יודישע נעזער איז, װי דער װעלט איז באַקאַנט, די גלופּסקער מעקלער אָנגעקומען; דאָס האָבען זיי אַמתנה פון זיין ליעבען נאָמען אַמיגדסט געשעפּטיל פון אונטער דער ערד אָנצוּשמעקען — דאָס איינציגע געציינג זייערס זיך דערמיט צו דערנעהרען. פון דאַנען זעהט מען בעשיינפּערליך אַרוים, וואָס פאַר אַגוטען גאָט מיר האָבען, ווי געטריי ער ניט זיך אָב מיט זיין װעלטיל און לייטזעלינגט אַלע זיינע מיני בעשעפּעניש, מביצי בינים, פונ'ם קלענסטען װערימעל ביז אַ יודישען מעקלער, מיט די נייטיגע כלי־זין, איטליכען צו זיין פּרנסה.

און רב אָשר, דער געהויבענסטער מעקלער, פול אין אַלע קלייטען און קאַנטאָרען, אַ דאַר יודעל, אַריהרענדיגס, אַ צאַפּעלדיגס, תמיד מיט אַפאַריסען היטעל װייט אַרויף איבער דעם שטערען, מיט אַ שטעקעלע, דרעהענדיג עס אַרויף און אַראָב, אין אַלע זייטען — ער איז געלייטזעלינט נאָר מיט אַהויפּט־פיינע נאָז, פּרימא. די נשמה זיינע, דאַכט זיך, האָט זיך אַרויסגעקליבען ביי איהם פונ'ם מח, פאַרנעהמענדיג מיט זיך אויך דעם שכל, די חכמה זיינע, און איז אַריין אין שכנות צו איהם אין דער נאָז. באַלד ביי רפאל'ס קומען קיין גלופּסק האָט ער, די נאָז הייסט עס, דערשמעקט דאָס קאָמיסיע־געשעפט רפאלס פון די לאָדזער פאַבריקאַנטען, און זיך גענומען געשמאַק צו דרעהען מיט איהם װעלטען. אַז רפאל אָבער האָט זיך נישט געלאָזט דרעהען ביז ער װעט נישט אויסלע־נען פריהער גוט דעם פּלאַץ מיט די אַלע סוחרים דאָרט, איז עס

רב אָשר'ן געווען אַגרוים וואונדער און האָט זיך אָנגערופען, שטאַרק פאַרדרעהענדיג די נאָז:

— סטייטש, וואָס הייסט! איוד — און לאָזט זיך נישט מאַכען געשעפטען!... נישט אַנדערש, האָט מיר קיין פאַראיבעל ניט, אַז מעלתו ע—ע—ע... האָט אין האַנדעל נישט קיין געפיהל.

— ווי קומט געפיהל צו האַנדעל?! צום האַנדעל ברויכט מען שכל. מען בעדאַרף פערשטעהען.

— עט, נאַרישקייטען! — מאַכט רב אָשר דרעהענדיג די נאָז און אויפשטעלענדיג דאָס שטעקיל — איך מיין, פערשטעהט איהר מיך, דעם ברען. צום האַנדעל בעדאַרף מען דעם ברען. ברענען בעדאַרף מען, ברענען... שכל איז — בע. קוקט אָן, זייט=זשע מוחל, אונזערע גרויסע גלופסקער סוחרים, וואָס, האַ? נאַט אייך אַ גראָשען פאַר'ן שכל! מען האַנדעלט, מענשען האַנדלען. וואָס דען? דאַרויף איז מען דאָך מענשען, סוחרים... און פערדיענען איז אַגאַנצע=זאַך, אַמזל. מזל מחכים, מזל מעשיר, אי רייך אי קלוג, אַלסדינג איז מען מיט מזל.

— האַנדעל, וואָס געבויט אויף מזל, אויף לויטער ריזיקע, איז אַקאָרטענשפיעל. אַזוי, אַזוי, רב אשר, אַקאָרטענש...

— תיים איך וואָס איהר זאָגט מיר עפּיס אַקאָרטענשפיעל — פאַלט אַריין רב אָשר רפאל'ן אין די רייד, דרעהענדיג דאָס שטעקיל און אויפשטעלענדיג די נאָז — קאָרטען זענען קאָרטען און האַנדעל איז האַנדעל. עפּיס שפּיעל איך דאָ, און לעג פאָר מעלתו אשפּילכען? עסק רעד איד עסק, אַזאַ וויכטיגע זאַך!

— לאָזט זיך נאָר דינען, רב אָשר! — קומט רפאל צלץ טאַקי מיט זיינס, רוהיג, געלאַסען — האַנדעל וייל ס'איז אַ גרויסע, וויכטיגע זאַך: עס בינדט אויף מענשען די הענד צו אַרבייטען, שענע, גוטע, ניצליכע מלאָכות אַלערליי, און עס פאַרברייט אומעטום, פערצוקערט זייער אַרבייט, עס פיהרט צונויף נאָהנט ווייטע לענדער, עס בילדעט, איידעלט אויס, עס שפּייזט און בעלעבט אַוועלט מענשען — אָט דעריבער טאַקע, ווייל ס'איז אַזוי וויכטיג, מוז עס, ווי אַלע אַנדערע וויכטיגע זאַכען, געפיהרט ווערען געזעצט מיט בערעכנונג, מיט פערשטאַנד...

— טע, — טע, — טע, וואוהין מעלתו איז פערפלויגען! — מאַכט רב אָשר אויף עפּיס אַמשונה נגון, דרעהענדיג מיט דעם אויפגעשטעלטען גראָבען פינגער און פאָכענדיג דערביי מיט דער נאָז, וואָס קריכט זיך איהם אַשרעק — חקירות וויים איך נישט. חקירות —

פקירות — ניין! זעהט איהר, אַ גוט קעפּיל, אויף שרייבען אַ קעפּיל. אפליהענדיגס, הו — האַ, האַ — הו, — דאָס צום האַנדעל, יאָ, יאָ!

— אַ גוט קעפּיל אַליין צו דרעהען, צו פליהען איז פאַר דער האַנדעל קאַרג. עס ווערט געפאָדערט דערצו אַ גרויסער קאַפּיטאַל פון פערשיעדענע ידיעות — רעדט זיך רפאל זיינס טאַקי, פיקענדיג רב אָשר'ן מיט איטליכעס וואָרט — מען מוז לערנען, רב אָשר, לערנען און וויסען אַ סך זאַכען, נייטיג אין לעבען אַריין. פון די חריפותדיגע פליהענדיגע יודישע קעפּלעך, אָהן אַזאַ קאַפּיטאַל, נעהמט זיך ביי אונז דער שווינדעל, פון שווינדעל נעהמען זיך די „קוממיות=זאָגער". פון די „קוממיות=זאָגער", — דלות, קבצנות, און פון די אַלע אינאיינעם — עסעניש, בייסעניש, מסירות, פיינדשאַפט פון אייגענע אויך פון פרעמדע. כל זמן דער האַנדעל וועט נישט געשטעלט זיין אויף פע־שטאַנד, אויף אמת...

— אַי, אַי, זייט איהר נאָך, ע=ע, נאָר אַ... אַ יונגער מאַן, מחילה! — שלאָגט רב אָשר איבער רפאל'ן די רעד, אָנקוקענדיג איהם ווי אַ משוגענעם. שאָקעלט מיט'ן קאָפּ און שמייכעלט איהם גלייך אין פנים אַריין — וואָס, וואָס? איך בעט אייך.

— אָט דאָס וואָס איהר הערט. נאָך אַמאָל טאַקי רב אָשר, זאָג איך אייך: אויף פערשטאַנד, אויף אמת און יושר, דער האַנדעל זאָל נישט אַריבערהאַפּען די מאָס. עס זאָל נישט זיין מעהר פאַבריקען, קלייטען וויפיעל עס ווערט געברויכט אין דער וועלט סחורה, עס זאָל נישט זיין סחורה געמלאָכה'טע, געפעלשטע מעהר וויפיעל די נאַטור קען עכטע, גוטע אַזעלכע אַרויסגעבען. עס זאָל בעלוינען אָרענטליך איטליכס מיה, איטליכען אָפּגעבען זיינס. עס זאָל זיין איבערהויפּט אַריכטיגער, אָפענער חשבון — כל זמן, זאָג איך, אַזוינס איז נישטאָ, איז נישטאָ צו האָפען, אַז אַל=דאָס ביז: עלענד, אָרעמקייט, שנאָה און קנאָה...

— נישטאָ וואָס צו רעדען. אַ גוטען! — געזעגענט זיך רב אָשר, נישט אויסצוהערען רפאל'ס שמועס ביז אין סוף אַריין. ער פערדרייסט דאָס היטעל אַ מאַך געבענדיג מיט די אַקסלען, אַ קראַץ אין דער פאָה, אַ דרעה מיט דער נאָז, און ווערט אַנטרונען.

— אַ גוטען טאָג, אַ גוט יאָהר! — זאָגט רפאל, אַז רב אָשר איז שוין געווען אויף יענער זייט מיר — וואָס זאָל מען טאָן? האַ, מען וועט זיך מוזען בעגעהן אָהן רב אָשר'ס הילף אויך.

רפאל איז אין זיין זאַך געווען געלערענט, פראַקטיש, דערצו

אָרענטליך ווי וויט מעגליך. ער האָט קודם-כל זיך גענומען גוט בעטראַכטען גלופסק און זי איז איהם פאָרגעקומען זעהר ציקאַווע מיט דעם סטרוי פון איהרע הייזער, מיט איהרע גאַסען, געסלעך און הינטער-געסלעך; ציקאַווע מיט איהרע יודען, מיט איהרע קרעמער און סוחרים, ציקאַווע מיט איהר שטענדיגען רעש, יאָגעניש, לויפעניש און מיט אַלע איהרע גיינג. דער יצר-הרע פון מסחר איז דאָרט גרויס. יודען האַנדלען איינע מיט די אַנדערע, ציהען די פרנסה איינע פון די אַנדערע. צעהן מאָל מעג אַ סוחר פאַלען, זאָגען „קוממיות", שטעהט ער, נישקשה, אויף און האַנדעלט ווייטער. היינט, אַזוי הייסט עס, היינט איך דיר „קוממיות" און מאָרגען — דו מיר. היינט האַלט דער די בייטש און טראַסקעט, און מאָרגען טראַסקעט יענער. אַט אַזוי דרעהט זיך דאָרט דאָס רעדיל, דער אַרויף, יענער אַראָב, און דערנאָך יענער אַרויף און דער אַראָב. דער יצר-הרע וואַרעמט אונטער, יודען פלאַמען, דרעהען זיך, דרעהען און האַנדלען. רפאל האָט אין גלופסק געפונען אַ פלאַץ אויף אָבצוזעצען זיין סחורה. נאָר ווייל אין האַנדעל מוז מען געבען אויף קרעדיט, אַנדערש איז ניט מעגליך אָבצוזעצען, און מורא האָבען אָבער בעדאַרף מען דאָ פאַר אַנזעצען, דעריבער איז ער אין האַנדעל געגאַנגען האַרט בײַ דער ערד, זיך נישט געחאַפּט, געיאָגט; ער האָט גוט איבערגעזיפּט, געגעבען אויף באָרג נאָר גרויסע בטוחים. דעם כלל האָט רפאל געהאַט: בעסער ווייניג פערדינסט, נאָר זיכער, ווי אַ סך מיט ריזיקע; גלייכער צו געהן פאַמעליך האַרט בײַ דער ערד, ווי צו פליהען און דערנאָך אַראָבפאַלען, ברעכען האַלז און געניק. רב אָשר דער מעקלער אָבער האָט נישט געהאַלטען מיט רפאל'ן, און פלעגט בריינגען ראיות פונ'ם שטייגער פיהרונג אין דער וועלט, פון מדרש און דעם עולם'ס ווערטלעך, וואָס פונקט קאַפּויר, נישט אַזוי ווי ער.

— אַ טעות, ווי איך בין אַ יוד! — האָט גע'טענה'ט רב אָשר, אַז ער האָט פאָרגעלעגט געשעפטען און רפאל האָט נישט געוואָלט הערען — מעלתו לעבט אין טעות. אַלסדינג געווענדט זיך אין מזל. זינט איך לעב — נער הייתי גם זקנתי, מיט אַ גרויסע באָרד — האָב איך נאָך נישט געזעהן אַ סוחר זאָל טראַסקען אין דער וועלט מיט זיין חכמה. די ברכה איז אַנדערש נישטאָ — זאָגען אונזערע הייליגע חכמים — נאָר אין אַ בלינדער זאַך, ווי אַ בלינדער אתרוג למשל. און זייערע ווערטער זענען טאַקי תורת אמת. ווער עס האַנדעלט מיט בטחון, בלינד אָהן חכמות, נישט צופיעל איבערקלערען: — וועט-מיך, העט-מיך, זאָלט-מיך — דעם

שיקט הקדוש ברוך-הוא ברכה און הצלחה אין זיינע געשעפטען. אדרבה, זעט זיך מטריח און זעהט, ווי די וועלט פיהרט זיך. יודען, ברוך השם, האַנדלען, קויפען, פערקויפען, נעהמען, געבען, און גלויבען — זכות-אָבות שטעהט זיי בײַ און זיי לעבען. אויך יענע קרעמער, וועלכע איך לעג דאָ מעלתו פאָר, וואָס ווילען נעהמען סחורה אויף קרעדיט, אויך זיי לעבען, ברוך-השם, מיט ווייב און קינדער, מיט אויסגעגעבענע טעכטער און איידעמס אויף קעסט. ווען, חלילה-וחס, אַ סך אַזינע ווי מעלתו זאָל געווען זיין צווישען יודען, וואָלט די וועלט בעדאַרפט חרוב ווערען. עס וואָלט נישט געגלויבט איינער דעם אַנדערען — אויס קרעדיט, אויס האַנדעל, אויס פרנסה, און עס וואָלט אויסגעקומען — לעג זיך, שונאי-ציון, ציה זיך אויס און שטאַרב. און וואָס נאָך? מענשען וואָלטען נישט געאַקערט, נישט געזייט אויס מורא, טאָמער וועט די ערד זיי אָנזעצען, נישט אַרויסצוגעבען תבואה, אפילו דאָס וואָס זיי האָבען אין איהר אַרייננעלעגט. און אַ פסוק איז דאָך דאָ, וואָס זאָגט בפירוש: הזורעים בדמעה, די וואָס זייען מיט טרעהרען, ברנה יקצרו, וועלען מיט געזאַנג שניידען! אמת, קרעדיט איז געזייט מיט טרעהרען, אָבער דער וואָס מאַכט זיך הארץ, גלויבט און גיט, וועט איהם גאָט ברוך-הוא בעצאָהלען... טאַקי, דעם עולם'ס ווערטיל: ווער עס שטעלט נישט אַיין — נעהמט נישט אויס. דער שפּיץ איז: אַ סוחר בעדאַרף נישט האָבען קיין חכמה, נאָר מזל, דעם אויבערשטענס הילף. דער וואָס איז נישט קיין בר-מזל, מעג ער זיך אפילו זיין אַ חכם ווי שלמה המלך, וועט ער נאָרנישט מאַכען, טאַקי ווי מען זאָגט: אין עצה ואין תבונה, עס העלפען נישט קיין שום חכמות אַ קעגען שלעכטע קאָרטען.

אָט מיט אַזעלכע מיני מימרא'ס און נאָך אַזינע פזמונות פלעגט רב אָשר אַלץ אַיינריידען רפאל'ן, ער זאָל מאַכען דורך איהם געשעפטלעך מיט קרעמער, נישט צופיעל איבערטראַכטען, איבערקלערען, שטאַרק פערזיכערנדיג זיינע ווערטער מיט שבועות און טויטע קללות: ער זאָל נישט אויסלעבען זיינע יאָהרען, ער זאָל אַיינגעהמען אמיתה משונה, ער זאָל נישט האָבען קיין חלק עולם-הבא, ער זאָל נישט הערען שופר של משיח, און נישט זוכה זיין צו פיהרען די טאָכטער זיינע אונטער דער חופה, אויב ער מיינט נישט אינגאַנצען טאַקי נאָר לטובת העסק. גאַנץ פשוט, ער מיינט נישט אַזוי דאָס מעקלעריי, ווי דאָס געשעפט אַליין — דאָס געשעפט זאָל וואַקסען. און זעהענדיג אָבער אַז

ס׳איז אַרויסגעוואָרפענע רעד, רפאל האַלט זיך טאַקי בײַ זײַנס — ניין, ניין! פלעגט ער שוין פריוועט מיט בייזען. דהיינו, אָנדרודלען די נאָז און מאַכען אויף איהם א מורא מיט פוילע תנועות, אַזוי, אַ שטיינער:

— וואָס מיינט אַזוינס זיך מעלתו? מעלתו מיינט, אַז ער איז איינער, נישטאָ מעהר חוץ איהם, האָ! נו, וויסען זאָלט איהר, אַז ס׳איז דאָ, געלויבט איז גאָט, אַ מאָסקווע און אַ לייפּציג אויף דער וועלט! און באמת טאַקי גרויסע נאַראָנים זענען זיי, די גלופּסקער סוחרים. צו וואָס טויג זיי נעהמען סחורה בײַ מעלתו, וואָס קומט זיי אָן מיט אַזוי פיעל מיה, מיט בויכוועהטיג און אויף טייערע פרייזען, אַז דאָרט, אין יענע שטעדט, בײַ דעם פאָניע און דעם דייטש, געהט מען זיי אַ קעגען, מען רייסט בײַ די פּאָלעס, בעטענדיג זיי: אהער, יודעלעך, אהער! נאַט אייך סחורה, אַ בחיר, און בזיל־הזול. אפשר איז שווערליך במזומנים, קען מען הויבען אַ הקפה — נעהמט, אָך, אויף קרעדיט. און יודען געהען טאַקי און נעהמען. און אַז עס מאַכט זיך אַ מאָל אַ קרעציל, אַ שטיקעל עכוב הייסט עס, מען קען נישט ענטפּערן צום טערמין, צאָהלען, הייסט עס... איז, חלילה, נישט אַזאַ גרויסע סכנה. דער דייטש און פאָניע זענען גוטע מענשען, זיי שווייגען. יאָ, מעלתו בעדאַרף דאָך וויסען, אַז פאַרשלאָגען דאָ שלאָג איך איהם פאַר נישט יענע סוחרים, וואָס האָבען שוין לאַנג אָבגעטאָן זייער זאַך, פערשטעהט איהר מיך, דאָרט... נאָר אַזוינע, וואָס עדיין לא היו במאָסקווע, מעלתו פערשטעהט, וואָס דער טייטש איז פון אַזוינע ווערטער? דאָס הייסט: זיי זענען נאָך נישט געווען, פאַרשטעהט איהר מיך, אין מאָסקווע, פאַר זיי איז נאָך אַ מעגליכקייט קומען אהינצו הויבען אַ הקפה און מיט דער צייט זאָל בײַ זיי בלייבען אַ מנה־יפה, אויב אַזוי... איהר פאַרשטעהט, אויב אַזוי, זענען זיי דאָך נישקשה׳דיג, אַצונד, דאָ אויפ׳ן אָרט „ראַיעלע״ סוחרים... אַ קלוגען בעדאַרף מען קיין פינגער אין מויל נישט אַרײַנלעגען, ער פערשטעהט אויפ׳ן ווינק.

אויך אַזעלכע שאַרפע ווערטער האָבען נישט געהאָלפען.

דאָס צווייטע קאַפּיטעל.

רפאל האָט גענעבען סחורה די קרעמער, ווי דער איינפיהר איז, אויף אַ צייט פון עטליכע חדשים אויף וועקסלען נאָר פון גרויסע בטוחים, וואָס זייערע וועקסלען איז באַלד טאַקי אין דער הייסער רגע געווען גרינג אָבצוסקאָנטירען. אי וואָס עס איז דערבײַ צו פערלירען היבש פּראָצענט, דאָס האָט איהם נישט געאַרט, אַבי דאָס געלד איז שלום בקעשענע און ער קען רוהיג שלאָפען. און אַזעלכע סקאָנטעס האָט ער געהאַט מיט לייבצע דעם רויטען — אַ איד אַ נגיד און אַ פּראָצענטניק אין גלופּסק.

ווי דער וועלט איז בעקאַנט, איז לייבצע דער רויטער, מיט אַ בלייך פּנים, אַ לאַנגע נאָז און אַ קורץ בערדיל, דאָס שיינדיל אין גלופּסק, מיט וועלכען נעהמט זיך איבער פאַר אַ וועלט מענשען.

— נאַט, הייסט עס, קוקט אָן דאָס נפש מיינס, די שיינע צורה די אַרבייט מיינע!

לייבצע איז איינער פון יענע לייט דאָרט, וואָס קוואָקען אויס אויף פיינע־בריות, אַרײַנצוטרעטען אין דער געוויסער כנופיא, וואָס ניט פון זיך אַרויס פאַר דעם פאָלק ישראל די אַלערליי גבאים, פיהרער, קאָכלעפעל, מאַכערס, טהוערס, טענצערס, עצה־געבערס, נאָך און נאָך אַזעלכע פיינע פאַרשוינען, צו פאַרזאָרגען אונז אָרימע יודישע קינדער, נאָר אומגעבעטען, מיט משונה ווילדע טובות. געוועהנטליך זענען זיי דיסענטענע מענשען, וואָס נעהמען בײַ יענעם די נשמה אַרויס מיט גוטען. זיי זענען, דאַכט זיך, גאָר אָהן אַ גאַל, און האָבען אין דער גאָז פלייַ. יודיש געלד, וואָס געפינט זיך בײַ זיי, איז זיי טייער, נישט

אויסצוגעבן דערפון אויף קיין שום בעדערפנישען, נאָר אויף זייערע אייגענע אַליין. אויף כבוד זענען זיי מוחל, אָבער נאָר אויף יענעמס. זיי זענען גרויסע בעלי־צדקות, אָבער נאָר איבער אַ פרעמדער קעשענע, זיפצען, קרעכצען אויף כלל־ישראל — אַך, אויף וואָס די וועלט שטעהט, נאָר קאָסטען זאָל עס נישט קיין גראָשען. יודישקייט, מהיכא־תיתי, איז זעהר טייער, נאָר אַ מינדסט אייגען אינטערעסיל איז נאָך טייערער.

לייבצע דער רויטער שניידט זיך אויף אַ פיינע־בריה און לעכצט שטאַרק אַריינצוטרעטען מיט אַ פוס צווישען די בערען. קיין למדן איז לייבצע נישט געווען. גאָר עט, וואָס מאַכט עס אויס! אַ מאַכער אין שטאָדט ווערט מען, נישט אַזוי צוליעב תורה, ווי צוליעב סחורה, אדרבה, תורה איז געוועהנטליך גאָר אַ חסרון — טאַקי דעריבער וויל דו קענסט לערנען, קענסטו נישט אויסגעקליבען ווערען בײַ אונז אין חברה.

בעפאַלען מיט קינדער איז לייבצע דער רויטער נישט געווען. ער האָט געהאַט נאָר צוויי טעכטער, איינע, די עלטערע, הנצה, אַ בילד־שענע, און איינע אַ מיאוסע, נאָך גאָר אַ קינד. יענטיל, לייבצעס ווייב, אַ בייכיגע יודענע, איז בײַ זיך אין שטוב דער גאַנצער קאָפּ — קלינגט שטענדיג מיט אַ בונד שליסעלעך, אַ שען קניפּעל. זי פיהרט זעהר אַ גוט לעבען: עסט, אָהן עין־הרע, שלאָפט, טהוט זיך וואויל, איז פעט, בעלייבט, און פונדעסטוועגען האַפט זיך איהר עפּטערס פונ׳ם מויל אַרויס אַ זיפץ, אַ קרעכץ. זי קלאָגט זיך אין אַ שמועס מיט בעקאַנטע ווייבער, קלאַפּענדיג זיך אַלץ אין האַרצען, אָנווייזענדיג, אַז אָט דאָ, דאָ האָט זי אַ וואונד, שאָקעלט מיט דעם קאָפּ, פערגלאָצט די אויגעלעך, אַלץ טענות צום רבונו של עולם.

— אוי, אַזוהן, אַ קריש

זי האָט שוין איבערגעטאָן אַלע מיטעל, וואָס אין דער וועלט, איבערגעהאַט עסקים מיט רופאים, דאָקטוירים און מיט וועמען איהר ווילט. זוילט איהר אַלטע גויות — איז אַלטע גויות; ווילט איהר בעלי־שמות, טאַטערס, להבדיל — איז בעלי־שמות, טאַטערס, להבדיל, וואָס?

— גאָרנישט!..

די ווייבער מאַכען אַ רחמנות־פּנים׳ל, שאָקלען איהר אויך צו מיט דעם קאָפּ, געהמען פונ׳ם כבוד. וואָס יענטיל שטעלט פאַר זיי, קיין

עס פאַמעליכען מיט חן, טרייסטען זי, נעבעך, און אין די אויגעלעך שפּיעלען זיך זיי טרעהרען.

— אַז איך אַליין, אַזוי איז דער שטייגער יענטילס געווען זיך צו קלאָגען: אַז איך אַליין, וועה איז מיר, ווינד איז מיר, בין אַזוי גע־שטראָפט, אַזוי אומגליקליך, נעבעך, לאָמיך־זשע חאָטש נחת האָבען פון די טעכטער, זוכה זיין בײַ דעם וואָס לעבט אייביג, טאַטע־פאָטער, רחום, צדיק, אין־גיכען די עלטערע טאָכטער אונטער דער חופּה פיהרען און דערלעבען פון איהר יונגלעך־אייניקלעך...

— אָמן. הלואי, רבונו של עולם, — פלעגען איהר אָבענטפערן די ווייבער, פערוואָרפענדיג די אויגעלעך און מאַכען דערבײַ אַזעלכע משונה פערקרימטע צורות, גלייך ווי זיי וואָלטען איבערגליקליך געווען, ממש ווי נײַ געבוירען ווערען, ווען השם־יתברך זאָל זיך דערבאַרמען אויף יענטלען, נעבעך, און זי בענשען מיט אייניקלעך־יונגלעך. אַז נישט, וועלען זיי עס נישט אויסהאַלטען, חס־ושלום!...

דעריבער קיים איז הנצה פון די קינדערשע שיכלעך אַרויס, נאָך זעהר יונג, האָט שוין יענטלען זיך שטאַרק פערגלוסט אַ חתן פאַר איהר, — עפּיס אַזאַ מין פערגלוסטען זיך, מעהר ווי דער שטייגער איז פון אַלע ווייבער, מאַמעס, וואָס גלאַט דער ענין החתונה אַליין, צונויפ־פיהרען זיווגים, קינדער חתונה צו מאַכען, איז עפּיס טאַקי נאָר אַ ברענענדיגער יצר־הרע בײַ זיי... יענטיל האָט געברענט געאַרבייט אויף אַלע כלים. געדולט דעם מאַן אַ קאָפּ טאָג ווי נאַכט:

— געוואַלד אַ חתן, אַ שידוך פאַר דער טאָכטער!

נאָר לייבצע אָבער האָט זיך נישט אַזוי שטאַרק געהיצט, ער איז געווען אין שידוכים אַ גרויסער איבערקלייבער. איהם האָט זיך געגלוסט אַ איידעם מיט אַלע מעלות: אַ זיידען קינד, אַ גוטס, אַ פרומס מיט אַוואויל קעפּיל, פון אַ געהייבענער משפּחה, איינגעטונקט אין יחוס, אַז גאָט און לייט זאָלען איהם מקנא זיין. לייבצע האָט, ווי אַ סוחר, געזוכט אין אַ שידוך אַ געשעפט איינצוהאַנדלען פאַר זיך, אויך פאַר זיין טאָכטער אַ סחורה, עס זאָל גוט זיין פאַר ביידען. עס האָט איהם געפּאַסט צום עסק, זיך משדך צו זיין מיט בערען, איינקויפען זיך אין דער גילדענער אָהן, הוילע צימעס. ער האָט געזוכט, געזוכט און דערטאַפּט לסוף עם אַנטיק — דערטאַפּט אַ בנציה, אַ בלייך בהור׳ל, אַ דאַרס, מיט אַ אויסגעוויקט פּנים׳ל, ערשט בר־מצוה און שוין קאַנדידאַט אויף מרידיז־יבלל, אַ תכשיט, ווי געוואונשען.

חנצה ווערט, למזל, אַ כלה און צו פונפציקן יאָהר אַ אשת־איש, אַ פּלוניתטע. זי זיצט מיט „איהרען" ביים טאַטען אויף קעסט.

דאָס „מאַנדעלע" איז אַ איידעמיל מיט אַלע פּישטשעווקעס: עס געהט זיך פריהמאָרגענס טאָג־טעגליך אין קלייזיל דאַווענען, בעלאָדען מיט אַ טלית־און תפילין־זאַק, גרויס ווי ער. קימט אַ אָבגעדאַווענטער צוריק, קושט די מזוזה, זאָגט אין דער וועלט אַריין: גוט מאָרגען! מעהר קיין וואָרט. וואַשט זיך, זאָגט „שאו ידיכם", „המוציא" — און עסט. אָבגעגעסען — געהט עס זיך באַלד טאַקי ווידער אין קלויז, לערנען, און קומט מיטאָג־צייט נאָך אַ׳מאָל עסען. אָבגעגעסען, ווייטער אין קלויז, קומט אויף דער נאַכט צוריק, קושט די מזוזה, זאָגט אין דער וועלט אַריין: אַ גוטען־אָוועגד! איז מקים אבילת קעסט, עסט אָב, בענשט, לייענט קריאת־שמע און גיכער אין בעט אַריין־שלאָפען. עפּיס שמעקט עס טובלע, גיט זיך נאָך מיט בעל הבית׳ל, גאָר אַ דערקוויקעניש.

לייבצע האָט הנאה, יענטיל איז זיך גאָר מחיה, און חנצה איז זיך דערוויל ווי פריהער טאַקי חנצה—גאָרנישט... נאָר מיט אַ צוגעדעקטען קאָפּ. אַ שטיקעל פערענדערונג אין איהר פון נאָך דער חתונה איז יאָ דאָ — עפּיס שעהמט זי זיך, דערזעהט זי איהם, איהרען הייסט עס, לאָזט זי אַראָב די אויגען. פאַר פרעמדע איז נאָך ווי־ס׳איז, נאָר פאַר בעקאַנטע ווערט זי פייער־רויט און זוכט ווי אַנטרונען צו ווערען. עפּיס איז איהר פריקרע, וואָס? — דאָס איז שוין איהר סוד. די בעקאַנטע פלעגען צווישען זיך איבערווינקען זיך מיט אַ שמייכעלע. גליך ווי געזאָגט: מיר פערשטעהען. די מאַמע פלעגט זי געוועהנטליך, ביים אַנטרונען ווערען, בעגלייטען מיט אַמילדען בליק, דערביי אויך שמייכלען, שמעלצענדיג זיך, און צושאָקלען מיט דעם קאָפּ.

רפאל׳ן פלעגען מיטבריינגען די געשעפטען זיינע, קומען עפּטערס צו לייבצען אין הויז. ביים ערשטען מאָל זעהן פונדערווייטענס רפאל׳ן דורך דער אָפענער שיר אין טאַטענס חדר, איז ער חנצה׳ן פאָרגעקומען עפּיס משונה ניי — דאַכט זיך אַ מענש, אַ נאָז מיט אויגען, נאָר עפּיס אַ אַנדער מין! אַ אַנדער רעדען, אַ אַנדער בעגעהמונג, אַ אַנדער קליידונג, אַלסדינג אַנדערש ווי ביי יענע, וואָס זענען איהר צו די אויגען געקומען דאָ אין גלופּסק ביז אַהער. זי האָט הינטערוויליכס געוואָרפען אויגליך אויף איהם, נישט מיט׳ן מיין, חלילה, הנאה צו האָבען, עס האָט זיך איהר נעגלוסט; ניין, נאָר גלאַט אַזוי זיך אַ קוקעלע — עס האָט זיך עפּיס געקוקט... די אויגען האָבען זיך געקוקט און אין קאָפּ

ביי איהר איז נאָך נישט געווען פאַרטיג קיין פּיצעל מיינונג איבער איהם. מעגליך, אין אַ קורצער צייט אַרום וואָלט זי איהם אינגאַנצען פערגעסען, ווען נישט דער טאַטע איהרער, וואָס פלעגט זעהר אָפט מאַכען אַ רעד וועגען איהם אין שטוב, לויבענדיג איהם אין טאָג אַריין, אַזוי אַ שטייגער:

— אָ, דרך־ארץ, זאָג איך אייך, פאַר דעם דאָזיגען יונגען מאַן, אַט־אָ! ער איז אַ דורכגעטריבענער, קלאָר אין עסק מיט אַלע אָבשניטצלעך, דריידעלעך דריגען. איך בין זיכער, אַז מיט דער צייט וועט ער וואַקסען, וואַקסען העט־העט! און נעהמען אַ כלה גאָר מיט די גרויסע אלפים. געדענקט מיין וואָרט... אַ שאָד גאָר, אוי, אוי—זיפצט לייבצע, קלאַפּענדיג מיט אַ פינגער זיך אין שטערען — וואָס ער איז אַ ביסעל דאָס... ווי הייסט עס ביי זיי, ביי די היינטיגע דאָרט — „אויפגעוועקט" צו אַלדי שוואַרצע יאָהר; נאָר באַ... נישקשה... דאָך אַ חילוק. נישט ווי יענע אָרעמע בעלי־עברות. אויך מיר מענשען, משטיינס־געזאָגט — קבצנים!... ער אָבער, די כפרה מעגען יענע פאַר איהם ווערען, ער איז אַ סוחר, ווייסט ווי צו פערדיענען אַ קערבעל, אַט וואָס! אַ מענש איז ער, אַ מענש, וואָס אַ מענש הייסט, מיט אַ קאָפּ צום האַנדעל!... איהר פאַרשטעהט? אַ זעלכען קומט אַ כלה, אַ כלה מיט אַ שענעם, אַ שענעם נדן

די דאָזיגע שבחים זענען פונ׳ם טאַטענס מויל אין דער טאָכטערס אויערען אַריין, נאָר נישט צו דענקען, וואָס ער אַליין האָט זיך דערמיט אָנגעמאַכט — אַ גאַנצע איבערקעהרעניש אין שטוב ביי זיך, נישט פאַר יודישע קינדער געדאַכט. פון לייבצעס דאָזיגע שבחים הויבט ביי חנצה׳ן אָן צו אַרבייטען דער מח. דאָרט אין קאָפּ ביי איהר, וואו ביז אַהער איז געווען רוהיג, שטאָק־טונקעל, הויבט אָן פלוצים צו טאָגען — עס האָט זיך אויפגעחאַפּט פונ׳ם שלאָף דער יונגער שכל, מיט איהם האָבען זיך אויך גערירט געדאַנקען און זיך גענומען צום עסק: אַלסדינג צו בעטראַכטען, צו פרעגען, וואָס בעטייט דאָס, וואָס יענץ, צו בעטראַכטען מענשען מיט זייערע געננ און אָבגעגעבען זיך אַ רעכנונג, וואָס ס׳איז שען, גוט און וואָס ניין. עס ווערט אָפּאָרגענומען רפאל, חנצה׳ס געדאַנקען אַרבייטען. דרעהען זיך אַרום איהם, בעקוקען זיין פּנים, זיין געשטאַלט, אַלסדינג ווי ער שטעהט און געהט. עס שטעלט זיך פאַר צוגלייך אויך בנציה, אַזוי ווי ער איז, משטיינס־געזאָגט, מיט דעם פּעניציל, מיט די צנאָטעלעך, מיט די אַלע תנועה׳לעך זיינע, און ז

פערקרימט זיך עפּיס אַ שרעק. זי קעהרט זיך אין די געדאַנקען איהרע אום ווידער צו רפאל'ן, טראַכטענדיג בײַ זיך: יאָ, ער איז שען! יאָ, טאַטע, דו האָסט טאַקי רעכט — ער איז בעסער, קלוגער, קיין פערגלייך! פונ'ם קאָפּ ריפּט זיך עס אָב אין האַרצען — עס טהוען זיך אַ נעהם געפיהלען, עפּיס צופּט עס, צופּט, מאָנטעט בײַ דער נשמה. דאָס האַרץ גיט אָנצוהערעניש — און חנצה'ן פערווילט זיך איהם נאָך אַ מאָל זעהן, אוי, חאָטש נאָר אַ ווײַלע אַ קוק טאָן אויף איהם. נאָר אָנשטאָט „איהם" קומט, ווי געוועהנטליך אַלע טאָג, „איהרער", משטיינס־געזאָגט, מיט זיין קושען די מזוזה און מיט דעם שענעם „גוט מאָרגען" זיינעם. זי לאָזט אַראָב בײַ זיין אַריינקומען די אויגען, נאָר דרינען ליגט נישט מעהר קיין שעמען זיך, דאָס וואָס פריהער, ניין! דאָס איז שוין גאָר עפּיס אַנדערש — עס קומט איהר אויס עפּיס פּע, עס שלאָגט צום האַרצען... און באַלד טאַקי ווערט זי מיט זיך נישט צופריעדען, האַלט עס פון איהר זײַט פאַר אַ גרוים אומרעכט — סטיימש אַ קעגען אַ מאַן! ווי קומט עס אַזוינס צו אַ יודישער טאָכטער? זי טהוט זיך אָן אַ כח די אינד צו פאַרגלעטען, דוקאָ טאָן אויף איהם אַ בליק, ווייזען אַ פריינדליכע מינע. קרים אָבער פועל'ט זי עס בײַ זיך, אָט אין דער רגע טאַקי קומט איהר, מעשה־שטן, אויפ'ן געדאַנק, עפּיס גאָר ווי אויף צו להכעיס — „ער", רפאל! חנצה איז עפּיס מיט זיך אַליין צודרעהט, נישט רעכט צו פאַרשטעהן, וואָס איז איהר אַזוינס געשעהן? זי זוכט זיך אויס אַרבייט, בכדי דעם קאָפּ זיך צו פערשלאָגען, מישט זיך אין דעם בעל־הבתיש'־קייט, חאַפּט זיך צו אַזעלכע מלאָכות, וואָס זי האָט גאָר קיינמאָל נישט געטאָן. די מאַמע קוועלט גאָר אָן קוקענדיג, שמעלצט זיך פאַר גרויס פרייד און גיט איהר אונטער חשק:

— אַזוי, טאָכטער, אַזוי, לעהרען זיך, נשמה מיינע, זיין „אַ בעל־הבית'טע־מיט „דיינעם" ביז הונדערט מיט צוואַנציג יאָהר!

חנצה שטעהט זיך איינמאָל אַליין אין שטוב פריהמאָרגענס, קיינער חוץ איהר איז נישטאָ. זי טראָגט אַ דינס, אַ שניי־ווייס באַטיסטען קאָפּ־טעלע, צוגעפּאַסט צום לייב, מיט אַ געשטיקט קרעגענדיל, פּעסט געשפּילעט אַרום אַ קלאָר, ווי פון עלפענביין אויסגעטאָקט העלזועלע, דאָס יונגע פּנים'ל מלא חן, בלוט און מילך, אַ מיילכען נאָר צום מאָלען, שוואַרצליכע, ברענענדיג־פּיכטליכע אויגען לויכטען אַרוים פון געדיכטע ברעמען, ווי אַ פּאָר בריליאַנטען. אויפ'ן קאָפּ אַ ווידען טיכעל, אַרויס־גערוקט אַ ביסעל, אַזוי אַז עס קוקען אַרוים בגנבה האָר.

זי איז בעשעפטיגט מיט איבערווישען גלעזער, שעלכלעך, אויס וועלכע מען האָט געטרונקען טיי, און ווי זי נעהמט זיך אויסשטעלען זיי אויף זייער אָרט אין בופעט, קומט אַריין אין שטוב רפאל. זי קעהרט אוים דאָס פּנים, טהוט אַ קוק און ווערט צומישט. רוקט געשווינד אַראָב דאָס טיכעל כמעט ביז די אויגען, שטעהט ווי אַ נעבטיגע און שווייגט.

רפאל'ן גיט עס עפּיס אַ נעהם. ער זעהט פאַר זיך אַ שענהייט, נאָך גאָר אַ קינד — און שוין מיט אַ צוגעדעקטען קאָפּ! ער שטעהט אַהיילע אויך אָהן ווערטער און איז פערגאַפט. באַלד געפינט ער זיך, חיטעט זיך מיט איהר גאַנץ איידעל, מיט דרך־ארץ, אויף דעם נייעם שניט, און פרעגט זיך אויפ'ן פאָטער. נאָכדעם ווי ער האָט בעקומען איהר ענטפער, אַז דער פאָטער איז נישטאָ אין דער היים, טהוט ער זי ווייטער אַ פרעג, אויב ער וועט באַלד קומען. זי טראַכט ענטפערן: „ניין", נאָר נישט ווילענדיג חאַפּט זיך איהר פונ'ם מויל אַרויס „יאָ", און בעט איהם זיצען. וואונדערט זיך דערנאָך אַליין דערויף, וואָס זי האָט דאָ געטאָן, למאי האָט זי איהם פערהאַלטען. געבעטען זיצען, נאָר פערפאַלען.

אויך די אייגענע מעשה טאַקי מיט רפאל'ן. איידער זיך רעכט צו בעדענקען, זיצט ער שוין אַראָבגעלאָזט די נאָז, ווי דער גוטער יאָהר וואָלט איהם גענומען, און אַנידערגעזעצט אויפ'ן בײַנקעל. אין קאָפּ פּיקט זיך איהם אין איין פּיקעניש: קום, בחור, הייב זיך אויף און קום, זײַ נישט קיין לעקיש! און דאָס האַרץ אָבער דערלאָזט איהם נישט אַוועק־צוגעהן, אַלץ: זיץ, זיץ, נישקשה! די האַנד דערווייל געהט פון זיך אַליין אין בוזעם־קעשענע, נעהמט און דרעהט אַ פּאַפּיראָס.

חנצה איז גערן חאָטש מיט וואָס ס'איז צו דינען און טראָגט אונטער אַפּעקיל שוועבעלעך. רפאל דאַנקט, זוכט אוים עפּיס אַ געשפּרעך, תחילת געהט עס עפּיס שווערליך, קורץ, איבערגעהאַקט, עס קלעפּט זיך נישט, ער אַלץ מיט שאלות: איין מאָל אַ פרעג, ווייטער אַ פרעג, גלאַט אַזוי זיך פון דער העלער הויט, און זי אַלץ: „יאָ", „ניין". אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ. נאָר וואָס ווייטער — ווייטער שפּינט זיך דאָס געשפּרעך שוין גרינגער, לייכטער. עס קומט צורעד פונ'ם גלופּסקער עולם יודען: יודלעך אַזוינע, פּראָסטע, אָהן חכמות, נישט קיין געמלאָכה'טע. און יודלעך מיט חכמות, געמלאָכה'טע, אַזוינע און אַזוינע... חנצה אינטערעסירט זיך צו וויסען, אויב ער איז נאָך פון יענע „אויפגעוורענע", „אַריסטאָ־

קראַטען", ווי זיי הייסען, און אַז זי האָט געזעהן, ווי ביים דערמאָנען נאָר זייער נאָמען האָט רפאל זיך פערקרימט אַזוי, וואָס האָט געהייסען ערגער נאָך ווי געשאָלטען זיי אין טאַטען אַריין, איז זי עפּיס לעבעדיגער געוואָרען.

— דער טאַטע מיינער, זאָגט זי: האָיז זיי אויך נישט ליעב, אָנקוקען קען ער די דאָזיגע לייט נישט.

— א-א, דער טאַטע! מאַכט רפאל, פאַרדרעהענדיג די נאָז, ווי איהרע ווערטער האָבען איהם שטאַרק נישט געשמעקט: דעם טאַטענס נישט קענען אָנקוקען איז עפּיס גאָר אַנדערש.

הנצה שטעלט אויף די אויגען אויף איהם פערוואונדערט, גלייך ווי זי פאָדערט, ער דערקלערען, וואָס בעטייטען זיינע ווערטער.

רפאל אָבער האָט איינגעזעהען, אַז אַצינד איז נישט די געלעגענע צייט אַריינצולאָזען זיך דאָ מיט איהר אין אַטיעפען שמועס, וואָס איז פאַר איהר תרגום. ער מאַכט זיך דעריבער תם, כלומרשט פערשטעהט ער זיך נישט אויפ'ן וואונק, וואָס זי קוקט דאָ אַזוינס אויף איהם, און מאַכט א שמועס גאָר איבער עפּיס אַנדערש.

אינמיטענדרינען, ווי זיי שמועסען דאָ זיך ביידע, טהוט זיך אַיין עפען די טיר — און עס ווייזט זיך אַ גרויסער טלית-און תפילין-זאַק, פון א בן-פקועה-פעלכען, אַרומגעלאַמעוועט מיט בלויע קרייקעס, אויף וועלכען ס'איז אויסגענעהט עפּיס ווייסע צייכענס פון אַ פאַבריקע און ציפערס פונ'ם יאָהר. נאָך דעם טלית-און תפילין-זאַק ווייזט זיך אַ הענטיל, עס טהוט אַ שמיר די מזוזה. נאָך דעם שמיר הערט זיך אַ קוש, נאָך דעם קוש ווייזען זיך פיסלעך — און אין שטוב רוקט זיך אַריין מיט אַ משונה=חילדען „גוט-מאָרגען" אַ קליין יונגער-מאַנטשיקעל, אַ דאַרס, אַ בלייכס אין אַ לאַנגער לאַסטינגענער קאַפּאָטע מיט אַ ים-שוימען-שטעקעלע אין דער האַנד.

בנציה וואַרפט אַ בליק אויף הנצה'ן, אויף רפאל'ן, ווערט רויט, ווי א אינדיק, און לויפט דורך געשווינד די שטוב מיט די פיסעלעך, שנאַרק אויפגעבראַכט, צו זיך אין אַלקעריל אַריין.

אין דעם ביזען בליק זיינעם איז ניט געלעגען דאָס, וואָס מען רופט „פּעפּערזיכטיג", חלילה! ווי קומט עס צו איהם? פרעגט איהם בחרם אַזוינס גאָר צו טראַכטען. חלומען וואָלט זיך איהם אפילו נישט נעקענט אַזעלכס... נאָר וואָס דען? איהם האָט אונטערגעטראָגען גלאַט

גאָר אָהן אַלע חכמות, דאָס שמועסען איהרס מיט אַ מאַנסביל. איהר זיצען מיט אַ מאַנסביל אָהן אַ שומר, דאָס אַליין איז אַיין עברה: גויה, מען טאָר נישט! ס'איז דאָ בפירוש אַ דין... פונקט אַזוי וואָלט איהם אויך געאַרט אַ פליישיג טעפיל ביים פייער נעבען אַ מילכידיגס. ס'איז נישט רעכט, נאָך איידער עס קען גאָר ווערען אַשאלה...

חנצה איז ביי בנציה'ס אַריינקומען געבליבען זיצען ווי אָבגעבריהט פאַר בושה, אַ גאַנצער קנויל פון פערמישטע געפיהלען האָבען זיך אינווענינ אין איהר געפלאָנטעט. גלאַט „מאַן" פאַר זיך אַליין, ווייל אין דעם נאָמען ליגט אַזוינס, וואָס מען טהאָר נישט זאָגען, איז עפּיס בריקרע, אַבושה פאַר לייטען, און בפרט נאָך אַזעלכער ווי בנציה. ס'איז איהר אַ חרפה, אַ בושה דאָס אַריינקומען זיינס, זיין געשטאַלט, אַלץ מיט איינאַנדער, משטיינס-געזאָגט. עס אַרט זי, וואָס דענקט וועגען איהם רפאל, וואָס פאַר אַמיינונג האָט ער איבער איהר שליממזל? באַלד אָבער איז זי בייז אויף זיך אַליין, סטייטש, וואָס געהער זי זיך אָן מיט דעם, מיט א ווילד-פרעמדען מענשען? לאָז ער זיך דענקען וואָס ער וויל, אַלץ איינס. נאָכמעהר, זי פיהלט זיך נאָר בעליידיגט פאַר דעם מאַן, איז אין כעס, פאַר וואָס זאָל יענער דענקען פון איהם שלעכט. ער איז דאָך פאָרט איהרער. עס פערדריסט זי, צו-וואָס האָט זי דעם פאַרשוין דאָ פערהאַלטען. וואָס וויל זי, וואָס פערלאַנגט זי? און טאָקי צוגלייך דערמיט פיהלט זי, ווי עס ציהט איהר עפּיס דאָס האַרץ, עס ציהט, ציהט אַ שרעק! ס'איז אינווענינ אין איהר אַ קאָכעניש, אַ פלאָנטעניש, זי מינעט זיך, די פאַרב שטעהט איהר אין פנים — און זי איז וואונדער-שען, שענער נאָך ווי פריהער.

רפאל פערשטעהט איהר לאַגע, פיהלט זיין שולדיגקייט, אַז איצט האַלט גלייך געוועזען זי לאָזען צוריה. ער רייסט זיך, רייסט זיך אוועקצוגעהן, נאָר אומזיסט, ער קען פון איהר די אויגען נישט אָברייסען — ביידע זיצען ווי אויף שפּילקעס און שווייגען.

אַ שנייצען די נאָז, ברייט, אויף אַ קול חי פון אַ שופר, לאָזט זיך הערען אויף יענער זייט טיר, אָנזאָגענדיג די בשורה, אַז אָט געהט לייבצע. דערזעהענדיג רפאל'ן ביים אַריינקומען אין שטוב, איז לייבצען ליכטיג געוואָרען אין די אויגען. ער האָט זעהר גוט געוואוסט, אַז רפאל קומט אַנדערש נישט, סיידען ס'איז דאָ אַיין עסק, און דאָס ווילט זיך איהם דאָך טאַקע זעהר שטאַ"ק, הלואי עפּעס עסקים מיט רפאל'ן, וועט ער דאָך פערדיענען.

— אָ, אַ גאַסט! מען בעדאַרף מאַכען שהחינו, איוואַ, אַזאַ צייט, אַזאַ לאַנגע צייט נישט געווען ביי מיר אין שטוב! האַ, וואָס איז די מעשה, וואָס? נישט שען, רב רפאל, נישט שען — מאַכט לייבצע קלאַפּענדיג מיט אַ פינגער די נאָז — אדרבה זאָגט, טהוט מען עס אַזוי אַ פריינד, וואָס האָט אייך אמת ליעב, האַ? בנאמנות! איך האָב זיך שוין שטאַרק מצער געווען, אַלץ איבערגעטראַכט, אפשר האָב איך מיך מיט עפּיס פאַרזינדיגט, נאָר השם=יתברך איז מיין עדות, אויך מיין ווייב און מיין טאָכטער דאָ, וואָס איהר זעהט, אַז איך בין ריין פון שולד, אדרבה, פאַרקעהרט... עולם ומלואה האַלט איך פון אייך. איאָ, חנצה, וואָס זאָג איך תמיד, האַ, אויף רב רפאל'ן? — מילא נו, פערפאַלען. וואָס געווען, איז געווען, אַ צונד כ איך מיך באמת, וואָס איך זעה אייך, זאָל מיר גאָט אַזוי העלפען בכל אשר אפנה. נו זאָגט=זשע מיר קודם כל, ווי געהט עס אין געזונד, אין די געשעפטען, האַ?

— געלויבט דער אויבערשטער, גוט! זאָגט רפאל: געשעפטען זענען דאָ זעהר פיעל און אָט בין איך טאַקי אַ צונד געקומען וועגען געשעפט.

— אַי=אַי, אויב אַזוי, קומט=זשע אַריין צו מיר אין חדר, — זאָגט לייבצע מיט אַ שיינענדיג פּנים פאַר גרויס הנאָה: — קומט, זייט מוחל, און מיין טאָכטער וועט זיך מטריח זיין צוליעב דעם גאַסט אַריינטראָגען אונז אַהינצו אַ ביסעל משקה מיט פערבייסען, אַ — יאָ, חנצה? אָדער אפשר איז דער מאַן דיינער שוין געקומען פון בית=מדרש און דיר גלוסט זיך אַ ביסעל פאַרברייגען מיט איהם, האַ, וואָס שעמסטו זיך, חנצה?

— חכמה'ט=זיך לייבצע פאַר גרויס שמחה, נאָכקוקענדיג מיט איין אויג חנצה'ן, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען שטאַרק פאַרשעמט, מיט דעם אַנדערען בוינקענדיג צו רפאל'ן, און איז מיט איהם צו זיך אין חדר אַריין

דאָס דריטע קאַפּיטעל.

יענע צייט, מיט אַ יאָהר פערציג, פופציג צוריק, האָט אין דער לאַנגער, פינסטערער נאַכט פונ'ם יודישען לעבען ביי אונז אין לאַנד אָנגעהויבען צו שיינען אויף טאָג. אַ פרישע ווינטעלע האָט אַ בלאָז געטאָן פון מערב=זייט, צוטריבען די געדיכטע וואָלקענס איבער דער ענגער יודישער גאַס און די בילדונג האָט ווי דער מאָרגענשטערן אַריינגעשיקט אויך אַהין פון איהרע שטראַהלען. אַ קלענער טייל יודען זענען מיט דעם בעגין אויפגעשטאַנען לערנען, צווישען זיי אַזעלכע, וואָס די אויגען נאָך פערשלאָפען, נישט רעכט ביי די געדאַנקען, האָבען ווי די פערדולטע זיך געיאָגט, געוואָרפען אין אַלע זייטען, און פאַר גרויס איילעניש דערוויל געבראָכען, אומגעוואָרפען, אָנגעמאַכט שאָדען. דער איבריגער עולם האָט זיך נישט געריהרט פונ'ם אָרט, זיך געבייזערט און געמורמעלט, וואָס מען שטערט איהם דעם שלאָף...

ס'איז אַ קריגעריי, אַ געווערטלעריי צווישען ביידע צדדים: די רופען יענע „ב...רס", פוילע — פאַרלעגערטע — צוגעלעגערטע סחורה, אונטערלאָזענדיג זיי אונטער דער נאָז פאָנפעס, און יענע ניסען, קייכען, שרייען: שקצים. הולטאַיעס! די יאָגען אַלץ ווייטער, ווייטער, אַרויס אין דער פרייער וועלט אַריין, מיינענדיג, עס שטעהט זיי פאַר דאָרט גליקען, און יענע אויף די געלעגערס גיבען אויף זיי אַ מאַך מיט דער האַנד: נאַראָנים! איהר וועט חאַפּען אַ קלאַפּ, וועט שפּעטער, נישקשה, קומען ווי די אָבגעשמיסענע צוריק מיט אַראָבגעלאָזטע נעז! ביידע צדדים האַמפּערען זיך, איינער דעם אַנדערען טהוט אין דער גאַל אַריין, ס'איז אַ צערייסעניש, אַ צעפאַלעניש, קידער=ווידער!...

מעהר פון אלע האבען עס געפיהלט די יונגע פאר=פאלקען, פאר זיי איז די בילדונג=שמילדונג געווען א סם — עס האט אנגעמאכט זיי דרעהעניש, זיי אויסגעקויקעלט. בעלי=הבית'לעך ווארפען אוועק זייערע פליניתטעס, לויפען בגנבה ערגיץ אוועק — לערנען. יוגענדען ווארפען א אום=חן, שפייען קלעק אויף זייערע מאנעלעך — צוציקעס, ווארפען אראב די שלייערס און ווערען פריצה'ס. איידעמלעך פון בנציה'ס סארט קריכען אוים ווי די מיז, א מגפה אויף זיי, נישט דא געדאכט.

מען זאל זוכען אויף בעלנות אין די מעטריקע=ביכער פון יענע צייט, וואלט זיך גאנץ זיכער דערוויזען, אז אזוי פיעל גט'ן ווי דענסטמאל איז צווישען יודען קיינמאל נאך נישט געווען.

רפאל האט מיט זיין אריינגאנג צו לייבצען אין שטוב פערטראגען די קרענק פון יענער צייט — חנצה געהמט זיך און בעקומט היץ!... עס דרעהט זיך איהר דער קאפ, עס בייט זיך איהר דער געשמאק, דאס וואס פריהער איז איהר געווען ליעב, איז אצונד פע, וואס א מאל גוט, היינט שלעכט — די אלע גוטע סימנים פון יענער פארשלעבטער קרענק, נישט היינט געדאכט! בנציה איז איהר פריקרע, איבעל ווערט איהר א קוק טאן אויף איהם. רפאל'ן געפעלט חנצה אלץ וואס ווייטער מעהר, ער זוכט אוים צייט צו זעהען זיך מיט איהר, ווען זי איז אליין. ער גיט איהר איין שכל, פארברייננט מיט איהר די צייט אין א קלוג געשפרעך, זי חאפט=אויף זיין איטליכס ווארט, עס חאפען זיך ביי איהר אויף נייע געדאנקען, פרישע געפיהלען, עס קאכט זיך, קאכט, זי ווערט צעקאכט און צו איהם צוגעקאכט. רפאל האט אנגעצונדען אין חנצה'ס הארץ א העליש=פייער און אליין אויך געברענט צו איהר — נאר דאס פייער איז דערוויל ביי ביידע געווען פערבארגען, איטליכער בעזונדער פון זיי האט עס געשטיקט אין זיך, געברענט שטילערהייד.

רכאל, א מענש מיט יושר, מיט פערשטאנד, געניט אין דער וועלט, האט אלסדינג איינגעווענדט פון זיין זייט, דאס פייער פון אנהויב צו לעשען. ער האט זעהר גוט בערעכענט, ווי ווייט אונמעגליך עס איז, אויף דעם גלייכען רעכטען וועג דעם וואונש פונ'ם הארץ זיינעם צו דערגרייכען. חנצה האט דאך א מאן, אמת טאקי ער איז א בהמה, אבער פארט א מאן. א מאן א בהמה איז גארנישט אזא זעלטענע זאך. אנמאכען צווישען זיי א בייז=שלעכט לעבען, צעררייסען א פאר=פאלק — אזוינס איז איהם נישט געלעגען אין זיין כאראקטער. היינט איז דאך, נאר אהן דעם, עפּיס צווישען איהם און איהרע עלטערן א גאנץ טיעפער אבגרונד.

זיי זענען בעגאטישע, פערשימעלטע פון דער אלטער וועלט, און ער איז איינער פונ'ם נייעם שניט, מעהר אדער ווייניגער — אלץ איינס. שוין דאס אליין, וואס א בנציה קען זיין זייער איידעם, בעווייזט גענוג, ווי ווייט אזעלכע זענען פון א רפאל'ן, אזוי ווייט ווי הימעל פון ערד. דעריבער, אנגענומען אפילו דער פאל, אז חנצה בלייבט איין אלמנה אדער א גרושה, וועלען דען די עלטערן איהרע וועלען זי אויסגעבען פאר איהם? און אז זיי וועלען זאגען: ניין, וועט דאך זיין טאקי ניין, ווארום די הויפט=ראליע ביי יודען אין א שידוך שפיעלען דאך נאר די עלטערן. וואס ווייסען קינדער — זאגט מען — און וואס האבען זיי א דעה צו זאגען אין אזעלכע זאכען...

רפאל האט עס אלסדינג גוט בערעכענט און זיך אליין געפרעגט, אין הארצען, וואס ער וויל און צו וואס אזוינס קען פיהרען? נאר ווען דער האנדעל איז ביי רפאל'ן געגאנגען נאך א פינקטליכער אויסרעכנונג אלסדינג פריהער, איז ביי א זעלכע זאכען, ווי געפיהלען אינווייניג אין דער נשמה, די אלע בערעכנונגען זענען נישט אנגעגאנגען. דאס הארץ ווייסט נישט און האט נישט געוואלט וויסען פון קיין השבונות, עס האט זיך געטאן זיינס, אלץ ווייטער — ווייטער געצויגען און געצויגען ביז רפאל איז מיט דער צייט פערגאנגען העט=ווייט, אזוי אז צוריק איז גאר קיין מעגליכקייט נישט געווען.

און חנצה? אוי, אז אך=און=וועה איז חנצה'ן, נעבעך, געווען פון אלע זייטען. א וועהטאג א גרויסער איז איהר, ווי א יודישער טאכטער, פונ'ם יצר=הרע, וואס צעקאכט איהר די געבליטען מיט זינדיגע געדאנקען פון ליעבע, וואס גיט איהר צו פיהלען אזוינס, וואס אי=אי=אי, חס וחלילה, עס פאר'ן מויל צו ברענגען! און א וועהטאג א גרויסער איז איהר אויך פון בנציה'ן דעם שלימזל איהרען. לעבען מיט א זעלכען איז אונמעגליך. זי האט דאך איהם פיינט, קען איהם נישט אנקוקען. אזא לעבען, משמיינס=געזאגט, פון א פאר=פאלק נישט צום הארצען, איז דאך א זינד נאר א קעגען זיך, א קעגען גאט און לייט. פטור ווערען פון איהר שלימזל איז גאר ניט געמאלט, זי איז דאך ביי טאטע=מאמע אין די הענד, זיי האבען איבער איהר צו זאגען — און ביי זיי אין די אויגען איז דאך דאס בנציה'לע איהרס מלא חן, שען ווי די וועלט. וואס איז שייך, זי האט פיינט, אז זיי, טאטע=מאמע, האבען עס ליעב!... הכלל, אזוי צי אזוי איז חנצה זינדיג, ס'איז איהר ביטער פון ביידע זייטען

ניִשט געפּרוּפט זאָלט איהר ווערען, ווײבלעך, ניִשט פאַר אײך, יודישע טעכטער, געדאַכט אַ זעלכע יסורים ווי חנצה׳ס, נעבעך!

לײבצע האָט זיך געשפּיגעלט אין זײן אײדעמיל, זיך בעריהמט, געצאַצקעט מיט איהם פאַר לײט, אָבגעלויבט אין טאָג אַרײן זײנע גוטע מעלות און שטאַרק הנאה געהאַט בײ אַ געלעגענהײט אַ מאָל דערצעהלען דעם יחוס זײנעם, אַז ער וואַקסט פון דעם רעכטען צימעס פונ׳ם פאָטערס צד, פון דער מוטערס צד — גרויסע רבנים, לויטער בערען, און די אַלע, אַ קאַטאָוועס עפּיס, זענען זײנע מחותנים! רב צעמפּיל, דאָס שײנדיל, דאָס „גלות-ליכטיל״ פּששש... איז אַ מחותן, און רב, רב... דאָס אויבערשטע פונ׳ם שטויסעל — אויך אַ מחיתן, בכן... זאָלען גלופּסקער וויסען, ווער אַזוינס איז לײבצע דער רויטער!

אויך יענטיל, דאָס ווײב זײנס, האָט זיך שטאַרק איבערגענומען מיט בנציה׳לען, איהר זיס אײדעמיל, פאַר די בעקאַנטע ווײבער איהרע, אַלץ געלויבט און געדאַנקט זײן ליבען נאָמען פאַר דער דאָזיגער מתנה זײנער, גאָר אויסלאָזען לסוף פלעגט זי געווערהנטליך מיט אַ זיפץ, חליפּענדיג: סטײטש, חנצה איז נאָך ניט מעוברת! און וואָס קען דערפון זײן דער תכלית? זי חאַפּט זיך אָן בײם האַרצען, קלאַפּענדיג דערויף מיט׳ן פינגער, אַז דאָ, אָ-דאָ האָט זי אַ וואונד, אַ מכה אַ גרויסע, שונא-ציון.

די ווײבער, באַרמהאַרציגע, בערײדעוודיגע, ווי דער שטײגער איז, רעדען איהר אויס דאָס האַרץ, איטליכע מיט איהרע טרײסטווערטער. אײנע זאָגט:

— יענטיל, נשמה מײנע, שאַ, גענוג געװײנט, דער זכות פון די הײליגע מחותנים דײנע וועט דיר בײשטעהן דאָרט, פאַר דעם כסא-הכבוד, און איבער אַ יאָהר, אם ירצה השם, וועט חנצה דײנע נעלעגש ווערען מיט אַ יונגעל.

די צווײטע דערצעהלט איהר אַ מעשה עפּיס מיט אַ חײבעל ערגיץ, וואָס האָט אַ היבשע צײט ניִשט געקינדעלט, איז געקומען אײנער אַבריה צו אַזוינע זאַכען, איך ווײס ניִשט, וואָס ער האָט געטאָן פאַר אַמיטעל — און דאָס ווײבעל, הלואי אויף חנצה׳ן דײנער געזאָגט געוואָרען, איז באַלד טאַקי פערגאַנגען און טראָגען. נאָך אַ יודענע דרינגט איהר אויס פונ׳ם שכל, אַז אַ קלײן יונגעל, עס מעג זיך חאַטש זײן אַ בעל-הבית׳ל, קען גאָר ניט קינדלען, — סײ אַ מענש, סײ אַ בהמה, להבדיל, אַלץ אײנם.

— אַז בנציה דײנער וועט אונטערוואַקסען, עלטער ווערען, וועט ער, אם ירצה השם, אָבגעבען דיר זײנס מיט פּראָצענט, האָב קײן מורא ניִשט, נישקשה!

ווען לײבצען איז אַ מאָל געראָטען מאַכען דורך רפאל׳ן אַ גוט דינסקאַט-געשעפטיל, אַראָבהאַפּען פון אויבען אַ היבש פערדיענסטעל, און צוליעב דעם איהם פאַרבעטען אינאײנעם מיט גוטע ברידער צו זיך אין אָוענד אויף אַ גלעזיל טײ, פלעגט ער, לײבצע הײסט עס, בשעת הדוה דערנסטמאָל אונטערוואַרמען דאָס אײדעמיל, דאָס צאַצקעלע זײנס, עס זאָל אַרויסווײזען בײם טיש זײן תורה, און אַלץ ווינקען, צו-ווינקען רפאל׳ן, ער זאָל מיט קאָפּ זיך צו-הערען.

— אַ נו בנציה, לאָז זיך הערען! עפּיס אַ וואָרט, אַ גוט שטיקעל אַזוינס ווי דו קענסט, אַזוי מיט אַ מויל!

און בנציה צופלאַקערט זיך, צושאָקעלט זיך מיט די הענד און פיס, שיט מיט שטיקלעך גמרא און מישט אויס קאַשע מיט מאָהן.

— אַ נו? מאַכט לײבצע, וואָס איז פלאַטשיגליך אין לערנען, שטשירעט אויס צו רפאל׳ן אײן אויגעלע, שטײכלענדיג דערבײ זיס מיט אַ שײנענדיג פּנים — אַיאָ, האַ, סחורה?

רפאל ענטפערט מיט אַ קנײטשעלע, עפּיס אָהן ווערטער, איבערקוקענדיג זיך מיט חנצה׳ן, וואָס מינעט זיך פאַר שאַנדע, טראַכטענדיג בײ זיך: אױ האָסטו מיר געגעבען אַ גוט שטיקעל סחורה, טאַטע!

דערמיט אַלײן, וואָס לײבצע האָט זיך בעריהמט מיט בנציה׳ן, אָט דערמיט טאַקע האָט ער איהם בעגראָבען. אַ פּנים, אַזוי איז לײבצעס פינסטערער מזל געווען אָנגעשריבען דאָרט אויף איהם אין הימעל, אַז ער אַלײן, מחילה, מיט זײן בענעהמונג, מיט די רעד זײנע, זאָל, גאָר אַלײן ניִשט צו וויסען, דער טאָכטער אײנגעבען שכל, פײנט צו בעקומען דעם מאַן און פערליעבען זיך אין רפאל׳ן. ער זאָל עס געוועזן, חלילה, וויסען, וואָלט ער, שונאי-ציון, זיך גיכער אַ מעשה אָנגעטאָן, זיך בעגראָבען טיעף אין דער ערד נײן אײלען.

אײנמאָל, פּורים צו דער סעודה, אויף וועלכער ס׳איז געווען פאַרבעטען רפאל מיט נאָך אַנדערע געסט, און מען האָט זיך וואויל געטאָן, האָט לײבצע מיט דער פּאָרסע געוואָלט אַרויסווײזען דעם אײדעמילס תורה, לאָז דער עולם הערען, ווי שען ער דרשהט, וואָס פאַר אַ תכשיט ער איז.

— שאַ, — פּאַטשט לײבצע מיט אַ האַנד אין טיש: — מײנער וועט

אונז דרשה'נען עפּיס פֿון דער מגילה. שאַ, אַט וועט איהר עפּיס הערען... היידאַ, בנציה!

און דאָס בנציה'לע, וואָס האָט לכּבוד פּורים איבערגעחאַפּט די מאָס, געהאַט אַ איבעריג ביסעל משקה אין קאָפּ, הויבט אָן זאָגען שטאַרק פֿערפֿלאָמט אַזוי:

— אין פּלוג איז דאָך אינגאַנצען דער ענין דאָרט נישט רעכט. צו וואָס שטעהט בּיי מרדכי'ן: מרדכי היהודי? וואָס לאָזט דערמיט דער פּסוק מיך הערען? פּשיטא, ווייסען מיר דען אַליין ניט, אַז מרדכי איז מסתמא אַ יוד? מרדכי איז מרדכי, אַ יוד! וואָס דען, מרדכי זאָל הייסען אַ גוי, בּתמיה, ווי געשיקט זיך עס?... נאָר אַוועקגעלעגט שוין אפילו די דאָזיגע קשיא, נאָך און נאָך קשיות, וואָס איז דאָ צו פֿרעגען, אויף וועלכע עס שטעלען זיך דאָ אַלע מפרשים, בּלייבּט דאָך טאַקי פֿאָרט די אַלטע קלאָץ-קשיא: פֿאַר וואָס בּיי אחשורוש'ן שטעהט ויאמר און בּיי אסתּר המלכּה — ותּאמר? עפּיס מוז דאָך דרינען עפּיס שטעקען. היינט איז דער קוועטש פֿון עשרת אלפים כּכּר כּסף, צעהן טויזענד זילבּערנע כּכּר, און עשרת בּני המן, אויך האַרבּליך, — וואָס קוועטשט זיך אַזוי דער פּסוק צו זאָגען בּיי בּיידע, אי בּיי די זילבּערנע כּכּר אי בּיי די בּני המן, דוקא צעהן, און וואָס וואָלט אונז געאַרט, אַז עס זאָל נישט געוועזען זיין צעהן?

— אַ וואַ! — מאַכט לייבּצע גאָר אָנקוועלענדיג, — האָט איהר געהערט אַ נעהם טאָן אַבּיסעל אַזוי אַ פּסוק, אַהער אַ דרעה, אַהין, אַז עס ווערט, מחילה, אַ לעמעשקע!... אַ יאַ, סחורה? היידאַ, בּנציה, זאָג, זאָג ווייטער, ווייטער!

— נישמעהר, ס'איז רעכט. די ווערטער פֿון דער הייליגער תּורה זענען צוקער-זיס, — צולאָזט זיך בּנציה ווייטער אויף זיין זיס קולכען: — דער תּירוץ איז נאָך דעם פּראָסטען פּשט אַזוי: ווי מיר ווייסען, האָט פֿון שרי דער אַרויסגעוואָרפֿענער „יוד" זיך אַ לאַנגע צייט אַרומגעוואָגעלט בּיז יהושע האָט איהם אָנגענומען, אַריינגעגאַנגען אין ארץ-ישראל און איינ-גענומען די פֿעלקער. דאָ איז נאָך גלות-מצרים דער יוד געקומען צו רוה און געוועזען, הייסט עס, בּכּח, ווי מיר האָבּען דאָ געזעהן. שפּעטער אין גלות פּרס האָט דער יוד מרדכי היהודי (כּלומר, אַזוי מיינט ער, מרדכי היהודי מיט אַ יוד, מרדכי נישט מרדכע) און דער יוד בּיי אחשורוש'ן, וואָס אַריין צו איהם דורך אסתּר המלכּה, ויאמר — און ער האָט גע-זאָגט, געזאָגט... פֿערשטעהט איהר מיך, ער האָט עס גובר געוועזען

יענעם יוד (עשרת) פֿון די אלפים, אויך יענעם יוד (עשרת) פֿון די בּני המן! דען זייט ווייסען, אַז עס זענען דאָ צוויי מיני יודען! אַ יוד אין דער קדושה און אין דער טומאה אַ מין...

— יונגער מאַן! — פֿאַלט אַריין בּנציה'ן אין די רעד רפֿאל, וואָס האָט שוין ניט געקענט מעהר זיך איינהאַלטען: — וואָס ווילט איהר האָבּען פֿון פּסוק, נעבּעך? ויאמר איז לשון זכר, ותּאמר — לשון נקבה.

— לשון נקבה קען איך נישט! — צושרייט זיך בּנציה אין איין פּעם, פֿלאַם-פֿייער — אַ שמועס בּלשון זכר ונקבה, דאָס קענען נור די פֿראַנצויזען, ימח-שמוניקעס: ויאמר — ער האָט געזאָגט, ותּאמר — זי האָט געזאָגט. מיט דעם פּוץ, מיט דער מאָדע..

אָס איז פֿון בּנציה'ס זייט געוועזען אַ שטיין גלייך צו רפֿאל'ן און צו חנצה'ן אין-גאָרטען אַריין, אַיין אָנצוהערעניש, וואָס זיי זיצען און רעדען אָפּט צווישען זיך אָהן אַ שומר. זיין שפּראַך האָט זיי געטראָפֿען בּיידע ווי אַ פֿייל אין האַרצען.

זינד דענסטמאָל איז בּנציה בּיים ווייבּ אַ נפֿטר — אויס בּנציה און רפֿאל פֿאַרנעהמט דאָס גאַנצע אָרט בּיי איהר אין האַרצען.

געוויסע צייטען אַזעלכע איז געוועזען, וואָס חנצה פֿלעגט קענען בּלייבּען איינע אַליין אין שטוב. רפֿאל האָט שוין די צייטען געוואוסט און איז געקומען פֿאַרבּריינגען אַבּיסעל די צייט אין איהר געזעלשאַפֿט מיט גרויס פֿערגעניגען. און תּמיד איז בּיי איהם אין קאָפּ געוועזען גרייט עפּיס אַן עסק'ל, עס זאָל פֿאַרשטעלען די אויגען, דיענען פֿאַר אַ אויסרעד אין אַ נויטפֿאַל פֿאַר לייבּצען און זיין הויזגעזינד.

איינמאָל איז ער אין אַזאַ צייט געקומען און געטראָפֿען חנצה'ן פֿערזאומערט, מיט פֿערוויינטע אויגען. דאָס האָט איהר נאָך צוגעגעבּען חן, ווי דער שענער, בּליהענדער רויז די טוי-טראָפּען זומער פֿריהמאָרגען. ער האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטען און זי געפֿרעגט, וואָס דאָס וויינען איהרס בּעטייט, עפּיס מיט אַזאַ ווייכע ציטערדיגע שטימע, מיט וועלכער אַ געטרייער פֿאָטער ווענדט זיך צו זיין ליעבּהאַרציג, געקרענקט קינד.

חנצה בּעהאַלט דאָס פּנים און צעוויינט זיך נאָך מעהר, רפֿאל מיינט, אַט עקט זיך איהם דאָס לעבּען פֿאַר גרויס רחמנות, נעהמט זי אָן בּיי דער האַנד, פֿעסט, און איין געבּעט:

— דערצעהל, דערצעהל!...

אַ קאַלט — וואַרעמער שטראָם לויפט חנצה'ן דורך איבער'ן לייב און די האַנד איהרע ציטערט ליגענדיג אין רפאל'ס האַנד. רפאל בעקומט נאָך מעהר מוטה, בעט, חלשט, אַזוי און אַזוי... ביז חנצה טהוט איהם צוליעב — און עס דערוויזט זיך צום סוף אַט=וואָס. צווישען דער מאַמע מיט דער טאָכטער איז היינט געווען חושך איבער בנציה'ן.

קומענדיג, ווי געוועהנטליך, אין דער פריה מיט דעם גרויסען טלית=זאַק פון שוהל שטאַרק הונגעריג, איז בנציה אַוועקגעזעסען בּיי זיך אין חדר'ן אַ היבשע צייט אונגעגעסען, מיט כמאַהע אויף די ליפען, עמיצער זאָל עס זיך אָן איהם דערמאָנען. ער האָט זיך געקראַצט אין דער פאה. געקנאַקט די פינגער, געצמאָקעט, געמאַכט מיט די ליפען, אַרויסגעגעבען פון זיך זיפצעלעך, די שענע הוסטעלעך, געאייקעט, געאויקעט, ביז די שוויגער האָט זיך אַרומגעקוקט.

— אוי, אַ וועהטאָג אַ גרויסער, נאָך האָט ער, נעבעך, אין מויל נישט געהאַט! ס'איז דאָך אַ צער בעל=החיים... — טהוט זיך אַ חאַפּ יענטיל, ברעכענדיג מיט די הענד, לויפט געשווינד און טראָגט צו דעם איידעמיל אויף אַ טאַץ אָנבּייסען — אַ פּאָר אייערבּייגעל, אַ פּוטערגעבעקסעל מיט אַ גלעזיל ציקאָריע, מאַכענדיג צו איהם האַלב בּייז און האַלב מיט גוטען:

— נאַ, עס!... פאַר וואָס זאָל מען עס שווייגען, נישט זאָגען אַ ווייב: עסען! מיינס איז ניט ליטיש, וועה איז מיר!... אַ נס, וואָס איך האָב מיך אַרומגעקוקט, אַז נישט, וואָס וואָלט געווען?... ביסט גוט הונגעריג?

— מילא, ווייס איך וואָס... עט, נאַרנישט... ענטפערט אָב אונטער דער נאָז בנציה, קנייטשענדיג זיך מיט אַ זיס=זויער שמייכעלע, און נעהמט זיך עסען קעסט, פּאַקען מיט'ן פולען מויל.

ריידעלע יאַק ריידעלע, נאָר צום קעסט=עסען איז בנציה געווען, אָהן עין=הרע, אַ מייסטער, איין בריה אין דער וועלט.

אַז אונזער נפש איז באַלד נאָך דעם עסען אַוועק צוריק אין זיין רוה אין דעם קלייזעל זיינעם, האָט יענטיל זיך גענומען צו דער טאָכטער, אויסצושטראָפען זי פאַר אַזאַ בעציהונג מיט'ן מאַן, אַזוי:

— דו מוזט וויסען, טאָכטער, איך האָב אַ נאָז. אַי האָב איך אַ נאָז! אַי שמעק איך!... די אויגען זענען מיר, ברוך=השם, נאָך נישט אַרויס. איך זעה, נישקשה, זעה דיין אויפפיהרונג אַקעגען דעם מאַן, אַ שען ווייבעלע, משטיינס=געזאָגט! דו האָסט דאָך בעדאַרפט וועהרען גרע=

בער ווי לענגער, אָנקוועלען פון אַזאַ מאַן — אַ ברכה אַבּענשונג פון זיין ליעבען נאָמען.

— נו, לאָז זיך פרעהען די מאַמע, וואָס האָט אַזעלכען געהאַט!— ענטפערט אָב חנצה קורץ און שאַרף.

— אַ לשון אַביסעל! — מאַכט יענטיל איבּערגעבראַכט: — אָט האָסטו דיר דעם דאַנק! טאַטע=מאַמע שלאָגען זיך, שונא=ציון, קאָפּ אָן וואַנד, אַקערען מיט דער נאָז די ערד און זוכען זאים אַזאַ בריליאַנט... ס'איז דאָך אַ כבוד אַזאַ שעפעלע אין שטוב צו האָבען. דער טאַטע האָט דאָך איהם ליעב, עפּיס אַזוי ליעב, אַזוי ליעב...

— לאָז איהם וואויל בעקומען! ווינטשעוועט=צו חנצה מיט אַ ביטער שמייכעלע.

— אוי, אוי, בין איך עס אומגליקליך! — צוחליפעט זיך יענטיל און קלאַפּט זיך אין האַרצען — אוי, אַ מכה האָב איך עס, אַ מכה אָט דאָ, דאָ! אַז רבונו של עולם האָט מיך אַזוי געשטראָפט, נישט געבענטשט מיט אַ זוהן, לאָז=זשע חאָטש זיין, האָב איך געמיינט פון דער טאָכטער זוכה זיין צו דערלעבען פון איהר דעם נחת... ניין! אַז זי וויל גאָר ניט וויסען. מיינט — חתונה=שמאַטונה, ס'איז זיך אַ שפּילכען, אַזוי זיך אַ פּידעלע, אַ פּייקעלע, הצנעיו, ניט מעהר... נעגוג זיך קינדעריש געמאַכט, דו הערסט? דו ביסט, זאָג איך דיר, אַ ווייבעל! דו פערשטעהסט וואָס ווייבעל?

— אַ ווייבעל איז אַ מענש ווי אַלע מענשען ענטפערט חנצה רוהיג, איינהאַלטענדיג אין זיך דעם כעס.

— נעהם זיך נאָר אַזוי נישט איבער, חנצה! — צופלאַקערט זיך יענטיל אויף דער טאָכטער, נאָכקרימענדיג איהרע ווערטער: — אַ מענש, זאָגט זי, אַ מענש!... גאָרנישט ביסט דו, אַ אשה... נישטאָ פאַר דיר אויף דער וועלט נאָר די דריי ווייבערשע מצות... אָט וואָס איז אַ אשה! איהר ווייבערשער שכל, איהר ווילען איז גאָרנישט. אַ פרומע, אַ כשרה יודענע בעדאַרף וועלען טאָן דעם מאַנ'ס רצון. דרינען ליגט דער גאַנצער שכל... אָט אַזוי האָט מען אונז צו דער חתונה געלערענט. אַצונד פאַרשטעהסטו שוין, חנצה?

— ניין! — שיסט חנצה אויס רויט ווערענדיג ווי פייער: — ווי קום איך צו פאַרשטעהן אַזוינס, וואָס אַ פרומע כשרה יודענע ווייסט?...

— הייסט עס, אַ פנים, וואָס איך האָב גערעדט איז—געבולען!—

צושרייט זיך יענטיל נאָר אַ שרעק, מאַכענדיג מיט דער האַנט אַקעגען חנצה׳ן — וואַרט נאָר, וואַרט! דו וועסט ביי מיר פאַרשטעהן, נישקשה, וויסען וויטער וואָס מאַן, וואָס אַזוינס מאַן בעטייט — איך וועל דיר...

די מאַמע לויפט אַרויס שטאַרק צוקאָכט און די טאָכטער בעוואַשט זיך פאַר גרויס וועהטאָג מיט טרעהרען.

רפאל טרייסט חנצה׳ן מיט גוטע, זיסע רעד, קוועטשט איהר, קוועטשט די האַנט און פאַר גרויס ליעבשעפט חאַפּט זיך איהם פונ׳ם מויל אַרויס: האַרצעניו, נשמה׳ניו! זי לאָזט זיך טרייסטען און קוקט אויף איהם מיט פייכטע אויגען, און פון די פערגליווערטע טרעהרען ווי די פּערעל שיינט אַרויס אַ ליעבליכער, מחיה׳דיגער בליק — ס׳איז אַ זון מיט אַ רעגען.

די צייט דערווייל געהט און מיט איהר וואַקס, שפּראָצט די ליעבשאַפט אַלץ גרעסער, גרעסער. רפאל שאַרפט חנצה׳ן פערשטאַנד, גיט איהר איין שכל צו וויסען פון אַ נייַ לעבען, מיט די אַלע מיטעל, וואָס דערצו — מיט קלוגע רעד און גוטע ביכלעך אַזעלכע, וואָס זענען מסוגל צו דער נשמה. חנצה זאַפּט אין זיך איין איטליכם וואָרט, עס שלייפט זיך איהר מח, עס לייטערט זיך איהר נשמה, קלערער ווערען איהרע געפיהלען, און רפאל ווערט ביי זיך שטאַרקער, האָפט, האָפט, עס וועט, אם ירצה השם, מיט דער צייט זיין גוט... דאָס וואָס פריהער האָט איהם אויסגעזעהען זעהר שווער, דאַכט זיך איהם אַצינד זעהר גרינג. אַלסדינג איז זעהר גוט געמאָלט דאָ אויף דער וועלט. פריהער אָדער שפּעטער, חנצה פון איהר שלים-מזל מוז פטור ווערען. זיך קען ער דריינען נישט בעשולדיגען, וואָרום אַזוינס האָט זיך געמאַכט נאָר אָהן איהם, אַזוי טאַקי האָט עס געמוזט זיין — חנצה און בנציה זענען נישט קיין פּאָר, דער שידוך איז געווען קרום נאָר פונ׳ם אָנהויב אָן. וויטער־זשע איהרע בעגאָטישע פרומע עלטערן? זיי וועלען מיט אַזעלכע ווי ער זיך משדך זיין נישט וועלען? עט, נאַרישקייטען! אַ קערביל פאַרדעקט אַלע זינד.

קיין זאַך קען נישט בעשטעהן אַקעגען דער פּרנסה. וואו פּרנסה, הערט אויף חילוקים, פרומע תנועות אין דעם גלויבען, עס יודלען זיך, עס מאַכען פוילע תנועות פון גאָטס וועגען נאָר יענע, וואָס מיינען דורכדעם עפּיס אַ גילטען, דורכדעם צו חאַפּען אַ גראָשען: יענע, נעבעך, קבצנים, וואָס מוזען דערויס זיך מאַכען, משטיינס־געזאָגט, די פּרנסה, ווען נישט,

האָלט זיי אויסגעקומען זעהר שמאָל, האָטש לעג זיך אין דער מיט נאָס און שטאַרב; יענע בטלנים, נעבעך, וואָס צו עפּיס אַנדערש טויגען זיי נישט פון דאַנען אַהין; יענע, יענע מענשלעך, וואָס אָהן דעם ווער וואָלט זיי געוואוסט, ווער וואָלט זיי געהערט? אָט דרינען שטעקט די גאַנצע קאָמעדיע פון משוגענע פרומקייט און גוטסקייט, פון איבערגעזאַלצענע ליעבשאַפט צום פאָלק, פון פוילע קרעכצעלעך, זיפצעלעך אויף צרות אין דער וועלט, פון משונה־ווילדע רחמנות צו אָרימינקע, כלומר׳שט, און דערמיט צוגלייך טאַקי — פיינדשאַפט, קריג, אינטריגעס, רכילות, בלבולים און אונטערהידעניש מענשען אַקעגען מענשען.

צו דערהאַלטען דעם שלום אין דער וועלט, צופרידענהייט צווישען אונז, זינדיגע מענשען, מיט אַזוי פיעל בעדערפעניש צום לעבען, איז במעט דאָס איינציגע מיטעל — פּרנסה!...

דאָס פערטע קאַפּיטעל.

אַז יודען האָבען פערשפּיעלט זייער וועלט און זענען בעוונותינו הרבים געוואָרען קרעמערס, באַנקירען, פּראָצענטניקעס, וואָכעניקעס, מעקלערס, טאַנדעטניקעס און כל־המינים געשעפטס־מאַכערס — זינט דענסטמאָל איז דער יצר־הרע פון ליעבע אויס מחותן בּיי זיי, די דעה אין שידוכים איז איבערגעגאַנגען פון איהם צום יצר־הרע פון האַנדעל; אַ שידוך היינט איז אויך אַ געשעפט. שענקייט, פרומקייט מאַכט נישט אויס, די כּלה מעג זיך זיין אַ מיאוסע — אַבּי געלד. געפינט זיך אַ מאָל אַ יוד, וואָס קוקט אויף שענקייט, בעווייזט עס גאַנץ זיכער, אַז ער איז נים קיין עכטער סוחר, טאַקע וואָס אַ סוחר הייסט; אַ חוץ געשעפט, געלד־זאַכען, ליעגט איהם נאָך אויך אין זינען נאַרישקייטען — געדאַנקען, וואָס האָבען נישט קיין שום ווערטה. ווי באַלד דער יצר־הרע פון ליעבע דערזעהט פאַר זיך בּיי יענעם אָפען דאָס האַרץ, האַפּט ער זיך אריין אינוועניג אַהין און בּרענט דאָרט, אַרבּייט מעשים קונציג־וואויל, ווי ער קען.

די אייגענע מעשה איז געשעהן אויך מיט רפאל'ן. וויל ער איז געווען אַ סוחר און צוגלייך טאַקי אויך אַ מענטש מיט האַרץ, האָט דאָס יצר־הרע'לע, אָט דער בּרען, דערשפּירט, זיך פערקליבען אַהין צו איהם, צו מאַכען דאָרט די שפּיעל. ער האָט איהם פאַרגעשטעלט מיט זיינע פּאַקוסען אַ וואונדער־שענע וועלט מיט די אַלע גוטע, געשמאַקע זאַכען, וואָס גלוסט זיך שטאַרק זיי צו געניסען. ער קיצעלט איהם, מאַכט איהם אַ חשק, מאָלט איהם אויס דאָס בּילד־שענע געשטאַלט חנצה'ס פון קאָפּ בּיז די פיס, איינגאַנצען אַ קלאָר־ווייסע אויסגעצאָטענע סטאַטוע, אויסגע־

טאַקט איטליכם גליד בעזונדער — און זאָגט צו איהם: בּחור, קוק ווי שען, קוק און שמעלץ זיך פאַר ליעבשאַפט! און רפאל'ן צושפּיעלען זיך די געבּליטען, ער טראַכט, טראַכט אָן חנצה'ן און גיט זיך דאָס וואָרט, אויסטילינגען מיט דער צייט די דערנער, שטאַכעלקעס, וואָס אַרום דער דאָזיגער רויז, כּדי זי צו בעקומען, עס מעג זיך אפילו דונערן און בּליצען.

גלייכער פון אַלע זאַכען איז פאַר רפאל'ן געווען — זיך נעהמען צו לייבּצען, צוציהען צו זיך איהם אַזוי, אַז ער זאָל ווערען צוגעזאָגט, גלויבען אין איהם מיט לייב און לעבען. און דערצו איז דאָך דאָ אַ מיטעל.

רפאל האָט זעהר גוט אַרויסגעזעהן, אַז דאָס איינציגע שליסעלע צו לייבּצעס האַרץ — איז געלד, גוטע, שענע פערדיענסטלעך, און דאָס שליסעלע איז דאָך בּיי איהם אין דער האַנד. פריהער פלעגט ער מאַכען סקאָנטע־געשעפטען צווישען אַנדערע אויך אַ מאָל מיט לייבּצען, און ווי לייבּצע האָט שטאַרק געלעכצט נאָך אַזעלכע געשעפטען, אַלץ געזוכט אַוועקצורייסען רפאל'ן פון די אַלע אַנדערע קאָנטאָרען, פונדעסטוועגען פלעגט ער בּיי איטליכם מאָל זיך שטאַרק דינגען פאַר אַ פּראָצענט. נישט דינגען זיך איז איהם געווען שווער. עס שאַדט נישט צו פּרובען אַ גראָשען איז אויך געלד. אַצינד אָבער, צוליעב חנצה'ן, האָט רפאל אָנגעהויבען צו־צולאָזען ווי ווייט מעגליך לייבּצען גרויסע געשעפטען, נישט זיין אין דעם האַנדעל שוין אַזאַ איבערקלויבער ווי אַ מאָל. געבען אויף אַ וועקסעל סחורה עמיצען נישט אַזוי פון די גרויסע בטוחים, איז אויך דעכט, פערלירען בּיים אָפּסקאָנטירען דאָס וועקסעל אַ גרויסען פּראָצענט, — מאַכט איהם שוין אויך נישט אַזוי אויס, אַבּי נאָך און נאָך אַ געשעפטיל, לייבּצע זאָל דערוויל האָבען עסקים, אַראָבּהאַפּען פון אויבען. לייבּצע ווידער, וואָס האָט שטאַרק געלעכצט נאָך פּראָצענט. האָט אויך נישט אַזוי שטאַרק איבערגעזופּט די סוחרים פון די וועקסלען, די קאָפּיקע פּראָצענט איז אַזוי ליעב דעם פּראָצענטניק, אַז צוליעב איהר שטעלט ער אַמאָל אַיין דעם קרן אַליין. בקיצור, רפאל מאַכט מעהר געשעפטען, לייבּצע האָט מעהר פּראָצענט, און רב אָשר דער מעקלער אַרבּייט געשמאַק אין עסק: עס דרעהט זיך איהם דאָס קעפּעלע און עס פערדרייסט זיך איהם שטאַרק דאָס היטעלע.

— וואָס איז אַזוינס דאָס יאָגעניש, רב אָשר? — פרעגען די בעקאַנטע אין גאַס. זעהענדיג ווי ער לויפט הענדום־פענדום און די פּאָ־

פון דער קאַפּאָטע װאַרפען זיך איהם אין אַלע זייטען — שאַ, שטעהט אַ ביסעל און דערצעהלט אונז, װאָס הערט זיך היינט עפּיס נײַם אין דער פּאָליטיקע, און װאָס טהוט זיך אַזוינס אין אײַער פראַנקרייך!

דאָס לשון „אײַער פראַנקרייך" איז נישט דער טײַטש, אַז רב אָשר איז אַ פראַנצויז, אָדער ער האָט אין פראַנקרייך אַ נחלה, בירושה פון זיינע עלטערן. חלילה! אַלע װייסען, אַז ער איז געבוירען אין גלופּסק און איז, נעבעך, אַ קבצן, אַז זיינע עלטערן די קבצנים האָבען איהם גאָרנישט איבערגעלאָזט ירושה, נישט דאָ אין גלופּסק און נישט דאָרט אין פריינקרייך. נאָר װאָס דען? גאָר פּשוט. רב אָשר, אַז ער פלעגט זיצען צװישען דעם עולם און רעדען פון פּאָליטיקע, איז דער שטייגער זיינער געװען צו זאָגען: „מיין פראַנקרייך" אויס גרוים ליעבשאַפט צום דאָזיגען לאַנד. רב אָשר, בעראַרף מען װיסען, איז געװען אַ לעבעדיגע, געהענדיגע גאַזעטע פאַר די גלופּסקער יודען. ער פלעגט זיי אָנדערצעהלען נײַס, שרעקליכע, װאונדערליכע זאַכען און מלחמות, אויך ישועות אויף יודען און שלעכטע ביטערע גזרות. מויל און אויערען פלעגט מען עפענען פאַר גרויס פערגעניגען, הערענדיג זיין זיס גלאַט לשון: דעריבער אַז מען האָט איהם אַצינד געזעהן לויפענדיג אַזוי האַסטיג, האָט מען געמיינט, עפּיס גאָר שרעקליכעס איז אוודאַי געשעהען אין דער װעלט און רב אָשר איז פול מיט נײַס.

— נישטאָ קיין צייט, קיין צייט! — ענטפערט אָב רב אָשר, האַלטענדיג אין איין לויפעניש, נישט אָנצוקוקען די בעקאַנטע אפילו, װאָס בלייבען שטעהן פערגאַפט.

— רב אָשר! די קאַפּאָטע אײַערע פערדריפּעט זיך מיאוס. אין איהר לויפט, עס זאָל עס אײַך אָנהויבען אַרען! אַיין עבירה, כ'לעבען, אַזאַ אַ נײַע שענע קאַפּאָטע! — מאַכען צו איהם נאָך אַנדערע בעקאַנטע, װאָס קומען איהם אַקעגען, אַרויסשטעלענדיג די אויגען, שטאַרק פערװאונדערט,

— נישקשה, נישקשה! — זאָגט רב אָשר אין איין אָטהעם, שאָקלענדיג צו זיי מיט דעם קאָפּ בשעת לויפענדיג טאַקי.

— רב אָשר, געװאַלד!... װאָס איז?... האַ, װידער אַ צרה? אַ גזרה אויף יודען? — פרעגען איהם מיט אַ געשריי, מיט אַ געבעט איבערגעשראָקענע יודען, נעבעך, אויסשטרעקענדיג צו איהם די הענד

— גאָרנישט, גאָרנישט! — לאָזט זיך רב אָשר הערען צו זיי מיט אַ װאָרט פונדערװייטענס, לויפענדיג זיין װעג.

— אַ, רב אָשר! — מאַכט שמואל דער קרעמער, ביים אַריינפליהען רב אָשר'ס צו איהם אין קלייט גאָר אָהן אַ נשמה, עפּיס קאַלט מיט אַ האַלבען מויל, אַריינקוקענדיג בשעת מעשה אין דעם קאַסע־בוך, כלומרשט איז רב אָשר'ס קומען נישט אַזוי שטאַרק אָנגעלעגט ביי איהם. הגם ער האָט אויף איהם טאַקי אַרויסגעקוקט און איז אין האַרצען זעהר צופרידען געװען, װאָס ער איז געקומען — װאַרט אויס, רב אָשר, ביז איך װעל מיך אָבפאַרטיגען.

— נישטאָ קיין צייט, קיין צייט, רב שמואל! זעהר אַ שװערע אַרבייט האָב איך אויף מיר, טאַקי גאָר אַ שװער, שװער שטיקעל אַרבייט. איהר מיינט, אַז ס'איז אַזוי גרינג צו קויפען ביי אונז סחורה, װער עס װיל קומט זיך און נעהמט סחורה, הויבט אַ הקפה? ניין, רב שמואל, נישט אַזוי איז די מעשה! אָט דער רפאל — מאַכט ר' אָשר, קלאַפּענדיג זיך מיט אַ פינגער אין שטערען — דער רפאל, זאָג איך אײַך, איז אַ מענש מיט קאָפּ, האָט אַ גוטען מוח. װיפיעל טענצלעך, מיינט איהר, האָב איך אַרום איהם געטאַנצט און װעל נאָך בעדאַרפען טאַנצען, טאַנצען ביז...

— איהר מעגט אײַך טאַנצען געזונטערהייט װיפיעל איהר װילט, נאָר פון מיינעטװעגען, דאַכט זיך מיר, האָט איהר נישט אַזוי צו טאַנצען פאַר אײַער רפאל'ן. און די אַרבייט איז אויך ניט אַזאַ שװערע װי איהר זאָגט — רופט זיך אָן שמואל דער קרעמער. כלומר'שט פיהלט ער זיך בעליידיגט, מיינענדיג צו פערגרעסערן זיין אייגען װערטה, אַז ער איז, ברוך־השם, פון די גרויסע בטוחים, און אגב טאַקי, צו פערקלענערן רב אָשר'ס אַרבייט, כדי ער זאָל נישט פאָדערן היבש פאַר מעקלעריי — איך האָב פאַר מיר אַ מאָסקװע, געלויבט דער אויבערשטער. מאָסקװע איז פאַר מיר בעסער, געזונטער אין אַלע פעל... פערשטעהט איהר מיך? נישמעהר װאָס פּאָלטאַװאַ האָט זיך דאָ אָנגערוקט, שטעהט שוין פאַר דער נאָז, אָט־אָט איז דער יריד דאָרט, און סחורה ברויכט מען טאַקי באַלד אין דער הייסער מינוט, פערשטעהט איהר מיך, דעריבער...

— דעריבער... איז נישטאָ מעהר װאָס צו רעדען, און זייט מיר געזונד, רב שמואל? — טהוט אַ זאָג רב אָשר, װאָס פערשטעהט גנבה־לשון און איז אַ ממזר, דורכגעטריבען װי שמואל דער קרעמער, פערקרימט

די נאָז, גלייך ווי ער זאָגט זיך אָב פון׳ם גאַנצען עסק, און לאָזט זיך געהן אַרויס פון דער קלייט.

— איהר זייט, דאַכט זיך, נישט קיין כהן, רב אָשר, און דאָך אַ בעל=כעס—פערהאַפט זיך שמואל דער קרעמער מיט גוטע רעד, אָנגעהמענדיג רב אָשר׳ן ביי די פּאָלעס און שמייכעלט צו איהם מיט אַ שיינענדיג, זיס פּנים — אַי, חאַפּט איהר דאָך מיך, איך בעט איבער אייער כבוד, נישט פערשטאַנען! שטעהט נאָר, שטעהט, רב אָשר! דער פּרט פון דעם, וואָס איך האָב געזאָגט „דעריבער“, הערט נאָר, איך בעט אייך, איז אָט=וואָס: אַזוי ווי פּאָלטאַוואַ איז שוין פאַר דער נאָז, איהר פערשטעהט? און סחורה ברויכט מען באַלד, דעריבער... דעריבער, זייט זיך מטריח און געהט טאַקי געשווינד, רב אָשר, און מאַכט דעם עסק אין אַ גוטער מזל׳דיגער שעה... אַצינד, נענוג געשעפּט, דרעהעניש, טאַנצעניש=שפּרינגעניש אין דער זייט, זאָגט מיר בעסער, רב אָשר, ווען, דענקט איהר, זאָלען מיר טאַנצען ביי אייער טאָכטער אויף דער חתונה? אפשר ווילט איהר נעהמען פאַר איהר אַ מלבוש, איז דאָ ביי מיר היינט פיינע סחורה אַנטיק, עף=עף! נעהמט אויף קאָנטע, עט, וואָס מאַכט עס אויס, מיר וועלען זיך שפּעטער אָברעכנען, נישקשה! —

הכלל, די עסקים וואַקסען, אויף דער סחורה זענען דאָ אַ סך בעלנים — און רב אָשר געהט אַרויס לייטיש אין אַ נייער קאַפּאָטע מיט אַ שענעם היבשען שלומפּער, לויפט ווי אַ הירש „אָנגעגורט די לענדען“, איז שטאַרק פערטאָן אין עסק — הו=האַ=הו! עס שוויצט איהם דער שטערען, די נאָז שמעקט, נישטערט און דאָס פּנים שיינט — מראה כהן. עס טהוט איהם הנאה נישט אַזוי דאָס פערדיענסט פון׳ם מעקלעריי ווי דאָס מעקלעריי אַליין — מען האַנדעלט!... אַצינד איז רב אָשר שטאַרק צופריעדען פון רפאל׳ן, ער לויבט איהם אין די אויגען און אונטער די אויגען, זאָגט: רפאל האָט געהאַפּט דעם שניט, זיך אויסגעאַרבייט אין גלופּסק, אַצינד האָט ער שוין „אַ געפיהל אין דעם האַנדעל“, און ס׳איז דאָ אַ האָפנונג, אַז מיט דער צייט וועט פון איהם ווערען אַ לייט, אַ לעבט=שענער סוחר.

רפאל׳ס מיטעל האָט געווירקט. לייבצע ווערט צו איהם צוגעקאָכט, לאָזט איהם פון זיך נישט אָב. דאָס—קומט, זייט מוחל, צו מיר אויף וואַרמעס, טיי, קרעפּלעך. און דאָס—קומט גלאַט אַזוי זיך אַביסעל אַריין! וואָס קען עס אייך אַרען? געמיינט האָט ער דערמיט גאַנץ פשוט: האָבען אויף איהם אַ אויג, ער זאָל חוץ איהם מיט קיינעם קיין געשעפטען

נישט מאַכען. רפאל איז ביי איהם אי גוט אי פרום, אַ גאַנץ עהרליך קינד. אַז אַנדערע פלעגען זיך אַ מאָל קווינקלען, ווי עס אַרט זיי עפּיס זיין הלבשה, זיין בענעהמונג, וואָס נישט אַזוי עכט יודישליך ווי ביי דעם גלופּסקער עולם, פלעגט לייבצע זיי זאָגען:

— אַי=אַי, איהר טפּשים איינע! ס׳איז דאָ, זאָגט מען נאָך פון דעם יעהופיצער, זכרונו לברכה, פיעל דרכים לעבודת הבורא, אימליכער דינט דעם בורא אויף זיין דרך. רפאל׳ס שטייגער אויפפיהרונג איז אויך אַ דרך צו דינען דעם אויבערשטען...

אַז לייבצע איז דאָ מיט רפאל׳ן אַזאַ נאָהענטער מחותן. ממילא זעט זיין לייבציכע מיט איהם אַ נאָהענטע מחותנת׳טע, נעהמט איהם אויף מיט אַ שענעם „ברוך=הבא“, מיט כבוד — אַ טאָץ מיט איינגעמאַכטס. יענטיל איז דאָך אַ כשרה יודענע, טהוט זי איהר לייבצעס רצון. רפאל, עס פערשטעהט זיך, טהוט אַודאַי לייבצעס רצון — ער קומט טאָג=טעגליך צו לייבצען אין הויז, נישט לאָזענדיג זיך לאַנג בעטען. און ווי אַ היימישער האָט ער שוין די געלעגענהייט אָפט צו פערברענגען די צייט מיט חנצה׳ן. וואָס מאַכט עס וועמען אין שטוב אויס! עט, קינדער, היימישע איינענע מענשען... שפּעטער אַביסעל האָט רפאל בעקומען, דורך לייבצען טאַקע, די מעגליכקייט לעהרנען חנצה׳ן שרייבען — דאָס הייסט, לייענען און פאַרשטעהן שפּראַכען, און ער איז געווען איבערגליקליך; די מעשה דערפון איז אַזוי געווען:

אַז רפאל איז איינמאָל געקומען צו לייבצען אין הויז, קוים האָט ער איז אַריבער די שוועל, לויפט לייבצע איהם אַקעגען גאָר אין איין אָטהעם, שטעקט איהם אַריין אין האַנד אַ בריעף, געשריבען גוויאיש, און זאָגט:

— נאַט לייענט!... לייענט און גיט מיר צו פערשטעהן, וויס איך וואָס דאָרטען שטעהט אַזוינס.

פון לייבצעס מינע און דעם לשון זיינעם בשעת מעשה, ווי ער האָט אַריינגעשטעקט אין האַנד דעם בריעף, האָט עפּיס אויסגעזעהן, גלייך ווי זיין נישט=קענען גוויאיש איז טאַקי אַ שענע מעלה פאַר אַזאַ שעינעם יודען, אַ טאַטענס אַ קינד ווי ער; עפּיס ווי גערעדט: נאַ! אַזוינס משטיינס=געזאָגט, געהער יך שוין אָן מיט דיר... רפאל׳ן האָט עס אַביסעל געאַרט, און נאָכ׳ן איבערלייענען דעם בריעף זאָגט ער אַ לייבצען, פאַרדרעהענדיג די נאָז;

— זאָגט מיר, איך בעט אײַך, וואָס, אַ שטייגער, וואָלט איהר געטאָן, אַז איך זאָל נישט געווען קומען היינט צו אײַך?

— ווען נישט איהר, וואָלט איך געקראָגען עפּיס אַ אַנדערן אויף איבערצולייענען דעם בריעף.

— אוי, נישט גוט אָנצוקומען צו פרעמדע, און זיין אָבהענגיג פון יענעם — רופט זיך אָן רפאל, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ. און באַלד טאַקי פאַלט איהם איין אַ קלוגער געדאַנק, פון וועלכען עס ווערט איהם ליכטיג אין די אויגען — אמת טאַקי, רב לייבצע, איך וויים זעהר גוט, אַז פרומע־כשר'ע יודען שייען זיך לערנען זייטיגע חכמות, חקירה־זאַכען, וואָס דערונטער איז געמיינט אויך שפּראַכען; נאָר אין מיין געגענד דאָרט זענען פאַרהאַן זעהר פיעל יודען לומדים, וואָס זיי אַליין און די יונגלעך, בחורים זייערע, אין די חדרים לערנען נאָר גמרא, ווייטער גאָרנישט, און ד' טעכטער פונדעסטוועגען לאָזט מען לערנען גויאיש, שרייבען און לייענען עס זאָל דאָס אָנהויבען עמיצען צו אַרען. עס זענען דאָ פיעל אַזעלכע יודען, וואָס זיצען שטענדיג, קוועטשען די באַנק אין קלויז און די ווייבער זוכען די פרנסה אין מאַרק. מיידלעך, ווייבלעך אויסגעפּוצטע זיצען אין די קלייטען, רופען קונים, פערקויפען סחורה. מאַכט זיך אַ פריץ אַמאָל מיט זיי נאַריש, אַזוי און אַזוי: חייקאַ, סורקאַ שענע־פיינע מיידעלע — איז אָהן סכנות. משטיינס־געזאָגט, אויך מיר אַ מענש, פון וועמען מען האָט זיך דאָ צו בעליידיגען!... אַ גלעט אפילו פון אַזעלכען, אַ קניפּ אין בעקעלע, מאַכט אויך נישט אויס, זאָל זיך אײַך דאַכטען, די קאַץ האָט אַ גלעט געטאָן... מילא זעהט איהר דאָך, אַז טעכטער מעגען. יאָרום אַ אשה איז על פי דין פטור פון מצוות. איהר שטעהט פריי צו לערנען זיך גוי'איש, אַריינקוקען אין זייערע ביכלעך וויפיעל דאָס האַרץ גלוסט, [אַבי נישט לערנען קיין תורה, אונזער הייליגע יודישע תורה, חלילה! דען ווער עס לעהרנט זיין טאָכטער תורה, אַזוי זאָגט די גמרא, איז גלייך ווי ער לעהרנט זי זיין אַ חצופה... היינט פרעג איך אײַך, רב לייבצע, פאַר וואָס זאָלט איהר נישט לאָזען אייער טאָכטער לעהרנען זיך שרייבען און די אַלע זאַכענישען? זי וואָלט דאָך אײַך געטויגט, געדינט אין די נויטען אויף צו שרייבען און לייענען בריעף.

— יאָ, אמת, אין פלוג איז טאַקי אַזוי — רעדט לייבצע האַלבעווערטער עפּיס אונטער דער נאָז, קנייטשענדיג דעם שטערען און אָנגעהמענדיג זיך ביים בערדיל — גלייך אפילו זאָגט איהר, נאָר...

— און וואָס־זשע, האַ איז די מניעה?

— ע־ע, פערשטעהט איהר מיך: וואָלט מיין טאָכטער אַצונד געווען אַ מיידעל, למשל, העט איך בעשטאַנען, ווי זאָגט איהר? געה דיר, טאָכטער, צום „שרייבער“ לערנען זיך די ווייבערשע חכמות מיט אַלע אַנדערע מיידלעך דאָרט. און באמת טאַקי, האַ? אַצונד אָבער, פערשטעהט איך מיך? אַז זי איז פערשל'ייערט, איז אַביסעל דאָס... פריקרע, האָט איהר געהערט, אַ ווייבעל אַ אשת־איש צווישען קליינע מיידלעך! ס'איז עפּיס... ווי זאָל איך זאָגען? ווי... דער שמש, אַ שטייגער, אַ יוד מיט אַ באָרד, מיט אַ בויך, מחילה, לאָזט זיך אויפרופען שמחת־תורה עם כל הנערים, יונגלעך, ווייסע־חברה.

— אויב אַזוי, טאָ לאָז־זשע דער לעהרער קומען צו אײַך אַהיים. ווייסט איהר גאָר וואָס? ווילט איהר, ר' לייבצע, וועל איך זיין דער לעהרער.

— אַי, וואָס הייסט! איהר, רב רפאל, אַ סוחר, אַ מענש, ווילט זיין אַ מלמד, ווילט אַזאַ פרנסה, משטיינס־געזאָגט, ווי מלמדות!

— אומזיסט, רב לייבצע! איך וועל לערנען אייער טאָכטער אומזיסט, אומזיסט...

אין האַרצען ביי זיך האָט לייבצע באַלד טאַקי איינגעוויליגט דעם פּלאַן, נאָר אויס דרך־ארץ כלומר'שט האָט ער זיך געקרימט, געקווינקעלט און געזאָגט רפאל'ן, אַז ער וועט זיך מישב זיין מיט'ן ווייב. ביי דער נאַכט האָט ער איבערגעשמועסט דעם עסק מיט יענטלען, איז ביי זיי געבליבען יאָ, מחמת פיעל טעמים: רפאל איז דאָך אַ היימישער, זייערער אַ גוטער בעקאַנטער, וואָס־זשע קען עס אַרען, אַז בשעת ער זיצט און רעדט, וועט ער זי דערוויל טאַקי אויסלעהרנען שרייבען, לייענען. דאָס קען כלל ניט שאַדען, אַדרבה, עס וועט איהר שטאַרק נוצען, זי וועט זיך אויסלעהרנען לייענען תחינות, שרייבען אַמאָל אַ בריוועל אַליין מיט איהר אייגענע האַנד, נישט בעדאַרפען אָבניצען זכות־אבות, | אָנקומען דערמיט צו אַ פרעמדען. פאַר זיי, צום געשעפט, וועט עס אויך טויגען. און וואָס נאָך? קאָסטען וועט עס זיי נישט אַ דרייער. מהיכא־תיתי, זעהר וואויל!

און רפאל האָט אין אַ גוטער שעה אָנגעהויבען לעהרנען חנצה'ן, קנעלען מיט איהר אויף זיין שטייגער, און מען מוז זאָגען דעם

אמת, אז געארבייט האט ער אין זיין זאך געשמאק, זעהר געטריי. חנצה האט געשלונגען דעם רבינס תורה און קרעמער האבען דערוויל געחאפט רפאל׳ס סחורה. רב אשר דער מעקלער ארבייט, איז שטארק געהויבען, און לייבצע פערדיענט, חאפט אראב פון אויבען — יגלל, ס׳איז ליהודים!

דאס פינפטע קאפיטעל.

ע׳ס איז שוין העט שפעט אין דער נאכט, גלופסק שלאפט — און צוויי יודישע קינדער קענען קיין אויג נישט צומאכען, ווארפען זיך, נעבעך, פון איין זייט אויף דער אנדערער אין די געלעגערס אונטער זייערע ארבייטען: סקריפען, קרעכצען, גיבען אב קאנצערט, ווי דער שטייגער איז פון יודישע געלעגערס, וואס צוווינען זיך, צושאקלען זיך, צופילדערען זיך, זאגען שירה ביינאכט פון א מינדסטען ריהר. פון א מנין געלעגערס אין א יודיש הויז די שירה ביינאכט צו הערען — איז אודאי אז גוט און וואויל! נאר, נישקשה, מיט דער דאזיגער קאפעליע דא פון אונזערע צוויי פארשוינען, אין וועלכער עס האט טריי געארבייט א הינקענדיגער, א געריהרטער, א הויקערדיגער אויסגערינטער טאפטשאן מיט עפיס א מיז רוק-בעט, — האט מען געקענט אויך זעהר גוט יוצא זיין.

אויף דעם טאפטשאן, אין פאדער-חדר, האט געשפיעלט אונזער הערשעלע, און אויף דעם רוק-בעט, אין אלקעריל — אונזער רפאל.ביידען האט זיך עפיס נישט גענומען קיין שלאף, איטליכער פון זיי האט געהאט צו זינגען און צו זאגען מיט זיינס.

יא, רפאל, האט געהאלטען ווארט און ארייגענומען צו זיך הערשעלען אויף נאכטלעגער, לויט ער האט איהם פערשפראכען. ביים ערשטען ארייגטרעטען הערשעלעס צו רפאל׳ן אין דער דירה, אויף אונטערצונעכטיגען דארט, איז איהם געווארען גוט עפיס אויפ׳ן הארצען, ווי איינעם, וועלכען השם-יתברך דערהויבט פלוצים דאס מזל. דאס קליינע, ... עריגע שטיבעל, וואו ס׳איז א מעגליכקייט צו בלייבען אווילע פאר

זיך אליין, אומגעשטערט פון א עולם מענשען אין קלייזיל — האט איהם אויסגעזועהן שררות. ער האט געקוקט אויף אלסדינג דארט עפּיס מיט א]מין דרך־ארץ, געקוקט, געטאפּט, קוים צו ריהרען זיך מיט א פינגער, און געשמייכעלט פאר גרויס פערגעניגען. עס האט אזוי פיעל געהייסען ווי: „הע! א נו, וואס, גוט, הערשעלע? א יא, וואס פאר א גאט מיר האבען!“

דאס פערוויסטע באנק־בעטיל, איינגאנצען ווי ס'איז מיט די שלאפּע פיס, אויסגעריבען, צוטרענט, ערטערווייז מיט אויסגעקראכענע קישקעס קליאטשע, מיט אלטע פארשמאלצעוועטע לאטעס האט ביי איהם אין די אויגען געהאט דעם זיבעטען חן. ווי די מעשה איז, א אפּגעקומענעס, א אפּגעבארעטעס — פארט א מיוחס מיט א געשפּיקעוועטען בויך. א זכר פון א מאלדיגע גוטע יאהרען...

ביים ארויפקריכען דערויף דאס ערשטע מאל האט עס זיך שטארק געטאן א בייזער — א סקריפּ מיט גרויס פאראיבעל. הערשעלע איז, איינהאלטענדיג דעם אטהעם, פערבייסענדיג די ליפּען געבליבען ווי אויף משקולת, נישט אהער, נישט אהין, אויס פארכט, נישט אנצומאכען דא א שפּיעל, א גאנצע חתונה און רפאל'ן דארט פונ'ם שלאף נישט ארויסצוברענגען. נאר באלד אבער האט ער זיך איינגעשטעלט, האט עס מחילה געבעטען, פאמעליכען — פאמעליכען זיך גערוקט, אויסגעצויגען פריהער איין פוס, דערנאך דעם אנדערן — און נישקשה, מיט חסד. שפּעטער א ביסעל מיט א צייט האט א קליין בייזעריל איהם שוין נישט אזוי אויסגעמאכט, וואס ווייטער, ווייטער איז ער מיט א גרעסערען שוין אפילו געוועהנט געווארען. עס האט געמעגט שרייען, רייסען זיך צוזעצטערהייד, ער האט זיך דערויס גאר נישט געמאכט און געשלאפען געזונטערהייד, אבשלאפענדיג געשמאק ווי א דער'הרגעטער אהן עין־הרע, די גאנצע נעכט.

איז דאך טאקי די קשיא: מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות, פאר וואס שלאפט זיך הערשעלען נים די נאכט ווי אין אלע אנדערע נעכט פון א גאנץ יאהר?

אפשר איז הערשעלע הונגעריג געוועזן, דער לעדיגער בויך האט איהם געמאהנט מזונות און נישט געלאזט איהם צורוה?

ניין! ערשטענס איז א יודענס א מאגען גאר נים אזוי אריינגעטאן אין דער אכילה, אז ווי באלד עט דערגעהט איהם עפּיס נישט, זאל ער האבען טענות; צווייטענס, איז דער מאגען ביי יודען גאר נים אזא פאר־

צעהם. מען זאל זיך אוים זיינע טענות עפּים מאכען. אזוי פיעל דינים, אלטע און נייע, אלץ מכח דעם מאגען, דעם זינדיגען מאגען, ווי איהם צו לעהרנען דרך־ארץ אין דעם עסען: דאס לאז דיר נים זיך גלוסטען, אסור חזיר, מען טאהר נישט! דאס מעגסטו אפילו, אבער נאר א לעק, אבי זיך פליישיג מאכען, ס'איז פאר דיר א צו טייערער ביסען! דאס לא, זיך עס דענסטמאל און דענסטמאל אין דיין גבול נישט געפינען, אנקוקען זאלסטו עס נים טאהרען אפילו, און דאס, אדרבה, איז א מוז, מוזט איינלעגען אין דיר א כוית, האטש ביטער, פריקרע! — אט אזוינס און אזוינס האבען נאר מיר, קינדער ישראל, מיר אליין, און אין דעם זכות נאך זשיפען מיר ביז אצינד אין דער וועלט... הייגט דריטענס, האט הערשעלעס מאגען דענסטמאל כלל נישט געהאט וואס זיך צו בעקלאגען. זינט ער האט אנגעהויבען „אונטערצונעכטיגען“ ביי רפאל'ן, איז ער מיט אלעדיגען בויך קיינמאל נישט נעגאנגען שלאפען. אלע נעכט פון א גאנץ יאהר איז פאר איהם דארט געווען א גלעזיל טיי מיט א שטיקעל ברויט, און הלילה הזה, די דאזיגע נאכט איז נאך גראד געווען א קעפּיל פון א הערינג, א ביינדעל מיט א שטיקעל פלייש אויך, איבערגעבליבען רפאל'ן פונ'ם מיטאג, וואס ער האט געגעסען אהן אפּעטיט, און הערשעלע האט דערצו אפילו זיך נישט צוגעריהרט.

אפשר־זשע האט זיך הערשעלען נישט געשיקט אין דער גמרא דארט, און דער מח זיינער האט שטארק געארבייט, ווי איינצובייסען א הארב תוספות'ל, צוטרעפען א „בעוואהרעניש“, וואס בעוואהרענט רש"י אזוינס מיט'ן „כלומר“, צו פאלען אויף א סברה שכל'דיג מיט א קנייטשעל; געפינען „דעם רעכטען קוועטש“, און דעריבער איז ער ארוים פונ'ם שלאף?

נאך אמאל טאקי ניין! שוין לאנג טאקי אז הערשעלע לערנט נישט אזוי מיט קאפּ. אז משה'לע זיין חבר איז געווען נעבען איהם, פלעגט ער איהם אונטערטרייבען, אונטערגעבען חשק צום לערנען מיט אלע כלים נישט אין זינען צו האבען קיין זאך; זינט אבער ער איז נישטא, ליגט הערשעלען דער קאפּ שטענדיג אין טראכטעניש, און דאס לערנען, משטיינס געזאגט, איז ביי איהם אהן טעם, ווי געקייט קליאטשע. הייגט דוקא איז איהם געווען אנגעקומען די גוטע שעה, ער האט א לערן געטאן לומדיש, גאר אחריפות און אלסדינג אין דער גמרא איז איהם אויסגעקומען לסוף משונה־ווילד גלאט: אט רש"י איז, חלילה, נישט משונע, אט תוספות־קשיא בלייבט א קשיא — ביידע זענען גערעכט

מילא בלייבט דאך טאקע הערשעלעס נישט־שלאפען אצינד א גרויסע קשיא. וואס זשע פארט איז היינט מיט איהם אזוינס די מעשה? אזא א מעשה, א מעשה! איהם לאזט נישט שלאפען — ביילע!

„אי, רבונו־של־עולם, ביילע! געוואלד, טאטוניא, וואו איז ביילע? — אט די דאזיגע עטליכע ווערטער פיקען הערשעלען אין קאפ, צוטראגען איהם דעם מח, ארום זיי דרעהען זיך אלע זיינע געדאנקען און חאפען זיך איהם א מאל ארויס מיט א ביטערן קרעכץ מיטן פון הארצען.

שוין א גאנץ היבשע צייט איז דרינען, זינט הערשעלע האט זיך צושיידט מיט ביילען דארט ביי דער „זארגבאנק“, אין דער האפנונג, אז אט־אט שטעלט זי זיך אויפ׳ן ארט, פאר א דיענסט־מיידעל, וואוהין די מעקלערין האט זי געפיהרט, אט באלד זעהען זיי זיך ווידער און נעהמען ווייטער אפיר דעם אבגעריסענעם שמועס וועגען איטליכם פיצעלע בעזונדער אין דער היים.

אונזער עלענדער פערוואגעלטער הערשעלע האט זאט אנרעדען זיך נישט געקענט ביי דעם ערשטען בעגעגעניש מיט אשכנ׳ס א מיידעל, כמעט אנ׳איינענע, אהיימישע פון קינדוויז אויף. די איינגאנצען האט געשמעקט עפיס פריש, מיט היים, מיט קאבצאנסק. פון איהרע אויגען האבען ארויסגעלויכטען, געלאזט זיך איהם זעהן פיעל ליעבע זאכען אין די פריהערדיגע יאהרען. אלסדינג, האק און פאק, האט זיך איהם געפיהלט אין איהר בליק, געדאכט אין איהר שטימע. ער האט אויפגעחאפט איהר איטליכס ווארט, אליין אויך גערעדט פאר צעהן און ס׳איז איהם נאך איבערגעבליבען גענוג רעד אויף שפעטער.

הערשעלע קוקט דא אזוי ארום אויף איהר די אויגען און נאט אייך אזא וועהטאג, אזא אויסהאפעניש — נישטא ביילע! ווי אין וואסער אריין ביילע!

די ערשטע צייט האט הערשעלע זיך געטרייסט מיט דער האפנונג: אט אין־גיכען וועט זי זיך מסתמא ווייזען. וואס דען? אפשר איז זי דארט שטארק פערנומען אויפ׳ן נייעם ארט. לאז זי נאר א ביסעל זיך ארומקוקען, קומט זי זיכער באלד צו רייזען. זי האט דאך איבערגעלאזט רייזען אויף דער אכסניא איהרע זאכען. אז א קעגען א חדש צייט אבער איז אוועק און זי איז אלץ נישטא, האט איהם שוין אנגעהויבען טאקי נוט צו ארען. אצינד האט איהם אנגעהויבען בעשיינפערליך צו אינטערעסירען ביילע, נישט ווייל זי איז א היימישע, ערשט פון דאס ווייניגע

דארט אין דער היים, נאר זי טאקי — זי, ביילע, אליין, ווייל אויף איהר, נעבעך, איז א ביטער רחמנות. ווער ווייסט, וואס מיט איהר, נעבעך, איז אזוינס געשעהן? דאס געפיהל פון רחמנות איז ביי איהם געוואקסען פון איין אנדער געפיהל, א פערבארגענס, עפיס נאר אהן א נאמען — א מין ציהעניש אזוינס, אמאגטעניש נאך פון קינדוויז אן, טיעף אינוועניג אין דער נשמה. דאס מין ציהעניש ווידער האט אנגעהויבען שטארקער זיך לאזען פיהלען, בעקומען שוין עפיס א נאמען דורכ׳דעם טאקי, וואס דאס רחמנות איז אלץ מעהר און מעהר געוואקסען. די ביידע דאזיגע געפיהלען האבען געשפראצט, געוואקסען און זיך דערגעהרט איינער פונ׳ם אנדערן. דערצו איז אויך געהען נאך א צוגאב, נאר א חיבטיגע זאך — עס האט זיך דערוועהן הערשעלען גאנץ קלאר דאס גרויסע אונגליק, אין וועלכען ער איז געשטאנען. שניאור־וואלף וואלט איהם זיכער אין געהאנט אריינגעשטעקט, געמאכט פאר א זעלנער, ווען עס זאל זיך נישט געווען פלוצלים אונטערדוקען ביילע. איין גאט אליין טאקי האט זי אונטערגעשיקט פונקט אין דער רעכטער צייט איהם פון יודישע הענד מציל צו זיין — און וויפיעל דאנק ער איז איהר שולדיג פאר אזא גרויסע טובה! ער בעדארף דאך, ווי מען זאגט, די פיס איהר וואשען און דאס וואסער טרינקען. וואס אבער לאזט זיך אויס? זי האט איהם געראטעוועט, און ער זי — בעגראבען

דורך דעם אוועקגאנג זייערם שטיל פון דער אכסניא אהין, צו דער „זארגבאנק“, איז ער פונ׳ם אונגליק ארויס, און זי — אריין. אוי, דער מלאך הגואל איז פערשוואונדען, גאט ווייסט וואוהין, ס׳איז א רחמנות, עס רייסט, רייסט דאס הארץ!...

דאס אלסדינג אינאיינעם האט אויף הערשעלען שטארק געווירקט, ארויסגערופען אין אגהם אזעלכע געדאנקען, אזעלכע הייסע קלארע געפיהלען, וואס זענען פאר איהם געווען פריהער נאך טונקעל, כמעט א סוד. ביילעס געשטאלט איז ארויסגעטרעטען פאר איהם אלץ העלער, העלער, געשוועבט פאר זיינע אויגען, איהם געבריהט, גענאגט, געצווינען ביי דער נשמה. עס האט איהם גלאט אזוי, נישט ווילענדיג גאר, זיך געטראכט, ער האט שטילערהייד א מאל געוויינט, געווארען עפיס גוט, חייך ווי א טייג, זיך געלאזט פון זיינע געדאנקען טראגען, ווי אגעוויקעלט קינד — און זיך פערטראגען, פערפלויגען א שרעק וואוהין. ביילע איז איהם פונ׳ם זינען נישט ארויס, און ער האט זיך קיין עצה נישט געקענט געבען, ווי ארום ווערט מען וועגען איהר עפיס געוואהר —

געהן זוכען זי, פרעגען? ווי געשיקט זיך עס, אַ בחור'ל פרעגט זיך אויף אַ מיידעל! און נאָך ווער? ער, הערשעלע, אַז בײם דערמאָנען נאָר איהר נאָמען קומט איהם די פאַרב אין פנים. איהם דאַכט זיך אַ שרעק, לײט קענען זעהר גרינג, הלילה, זיך אָנשטויסען, וואָס איהם ליגט „אַזוינס" אין זינען, וואָס פאַר אַ שען בחור'ל, אוי, ער איז!

און דענסטמאָל איז ער דאָך אויסגעשטעלט, פערפאַלען פון בײדע וועלטען אויף אײביג!

אַ קשטאָתעס עפּיס „אַזאַ מעשה", אַזוינס גאָר צו טראַכטען!... ווער האָט מען עס בײ יודען געהערט? גענוג איז דאָך דער גיהנום אײן זיבעציגפאַך פאַר אַזוינע זינד, — נאָך פיעל ערגער נאָך אין יודישע מײלער אַרײנצופאַלען. די אײנציגע טרייסט זײנע איז נאָך געווען, טאָמער איז בײלע צוריק אַ היים צוועקגעפֿאָהרען. אַ די זאַכען, זי האָט דאָך דאָ איבערגעלאָזט אויף דער אכסניא איהר קלומיקעל מיט זאַכען? — מילא האָט זי פאַרגעסען, אַ קשיא אויף אַ מעשה וואָס קען זיך מאַכען! זי האָט זיך געיאָגט, געאײלט, האָט זי פאַרגעסען. גראָד איז הײנט געווען דער טאָג אַ וואַרטער, אַ שענער, די זון האָט געשײנט, אַ פרייד, אַ פערגעניגען, איז ער גענײגט געווען זיך צו בערוהיגען מיט דעם דאָזיגען געדאַנק. פאַר גרויס שמחה האָט ער זיך צושאָקעלט איבער דער גמרא, זיך אַ ניגון געטאָן לערנען, זינגענדיג געשמאַק מיט אַ ברען און שכלדיג גלאַט געמאַכט אַלע הארבע שטיקלעך דאָרט מיט'ן קנאַק!

וואָס=זשע טהוט דער שטן, דער צולהכעיס'ניק — דער שטן שטעהט זיך און לאָזט אוים הערשעלען, טראַכטענדיג בײ זיך: פרעה זיך, פרעה זיך, שענער בחור, אָט באַלד וועסטו בײ מיר זינגען אויף אַ אַנדער קול.

און ווי הערשעלע לעהרענט זיך דאָ אַזוי לעבעדיג, מיט אַ גרינג האַרץ, קומט איהם מעשה=שטן אינמיטען דרינען אָן אַ בריעף פון דער היים, אויף וועלכען ער האָט שוין טאַקי אַזוי לאַנג אַרויסגעקוקט. און ער נעהמט זיך איהם לײענען מיט גרויס חשק.

„עיקר שכחתי — אַזוי לאָזט אוים די מאַמע איהר בריוועל צום זוהן — האָב, סאַנצעלאָמעס, מיך פאַרערדט, פאַר גרויסע צרות מיך פערגעסען דערוויל מכח בן=ציון צביה'ס מיידעל, דורך וועלכער איך האָב דיר געשיקט אַ פּאָר אונטערגענעהטע זאָקען, אַ קאַפּאָטקעלע מיט אַ אויסגעלאַטעטע העמד, טראָג געזונט, פאַרניץ געזונט ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר. ציפּע=סאָסיע, זאָל געזונט זײן, האָט פון איהרע פיס די זאָקען צראָבגענומען און דיר זיי געשיקט. השם=יתברך זאָל רחמנות האָ=

בען. איהר צושיקען דעם בעשערטען. שוין צייט, צייט, זי איז, נעבעך, אויסגעטריקענט, געל און גרין, וויסט איז איהר און פינסטער מיר צו=עהענדיג איהרע און מײנע ביטערע צרות. די זאָרגען מײנע דינען מיר נישט, פאַר קײן יודישע קינדער געדאַכט, פּונ'ם פעדערען=פליקען די גאַנצע נעכט, אוי=וועה איז מיר, וויסטע אַלמנה! דאָס פערדינסט, משטײנס=געזאָגט, איז אַ גאָרנישט, קלעקט נישט אויף וואַסער אויף קאַשע, אַז אָך און וועה צו אַזאַ פרנסה, אַזאַ לעבען, קוים=קוים וואָס מען דערהאַלט די נשמה..

געבענשט זאָל זײן אסתר=לאה, די אַלטע מילכיקערין אונזערע אַמאָל, וואָס זי גיט מיר צו=צײטען אַ קריגעל זויערמילך, אויך מילך אַביסעל אויף באָרג. יאָ, די קוה איהרע האָט די ערשטע טעג סליחות זיך געקעלבט, אין אַ מזל'דיגע שעה. גאָט, ברוך=הוא, האָט זי בעגליקט מיט אַ קעלביל גאָר אַנ'אַנטיק, אײנס טאַקי אין דער גאַנצער וועלט. אַזוינס ווערט געבאָרען אײן מאָל נאָר אין הונדערט יאָהר. קענסט דיר זיך פאָרשטעלען, אַז מרדכי קצב, עפּיס נישט אַזאַ שטאַרקער נותן, פאַר אַ גראָשען וואָלט ער זיך, שונא=ציון, בײדע אויגען געלאָזט אויסשטעכען, ער האָט געחאַפּט און צעהן זילבערנע גילדען אָבגעצאָהלט פאַר דעם קעלביל במזומנים און דער דרויב האָט געהערט איהר, אסתר=לאה'ן, און די וועלט זאָגט, אַז ער האָט פערדיענט עפּיס אײן עשרות— אַ ודאי אַ זעקס גילדען, און אפשר זיבען, אָדער טאַקי אַכט!...

מילא, וואָס האָב איך דיר דאָ געוואָלט זאָגען, פאַר צרות מיך, סאַנצעלאָמעס, פאַרגעסען וואָס — יאָ, מכח דעם מיידעל. אַ—האַ! קאָרג אײגענע צרות, איז נאָך דאָ, ווי זאָגט מען עפּיס, אַ צוגאָב פרעמדע אויך. בן=ציון צביה'ס מײן איך, ער איז, נעבעך, אַלט, קראַנק, אַ צו=בראָכענער שאַרבען. האָט נישט קײן פרנסה. אַזאַ קבצנות ווי אין קאַבצאַנסק הײנט געדענקען אַלע קאַבצאַנסקער קבצנים נישט. אַז די נשמה האַלט זיך, איז רײנע נסים, נור זכות אָבות טאַקי, אָח—אָח—אָח! און דאָ האָט זײן ליעבער נאָמען, בעהיט זאָל מען ווערען, געשטראָפט מיט אַ ניי מין שטראָף — פון זײן טאָכטער, אָט דאָס מיידעל, דורך וועלכס איך האָב דיר געשיקט זאָקען און אַ קאַפּאָטקעלע, איבערגעניצעוועט פונ'ם טאַטענס, עליו השלום, קאַפּאָטע, — פון דעם מיידעל, אַ וואונדער, כ'לעבען, איז ביז הײנטיגען טאָג קײן אײנגעטונקטע פען נישטאָ, ער האַלט עס, נעבעך, ניט אוים. אמת, זי אַלײן קען ניט שרײבען, אַזוינס איז נישט פאַר קײן „יודענע"; אָבער דאָס איז דאָך מעגליך אויסצופיהרען

דורך מאַנכבּירען, און איך וואָס טהו? איך בּין מטריח ר׳ פּיבּוש דעם
מלמד, געזונד זאָל ער זיין, זאָג איהם וואָס — און ער שרייבּט, שרייבּט,
צוגעבּענדיג פון זיך פּעפּער, ציבּעלע, מאַכענדיג פון מיינס אַ וואָרט אַ
מוסקאַטקויל, עפּיס אַזוי בּעטעמ׳ט גאָר אַ דערקוויקעניש. (פּעפּער, ציבּע=
לע וכו׳, די מליצה זאָגט נישט די מאַמע — ווי קומט צו אַ ווייבּערשען
מח אַזעלכעס? דאָס זאָג איך, פּיבּוש) . . . איז דען נישטאָ קיין שרייבּערס,
קיין מלמדים בּיי אייך דאָרט אין גלופּסק, אין אַזאַ יודישע שטאָדט, וואו
שבּת=גוים, וואָס הייצען אין קלויזעל די רובּעס, וויסען ווען מען בּענשט
ראש=חדש, זאָגען ווען איז דער מולד און רעדען יודיש? — זוהנעניו!
איך בּין אויף דיר גוזר מיט דער מצוה פון „כּבוד אב ואם“, טאָמער
זעהסטו זי, דאָס מיידעל, אָדער ווייסט עפּיס בּין איהר, — שרייבּ למען=
השם, ווערסט זיך קויפען דאָס אייבּיגע לעבען. דער טאַטע איהרער, בּן=
ציון, ווייסט נישט וואָס איבּערצוטראַכטען, ער איז, נעבעך, אין איינע
צרות, און צביה וויינט, זאָרגט, אפשר, חלילה, איז זי געשטאָרבּען“.

אַ כּוזית הריין ווען הערשעלע זאָל געווען מיט אַמאָל אויפעסען
וואָלט איהם נישט געווען אַזוי פערגאַנגען אין נאָז, און די אויגען ווי פון
דער מאַטעם דאָזיגע לעצטע ווערטער. אַז ער האָט זיך געהאַלטען אויף
די פיס און נישט געפאַלען, האָט ער עס געהאַט צו פערדאַנקען נאָר
דעם שטענדער, בּיי וועלכען ער איז אין קלייזיל דאָרט אין אַ ווינקעל
געשטאַנען אָנגעשפּאַרט איבּער דער אָפענער גמרא „בּיצה“. ער האָט אַ
האָרץ פול מיט יסורים און קען עס נישט אויסגיסען, פערקעהרט, — ער
שטיקט נאָך די וועהטיגען אין זיך, די קלויזניקעס זאָלען עס, חלילה, נישט
בּעמערקען און אַז ער האָט דערלעבּט נאַכט און איז געקומען נעכטיגען
האָט שוין רפאל׳ס בּעטיל אין אַלקירעל געסקריפּעט, געזאָגט שירה —
ער האָט בּאַלד טאַקי זיך געטאָן אַ וואָרף אויפ׳ן געלעגער, זיך גענומען
טראַכטען, זיפצען, קרעכצען געשמאַק ווענען בּיילען—און דער טאַפּטשאַן
האָט צוגעשפּיעלט, אונטערגעהאַלטען דאָס רוקבּעט, טשאַקענדיג אויף
שטיינער.

דאָס זעקסטע קאַפּיטעל.

וואָס=זשע פּאָרט איז עפּיס אַזוינס היינט? פּאָרט פּאַר וואָס שלאָפט
זיך ניט רפאל׳ן די דאָזיגע נאַכט? ס׳איז שוין אַזוי שפּעט, און דאָס רוקי=
בּעט אונטער איהם קרעכצט, סקריפּעט, וויל נישט אויפהערען. עפּיס
לאָזט עס מיך דאָך הערען!

אוי — גאָר ניט קיין פרעהליכס!

אַ טאָג פון אַרבּייט און לויפעניש אין מאַרק איז היינט געווען בּיי
רפאל׳ן. ער האָט זיך אויסגעגליכט מיט אַ היבּש בּיסעל סוחרים און זיי
געבּאָרגט סחורה כּפי זיי האָבּען פערלאַנגט. אָוועגדם איז ער געקומען
אַ היים צו זיך שטאַרק מיעד צוּבּראָכען. איידער ער האָט זיך אַבּיסעל
אָבּגערוהט, זיך נאָך נישט גענומען צו די חשבּונות, בּעטראַכטען זיך,
וואָס ער האָט מאָרגענדיגען טאָג צו טאָן, קומט אַריין דער טרעגער פון
דער פּאָסט צו איהם מיט אַ בּריעף. לייענענדיג דעם בּריוועלע, איז איהם
פינסטער געוואָרען אין די אויגען. מען שרייבּט איהם בּסוד סודות, אַז
מיט דער פאַבּריקע, פון וועלכער ער לעבּט, ציהט די פּרנסה, שטעהט
עס אַצינד שמאל, ס׳איז דאָ שטילע מכּות, וועהטאָגען. אויבּ עס האַלט,
חלילה, אַזוי נאָך אַבּיסעל, בּעקומט זי, זאָל די שעה נישט זיין, דעם
שלאַק. סחורה איז קיין מעגליכקייט ניט דערווייל איהם צו שיקען. געלד,
וויפיעל עס געפינט זיך נאָר בּיי איהם, זאָל ער בּאַלד שיקען. למען=השם,
ס׳איז אין לעבּען אַריין נויטיג.

רפאל ליעגט דאָ אַצינד אויפ׳ן געלעגער אין געהאַקטע וואונדען,
דער קאָפּ שפּאַלט זיך איהם טראַכטענדיג, און דאָס האַרץ אויך ווערט

איהם שיער נישט צוזעצט. ער בעטראַכט דאָ זיין לאַגע פון אַלע זייטען, אַרום און אַרום, אַזוי:

די פאַבריקע, בעהיט גאָט, שטעלט זיך — שלעכט! איין עק פון זיינע געשעפטען, ער איז אויסגעשטעלט, די סוחרים, וואָס האָבען דאָ גענומען סחורה אויף קרעדיט, וועלען, מסתמא, ווי דער שטייגער איז, באַם די פאַבריק שטעלט זיך, זיך אויך שטעלען, נישט צאָהלען אויף די וועקסלען צום אויסגעשטעלטען טערמין. נאַראָנים וועלען זיי זיין, וואָס דען, זיך נישט צו בענוצען מיט יענעמס אומגליק, מיט אַזאַ קראַך! מיטעל דערצו זענען דאָ גענוג. ס'איז דאָ, אַ שטייגער, אויך אַזאַ מאַניפאַרגע — אויפצוקויפען פאַר אַ שפּאָט=געלד דער פאַבריקעס, אויף זיך אַרויסגעגעבענע פאַפּירען, און מיט זיי טאַקי איהר דעקען. זה תמורתי, הייסט עס, נאַ, ווער די כפרה!... „קוממיות" זאָגען — דאָס איז אַ געוועהנליכע סוחרישע זאַך, פון לבן הרמאי און ביז היינטיגע צייט, מען בעדאַרף נאָר זיין געניט, וויסען דעם נוסח מיט די זיסע תנועה'לעך, ווי עם בריה'ס צו זאָגען...

און אַ צוגאָב נאָך צו די צרות האָט ער געמאַכט היינט געשעפטען, איבערחאַפּענדיג די מאָס. דער רוח ווייסט, וואָס ער האָט אַזוינס געטאָן, גענומען כמעט די גאַנצע סחורה און אַוועקגעגעבען זי צו אַלדי שוואַרץ־יאָהר. אַצינד איז ער געפּלעוּט — נישט קיין סחורה, נישט קיין געלד! און וואָס זאָל ער ענטפערן די בעלי=הבתים זיינע, די פאַבריקאַנטען, וואָס פאָדערען אַצונד פון איהם געלד אין דער נויט? זאָל ער געהן אָבזעצען ביי אַנדערע די וועקסלען פון די נייע סוחרים זיינע בשעת ער ווייסט די גרויסע סכנה, אַז עס שטעהט דאָ פאַר אַזאַ קראַך? אַזוינס צו טאָן איז איהם ביטער ווי דער טויט, דאָס הייסט דאָך אַזוי פּיעל ווי אַ גנב, געהן יענעם איבער די קעשענעס.

טראַכטענדיג אַזוי, קומט ער אַרויף אויף לייבצען — און ער טהוט זיך אַ וואָרף, צאַפּעלט מיט אַלע אברים. סטייטש, דער גרעסטער טייל וועקסלען איז דאָך דורך איהם אַריינגעפאַלען צו לייבצען! און נאָך וועמס וועקסלען? עפּיס ניט פון די גאַנץ גרויסע בטוחים, נאָר פאַר אַזוינע, וואָס זענען נאָך צו דערליידען כל=זמן דאָס רעדיל דרעהט זיך, סחורה אין דער פאַבריק איז דאָ איבערגענוג, זיי צאָהלען ווי=ס'איז צום טערמין אין אָנהויב, בכדי צו נעהמען נאָך מעהר אין קרעדיט ווייטער, און ערשט דענסטמאָל צו האָבען ביי זיך די ברירה... און פאַר וואָס האָט ער אַזוי געטראַסקעט אומבערעכענט? בכדי צושאַרען פערדינסטלעך, אַ גרויסען

פּראָצענט לייבצען. און דאָס אַלסדינג האָט ער געטאָן צוליעב חנצה'ן, צוליעב זיין טייערער, טיעף אין האַרץ איינגעפּאַקענער הנצה'ן! אַצונד לאָזט זיך דאָך אויס, אוי=וועה, אינגאַנצען אַ בוידעם. אַליין, ער, געהט אַראָב פונ'ם מאַרק, פערלירט די פונקציע. די סוחרים וועלען זיך געפינען אַ מיטעל ווי נישט צו צאָהלען, לייבצע וועט פערלירען דורך איהם אַ קאַסע געלד, וועט ווערען איהם אַ דם=שונא און נישט לאָזען איהם די שוועל פון זיין הויז אַריבערטרעטען, שלעכט, ביטער, אַי—אַי! פערשפּיעלט זיין קאָמפּיע, און פערשפּיעלט, אוי=וועה, הנצה'ן!

אין האַרצען גיט אַ שטאָד, רפאל גיט זיך אַ וואָרף, און דאָס בעטיל —- ריפּ — סקריפּ...

דאָס געוויסען קומט אויך אונדערמיט אַריין מיט זיינס: שווינדלער! וואָס ביסטו געפלויגען, צעטרענצעלט פרעמדס, געשאַכטעט מיט יענעמס אַלץ צוליעב די חפציות דיינע — צו דערלאַנגען יענץ, וואָס די אויגען זעהען, וואָס דאָס האַרץ גלוסט, וואָס דעם זינדיגען נפש'ל פערווילט זיך און וואָס עס מאַכט פערגניגען?... פלוידערזאַק! אויף צו דרשה'נען האָסטו געהאַט אַ מויל, אַלץ: אמת, יושר, בערעכנונג, מענשליכקייט, פערשטאַנד — שענע קיילעכדיגע ווערטער; אַלץ שטראָפען, מוסר זאָגען, וועלען פערבעסערן די וועלט, ניט צופריעדען זיין מיט דעם וואָס אַ צונד: רב אָשר דער הויפּט=מעקלער איז אַ הויפּט=ליגנער; גרשון דער קרעמער — אַ שווינדלער; זעליג דער סוחר—אַדרעה=קאָפּ; רב נחמן דער גבאי — אַ מזיק, דער אַזוי, יענער אַזוי, איינער נישט קיין רעכטער. און דו?... לייד=זשע אַ צונד. שווינדלער, און מאַך נישט קיין חן!

דאָס געוויסען עסט ווי אַ וואָרים, פּיקט: פּיק — פּיק. רפאל וואַרפט זיך, און דאָס בעטיל — ריפּ — סקריפּ!...

דער טאַפּטשאַן פונ'ם אַנדער'ן חדר לאָזט זיך אויך הערען, מאַכט רפאל'ן לעבער אין קאָפּ, איהם דאַכט זיך, אַז דאָס סקריפּעט מיט פערדראָס, בייזערט זיך, האָט צו איהם טענות פאַר הערשעלען: פאַר וואָס האָט ער די גאַנצע צייט זיך אָן איהם גאָר פאַרגעסען. רפאל'ן איז הערשעלע באַלד ביים ערשטען אַריינקומען זיינס צו איהם אין הויז זעהר געפעלען. ער האָט געזעהן פאַר זיך אַ שטיל, פערטראַכט יונגעלע, אַ עלענדס, אַ אָרעמס, נעבעך — און אויף איהם גרויס רחמנות געהאַט. דאָס יונגעלע פלעגט קומען אַלע נאַכט פּינקטליך נעכטיגען, שאַ, רוהיג, שטיל, נישט אָנצורירען אַ פליג אויף דער וואַנד. שאַ, געהאַלטען מויל, נאָר די אויגען זיינע האָבען גערעדט, דער אומעטיג=פערטראַכטער אָנבליק

זיינער האט זיך בעקלאגט, ווי ער ליידט און קומט עס, נעבעך, אב אין דער וועלט. זיין בלייך פנים, זיין הלבשה, משטיינס־געזאגט, און דאס גאנצע אויסזעהן זיינס האבען אויסגעריסען, שונאי־ציון, א שטיק הארץ. מען האט געזעהן פונ'ם קוקען זיינעם פונדערוויטענס אויף רפאל'ן, ווי שטארק ליעב ער האט איהם, ווי ער קלעבט אין איהם מיט אלע זיינע אברים, מיט לייב און לעבען ווי צו א טאטען. רפאל האט געפיהלט עפיס אשולדיגקייט אַ קעגען דעם ארעם קינד, נעבעך, פאר איהם עפיס צו טאן, און פארגענומען ביי זיך מיט איהם זיך אבצוגעבען, מאכען איהם פאר א שטיקעל מענשען. נאר די געשעפטען זיינע און הנצה האבען איהם פארדרעהט דעם קאפ אזוי, אז פאר דעם ארעמינקען, נעבעך, איז איהם נישט געבליבען קיין פיצעל צייט, און פלעגט ביי'ם דערמאנען זיך א מאל אין איהם אלץ אבלעגען אויף שפעטער, שפעטער, ביז ער האט אינגאנצען אן איהם פארגעסען. אצינד הערט ער, ווי דער טאפטשאן דארט סקריפעט, דערמאנט ער זיך אן הערשעלען, און דאס הארץ פערלויפט איהם מיט בלוט — אוי, גאר ארוים מיר פונ'ם זינען!... אוי, א רחמנות!... דאס עלענדע, בלודנע שעפעלע איז געקומען צו מיר אין שטוב בעטען הילף, און איך האב מיך אויף איהם אפילו נישט ארומגעקוקט!

אט אזוי דענקט רפאל, און דאס געוויסען פייניגט איהם: א, דו שענער מענש! א גוטער, א וואוילער, א בעל־רחמים נאר מיט דעם מויל און טאן נישט אויף א האר. אזוי זייט איהר אלע, פיינע לייט, בעלי־טובות, פערזארגער! ווי באלד עפיס א געשעפטיל, ווערט אייך פערשטאקט דאס הארץ; ווי באלד עפיס נוגע אייערע חפציות, געהט אייך שוין קיינער נישט אן; ווי באלד אייער נפש'ל, מעג יענער האטש ד' כפרה ווערען. קאמעדיאנטען זייט איהר, פאקוסניקעס, אנשטעלענמאכער — רשעים מיט שטיינערנע הערצער, קופערנע שטערענס און גלעזערנע אויגען!...

דער טאפטשאן בייזערט זיך, קרעכצט, דאס געוויסען פיקט: פיק — פיק, רפאל ווארפט זיך, און דאס בעטיל — ריפ — סהריפ! — —

דאס זיבעטע קאפיטעל

— אוי, גלופסק, טפו זאל זי ווערען! האט רפאל זיך צובייזערט, אויפחאפענדיג זיך ווי א פערדולטער, שטארק דערשראקען, נאכדעם אז ער האט א ביסעל איינגעדרעמעלט און באלד טאקי מיט פ[illegible] אויסגעשפיגען. צו די אויערן איז איהם פון דער גאס גאנץ דייטליך שוין געקומען א שפיעלען פון א פידעלע, א רייסען־זיך פון א פלייט אין א געקלאפעריי פון א פויק אויף וואס די וועלט שטעהט — נו, א גלופסק, א מהומה אויף איהר! טאג ווי נאכט איז הו—הא: קלינג—קלאנג— שרפות! האץ—האץ—חתונות! חאפ—לאפ— גנבים! ניטא איין מינוט מנוחה. פי, קיין גוטער זאל זי ניט קענען!...

דעם אמת מוז מען זאגען, היינטיגס מאל איז רפאל א קעגען גלופסק אומגערעכט געווען, ביז אהער האבען די שרפות איהרע, די חתונות און גנבות איהם נישט געארט. זי האט געמעגט ברענען צעהן מאל א נאכט; דער געוואלד־גלאק האט זיך געמעגט קלינגען, די קעסעל־פויק קלאפען, בעננב'טע געוואלדעווען צוזעצטערהייד, און ער האט זיך געטאן זיינס — געשלאפען זעהר פיין; גאנץ פשוט, ווייל ער איז דערמיט שוין געוועהנט געווארען, און דול, קראנק, חלילה, האט עס איהם נישט געמאכט. נישמעהר וואס? איהם איז ניט גוט געווען גראד אופ'ן הארצען, פון אמינדסטער זאך עפיס נישט אזוי, איז ער געווארען אויפגעבראכט. האט ער עס אצונד צו גלופסק, נעבעך, אויסגעלאזט. רפאל איז באלד אראב פונ'ם געלעגער, געעפענט א פענסטער און זיך געשטעלט ארויסקוקען אויף דער גאס.

אַ פּריש מאָרגען=ווינטעל האָט אַ בלאָז געטאָן רפאל'ן גלייך אין פּנים אַריין, איהם געגלעט, געקושט די באַקען, די אויגען, זיך געשפּיעלט מיט די האָר און אָבגעפרישט איהם דעם קאָפּ. אין דרויסען איז טונקעל=העל, דער הימעל אין מזרח=זייט איז רויטליך פערפאַרבט, ווייטער אַביסעל שימערט אויף איהם עפּיס אַ בלאַסער פלעק — אַ סימן פון דער לבנה. ס'איז אַנ'אויסמישעניש פון טאָג און נאַכט, אַבלאָזעניש ביי זייער בעגעגנען זיך. מען שפּירט, אַז די זון איז שוין ניט ווייט, אָט=אָט מהוט זי זיך אַ וויז, אָט=אָט איז זי דאָ מיט איהר כבוד אַליין! דאָס זאָגען די שוועלבעלעך, וואָס זענען, קוים געעפענט די אויגעלעך, אַרויס פון די נעסטען און שוועבען, דרעהען זיך מיט אַ שירה אין דער לופט, און דאָס זאָגען אויך די כלי=זמר דאָ, אויף דער גאַס, וואָס פיהרען אַ קעגען טאָג אָב אַ היים, געוועהנטליך, מחותנים נאָך דער חופּה=וועטשערע, מיט דעם אומעטיגען, גאַנץ גלופּסק בעקאַנטען ניגון'דיל.

עס געהט זיך פאַמעליכען אַ דאַר=בלייך יודעל, פון יענע מיני יודעלעך, וואָס וואוינען אָנגעשטאָפּט צעהן אין איין שטיבעל, משטיינס=געזאָגט, דאָרט ערגיץ אין אַ הינטער=געסיל — אָרמינקע, אָבגעריסענע, דערשלאָגענע, דערנידריגטע, אויף וועלכע עס ליעגט אַבאַרג מרה=שחורה און ציטערען פריי דעם קאָפּ אויפצוהייבען. אַצונד געהט עס זיך, אָט דאָס יודעל, האָפּערדיג, ברייטליך, ביגראַנדע, אָנגעטאָן שבת'דיג, אין שיך און זעקעלעך, דאָס קעפּעלע פעררוסען, די הענטלעך פערלעגט אַ הינטער אונטער'ן מאַנטעל, פאַרנעהמענדיג צו ביידע זייטען די פּאָלעס, און לאָזט זיך אָנטהאָן כבוד. כלי=זמר אַרבייטען געשמאַק אויף די כלים, יונגעלעך אין ספּעגצערס, הינטען מיט אַרויסגעשטעקטע העמד'לעך, לויפען פאָראויס; אַ יודענע אין אַ יופּע אויף איין אַרבעל, פערשטעקט דעם פאַרטוך, די עקען פונ'ם קאָפּענטיבעל צעלאָזט, העצקעט זיך ביחידות, פאַר זיך אַליין, די פרייע האַנד אין דער הויך מיט עפּיס אַ מין נאָז=טיכעל, און דרעהט זיך, פּלאָנטעט זיך פאַר די פיס, לעבעדיג, פרעהליך! עפּיס אַ קאַטאָוועס, דאָס פיהרט מען אָב אַהיים מיט אַ מאַרש, דורך אַלע הויפּט=גאַסען, אַ קבצן מיט'ן ווייב, צוויי פיינע מחותנים — לאָז גלופּסק ניט שלאָפען, לאָז זי נישט קראַנק זיין אויפשטעהן, נישקשה, און וויסען!...

רפאל פערקרימט די נאָז מיט אַ זויערע מינע, ער איז, אַ פּנים, מיט דעם טאַראַראַם נישט צופריעדען, פון זיינעטוועגען וואָלט

גאָר קיין אומגליק, חס=ושלום, ניט געווען, אַז יענע מחותנים וואָלטען געגאַנגען מיט די פיסלעך שטיל אַ היים אָהן אַקאַפּעליע, נישקשה!...

ער דרעהט אַוועק פון זיי דעם קאָפּ, קיקט אין גאַס, און די יפה=פיה, גלופּסק, ענטפּלעקט זיך פאַר איהם גאַנץ אָפען אין איהר געשטאַלט, מחילה, ווי זי זעהט אויס אין דער פריה. די רינשטאָקלעך און די „שמעקענדיגע פּאַרפומעס", וואָס מען האָט פון די הייזער אַרויסגעגאָסען נעכטען ביי נאַכט, גיבען די „שמוכט". די הייזער, פּעסט צוגעמאַכט פון דרויסען מיט די לאָדען, האָבען אַ פּנים גאָר עפּיס ווי גרויסע מיסט=קאַסטענס, פאַר די טירען געפינט זיך פון כל טוב: ביינער, ברעקלעך און אַלע מיני זאַכענישען פון בעל=הבתיש'קייט. חזירים, נגידים צווישען די בהמות, וואָס זייער פּרנסה געפינט זיך פאַר זיי געגוג, איבער=געגוג אומעטום, זיי עסען דאָ פונ'ם גרייטען שטאַרק פערטיעפט אין דער אכילה און חראָמקען פאַר גרוים תענוג. הינט, קבצנים, אָהן שטעלען, אָהן פּרנסה, פגר'נדיג, נעבעך, פאַר הונגער, דאַרע חאָרטעס, קאַליקעס, דראַבעס פון כל המינים, נישטערען אין איטליכם ווינקעלע, שנאָרען, זוכען דאָס שטיקעלע ברויט. קומט אַ הינטעל, שטעקט אַריין די נאָז דאָרט, וואו אַ חזיר אַרבייט אין עסק, געבענדיג איהם בשעת מעשה אָנצוהערעניש מיט אַ בים אין אויער, פערדריסט עס יענעם שטאַרק און טהוט אַ חריוקע, עפענט דער אַ מויל און בילט מיט עזות איהם אַקעגען, לויפען זיך צונויף אַ פעקיל בילערס און עס ווערט אַ געשלעג איבער אַ ביינדיל, אַ רייסעניש, אַ בייסעניש — איין אַרויסחאַפּעניש פונ'ם מויל איינער ביים צווייטען. אויך וואָראָנעס, גנבים, כל=בוניקעס, שפּאַצירען זיך דאָרט אַרום, שטאַרק אויסען עפּיס צו דערטאַפּען. איינע פון זיי שטעלט זיך אַ חזיר אויפ'ן רוקען, שטרעקט אויס דאָס העלזעלע, קוקט ממזריש אין דער זייט מיט איין אויגעלע, ווי יענער פּאָרעט זיך אין אַ בערגיל מיסט, און קוים האָט ער עפּיס געפונען, שפּרינגט זי פּוץ אַראָב, חאַפּט די מציאה און פליהט דערמיט געשווינד אַ וועק. קיה „פּעדערען" זיך אויפשטעהן פון זייערע נעלעגערס אויפ'ן גאַס כלהוך השור, לעקען זיך הינטען אַרום אַליין מיט דער צונג, אָדער קראַצען זיך, רייבען זיך, ווי דער שטייגער איז, ביי אַ וואַנד, און לאָזען זיך, ווי גוטע בעלי=בית'טעס, געהן, שמעקען, זוכען מציאות אין מאַרק, וואָס דער אויבערשטער שיקט צו: אַ שטרויעלע, אַ הייעלע איז אויך סחורה פאַר זיי;

דער גלופסקער מארק אין דער פריה מיט זיינע מיני בעשעפעניש, פיערפיסיגע בהמות, מיט אַלע זייערע גענג, זייער האפעניש און יאָגעניש אין דער פרנסה — האָט רפאל׳ן זיך פאָרגעשטעלט נאָר עפּיס טאַקי ווי דער יריד פון די צווייפיסיגע זינדיגע נפשות, מיט דעם גאַנצען האַנדעל, מיט דעם שווינדעל, האָקוס־פאָקוס, שאַהער־מאַכער. ער שטעהט צוטראָגען פערטיעפט אין די געדאַנקען, אין משונה־ווילדע ברואים, פיערפיסיגע און צווייפיסיגע, פערבייטענדיג זיך איינע מיט די אַנדערע מיט זייערע פנימ׳ער, דרעהען זיך פאַר איהם משוגענערווייז, אויסגעמישט אַלע אינאיינעם.

אַ קלאַפּ אין דעם פאָדער־חדר ברענגט אַרויס רפאל׳ן פון זיינע געדאַנקען. ער האָרכט זיך צו מיט איין אויער. און אין קאָפּ פּיקט איהם הערשעלע.

— אָ, הערשעלע! — טראַכט זיך איהם פאַר גרויס רחמנות — ס׳איז אַוודאַי פונ׳ם שלאָף... ער האָט, ווי איך, די גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט צוגעמאַכט. וואָס זאָל עס זיין? אפשר איז ער עפּיס נישט געזונד, אָדער אפשר זאָגט איהם דאָס האַרץ, אַז דאָס אָנהאַלטעניש זיינס, משטיינס־געזאָגט, אויף מיר איז אַ אויסגעבלאָזען איי. ווער ווייסט, וואו איך וועל מגולגל ווערען, און ער פערליערט אָט־דאָס נאַבטלעגער דאָ... אומגליקליך קינד, אַז אין אַזאַ וויסט באַנק־בעטיל בעשטעהט דיין גליק! געה נאָכדעם זאָג: וואָס גוט, וואָס שלעכט... אַלע מענשען זענען פון איין טייג געקנעטען, און דאָך ווי פערשיעדען זיי זענען אין זייערע בעדערפעניש צום לעבען! יענעם איז דער גרעסטער פּאַלאַץ ענג, דעם אַנדערען — גענוג אַ שטיקעל אָרט, וואו אַנידערצולעגען דעם קאָפּ... איין בוים מיט איינע בלעטלעך, די זענען פריש, גרין, האַלטען זיך פעסט, יענע — געל, דאַר־קוואַר, פאַלען, וואָגלען, נעבעך, פונ׳ם ווינד זיך עלענד אַרום... אָ, עלענד יתומ׳ל, אָ, פערוואָגעלט קינד!

און ווי רפאל טראַכט דאָ, אַזוי הערט זיך ווידער אַ קלאַפּ, שוין אַ גרעסערער, אַ שטאַרקערער, עפּיס ווי ביים עפענען זיך אַ פענסטער מיט אימפּעט, דערביי לאָזט זיך הערען הערשעלעס אַ געשריי נאָר אין איין אָטהעם:

— זי!... ס׳איז זי, זי!...

אַז רפאל איז נישט טויט — נישט לעבעדיג אַריין אין פאָדער־חדר, איז הערשעלע שוין דאָרט נישט געווען. ער איז דורך דעם פענסטער אַרויס ראַפּטאָם אויף דער גאַס. רפאל זעהט איהם פונדערווייטענס יאָגענדיג־זיך פלינק נאָך די מחותנים און פערשוואונדען ווערענדיג באַלד מיט זיי אין אַ געסיל.

דאָס אכטע קאַפּיטעל.

די מעקלערין, וואָס איז אַוועק מיט ביילען פון דער וואָרגזאַל, האָט זי פערפיהרט פון דאָרט גלייך צו זיך עפּיס אין אַ וויסט שטיבעל ערגעץ אין אַ פערלעגען געסיל, אונטער אַזאַ אויסרעד:

— דו, מיידעלע, בלייב זיך דערווייל אָט־דאָ ביי מיר, און איך וועל מיר אַגעה טאָן אויף איין פוס אַשמעק געבען צו דער בעל־הבית'טע, ביי וועלכער ס'איז דאָ פאַר דיר אַ אָרט. בלייב, קינדעניו, און רוה זיך טאַקע דערווייל אוים. אין פנים דערקענט מען דיך, אַז דו ביסט נעבעך, מיד פונ'ם וועג, געקומען, דאַכט זיך, האָסטו געזאָגט, פון קאַבצאַנסק?

— פון קאַבצאַנסק, ענטפערט ביילע: היינט ערשט געקומען.

— אודאי אַ ווילד פרעמדע דאָ, קיין קרוב קיין גואל, האַ?

— יאָ, עלענד ווי אַ שטיין.

— זעהסטו, ווי האָדיל די מעקלערין טרעפט! ווער ס'איז שען, און איך קלוג. האָב איך דיר געזאָגט, האַ! נו, גלויב־זשע מיר אַצינד, אַז דער אייבערשטער וועט העלפען. עס וועט, אם ירצה־השם, ווי דער מאָרגענשטערן שיינען דיר דאָס מזל, וועסט לעבען אין פיעל גליק און נחת, אָמן, רבונו של עולם! קאַבצאַנסקער מיידלעך גילטען זעהר שטאַרק דאָ, אַבי נאָר קיין נאַראָנים ניט, ווערט אוים זיי לייט... האַ, וואָס האָב איך געוואָלט? דאָס געדעכטעניש איז מיר אויף דער עלטער, נישט פאַר דיר געזאַכט, אַביסעל געשוואַרט. וואָס ביי מיר אין איין אויער אַריין, גערהט פונ'ם אַנדערען אַרויס — יאָ, זיך דערמאָנט!... דערמאָן מיך, האָב איך געוואָלט זאָגען, ווי, האָסטו געזאָגט, הייסטו?

— ביילע! יאָ, ביילע, ביילע! שען, אָהן עין־הרע, ביסטו, ביילע, גאָר קיין מעשה נישט. קיין נאַר ביסטו מחויב אויך נישט צו זיין, — מאַכט האָדיל, בעטראַכטענדיג ביילען פון אויבען ביז אַראָפּ מיט אַ שטיי־נענדיג פּנים'ל, און אַ קניפּ געבענדיג זי אין בעקעלע: — סחורה!... איך מעג שווערען, ביילעניו, דו ביסט הונגעריג. זעהט נאָר, אוי, אַ ווערטאָג איז מיר, ווי בלייך זי איז! יאַ, הונגעריג? זאָג־זשע, נשמה מיינע, זאָג, זאָג!

ביילע האָט טאַקי דעם גאַנצען טאָג פונ'ם פריהמאָרגען, ווען זי איז געקומען קיין גלופּסק, ביז איצט נאָך אין מויל גאָר נישט געהאַט, נאָר זי האָט זיך געשעמט זאָגען „יאָ" און געשוויגען.

— שוויגען הייסט גערעדט. אָ, האָדיל, נישקשה, ווייסט! ווייסט יענעמס פאַרבאָרגענע געדאַנקען, איך קען, נישקשה, די מיידעלעך. יודישע טעכטער זענען שעמעדיגע, בעזונדערס אָט די קליין־שטעדט'לדיגע, דאָס שעמען־זיך זייערס איז אָבער טאַקי נאָר צוליב עקשנות, פע, כ'לעבען, אַ מיאוסע זאַך אָט דאָס עקשנות! ווייל מען ווייסט אַ טעם פון לעבען, וואָס הייסט אַזוינס געלעבט, איז די ערשטע זאַך — אין דר'ערד אַריין דאָס עקשנות! געדענק, מאַמעלע, מיינע ווערטער, וועסט מיך אַמאָל פאַר זיי בענטשען... אָט וועל איך אַצונד אַ שפּרונג טאָן דיר עפּיס קויפען. ביז ווארעמעס ביי אונז איז נאָך לאַנג צו וואַרטען. דער טאָן מיינער דרעהט זיך אַ גאַנצען טאָג אַרום אין מאַרק, זוכען פּרנסה. די יונגלעך זיצען פון פריה ביז נאַכט אין חדר. צוויי מיידלעך מיינע דינען, איינע ביי אַ הויבענפיצערין, — די אַנדערע ביי אַ נעהטאָרין. הלוואי זייער מזל אויף דיר געזאָגט געוואָרען! שענע, גוטע, אויסגעקאָכט מיט איטליכען, נישטאָ ביי זיי קיין פיצעל עקשנות. לייט קוועלען פון זיי גאָר אָן — געראָטען טאַקי אין דער מאַמען זייערער מויד וויז... עסען מיר וואַרמעס הייסט עס, ערשט ביי־נאַכט. אָט וועל איך אַ שפּרונג טאָן! —

אַזוי לאָזט אוים האָדיל דעם שמועס און ווערט באַלד אַנטרונען.

„אַ צדקת, כ'לעבען, די האָדיל! — טראַכט ביי זיך ביילע — זי אַליין, ווי אין שטוב דאָ זעהט אוים, איז, נעבעך, אָרעם, און זאָרגט זיך אַזוי פאַר מיר ווי אַ מאַמאַ, עפּיס גאָר אַ דימענט, אַ גוטע, גאָר אָהן אַ גאַל, גאָט ברוך הוא מעג איהר פאַר איהר גוטסקייט בעצאָהלען!"

און אַז ביילע טראַכט דאָ אַזוי, בעטראַכט די שטוב, אַלמדינג דאָרט, דאַנקט און לויבט זיין ליעבען נאָמען פאַר די גרויסע חסדים זיינע מיט דעם עלענדען, וואָס האָט זיך דערבאַרמט און צוגעשיקט איהר צוזאַ,

אַזאַ גוטע כּשר'ע נשמה, — קומט אָן האָדיל און לעגט אַנידער פֿאַר בּײלען אויפֿ'ן טיש אַ גאַנץ פּעקיל שפּייז מיט זיסע ריידעלעך.

— עס, בּײלעניו! אָט האָסטו דיר אַ קנעבעלע, אַ רעטיכיל, אַ גריז אונגערקעלע. עס, נשמה'ניו, זאָלסט מיר געזונד זײַן! איך וויל פֿונ'ם גאַנצען האַרצען, וויל איך, אַז דו זאָלסט עסען און אַ שען פּנים האָבען. אַ מיידעלע בעדאַרף זיך צולאָזען וואווילטאָג, הנאה האָבען אין דעם לעבען. איך מוידווייז האָב איך מיך נישט אָבגעזאָגט פֿון קיין זאַך, וואָס דאָס האַרץ גלוסט. אי, האָב איך עס געלעבט, געלעבט!... ווײַזשע, בּײלעניו, אַלעבעדיג מיידעל און נישט געזאָרגט! לאָז זיך גאָט זאָרגען! עס, בּײלעניו!

— צו וואָס, כ'לעבען, זאָלט איהר זיך אַזוי מטריח זײַן? — מאַכט בּײלע און קווינקעלט זיך צו־צוריהרען צום שפּייז, וואָס פֿאַר איהר: — בּין גאָר ניט אַזוי הונגעריג, בּין איך. און פֿאַר וואָס זאָלט איהר זיך אויף מיר אַזוי אויסבּרייגען?

— רייד נישט, איך בּעט דיך, קיין נאַרישקייטען, אַ מיידעלע בּעדאַרף עסען, זאָג איך דיר, נעהמען אויף זיך לייבּ און אַ שען פּנים האָבען, אַנדערש קען מען זיך נישט ווייזען פֿאַר לייט. און איבּריגענס, בּריינגסטו מיר גאָר נישט אויס, עסט נישט מיינס, ווי דיר דאַכט זיך, דו עסט פֿריהער גאָט'ס און דערנאָך דיינס. אַז גאָט וועט העלפֿען, דו דרעהסט זיך אַריין אַהין אויף דעם אָרט, וואו איך וויל דיר פֿערזאָרגען, וועסטו מיר, נישקשה, אָבּצאָהלען מיט דאַנק. לאָז־זשע זיך נישט בּעטען, נאַרעלע, און עס. גענוג גע'טענה'ט, נישטאָ מעהר קיין צייט. אַצונד בּעדאַרף איך געהן, וועגען דיר טאַקע, אין אַ גוטער שעה.

האָדיל איז בּאַלד טאַקע אַוועקגעגאַנגען, און בּײלע האָט זיך גענומען אונטערלעהנען דאָס האַרץ מיט אַפּעטיט, זעהר צופֿריעדען, וואָס דאָס מזל האָט איהר געדיענט צו בּעגעגענען זיך, בּאַלד בּיי איהר אָנקומען אַהער, מיט אַזאַ דימענדיגער יודענע, בּיי וועלכער זי איז פֿעררעכענט ווי אַ אייגען קינד. געשטערט די פֿרייד האָט איהר דאָס נאָר, וואָס די מאַמע אין דער היים דאָרט ווייסט עס נישט, און טראַכט אַוודאי איבּער וועגען איהר, דער גוטער יאָהר ווייסט וואָס אַזוינס. עס גיט איהר אַ צופּ בּיים האַרצען, דערמאָנענדיג זיך אָן די אַלע ליעבּע אין דער היים, און טראַכט בּיי זיך מיט אַ זיפֿץ: אוי, וואָס טהוען זיי, נעבעך, וואָס מאַכען זיי דאָרט?

זי טראַכט און שטעלט זיך פֿאָר דאָס שווערע בּיטערע לעבען אין דער היים. די מאַמע איז געעלטערט, געבּויגען, נעבעך, פֿאַר דער צייט; זי געהט אין אַקער פֿון פֿריה בּיז נאַכט און פֿיהרט אַ לעבען, משטיינס־געזאָגט, אין דחקות, אין נויט, קיין גוטע שעה האָט זי נאָך, נעבעך, ניט געהאַט... דער טאַטע האָרעוועט, רייסט קריעה אויף דעם שטיקעל טרוקען בּרויט. נאָך גוט, אַז ס'איז האָטש דאָ אַ פּיסנער קאָליש, אָדער אַ טעפּיל קאַרטאָפּעל פֿון דער גאַנצער מיה, אַמאָל קומט ער אַ היים לעדיג מיט אַ פֿערקלעמט האַרץ — און ס'איז דאָס אויך נישטאָ. די לעצטע צייט איז ער, נעבעך, אויסגעדאַרט, ווי אַיינגעשרומפּען געוואָרען, קראַנק, צובּראָכען. קוים וואָס די נשמה האַלט זיך אין איהם... די קינדערלעך, אוי, אַז אָך און וועה! פֿערוויסט, נעבעך, איז זייער לעבען, פֿערפֿינסטערט זייערע יונגע יאָהרען! זיי עסען קיינמאָל זיך זאַט נישט אָן, האָבען נישט אויף זיך קיין לויט פֿלייש, נאָר הויט און בּיין... אוי, וואָס טהוען זיי, נעבעך, וואָס מאַכען זיי דאָרט?

עס שטעלט איהר זיך אויך פֿאָר דאָס אַוועקפֿאָהרען איהרס פֿון דער היים. אָך, ווי וועה־און־ווינד דער מאַמע איז געוועזען צו שיידען זיך מיט איהר קינד! די מאַמע פּלאַטערט, ציטערט, איז טויט מיט אַלע אבֿרים, ס'איז איהר שווער אײַנצוהאַלטען זיך — און אַלע וועהטאָגען, וואָס איהר האָט, פֿון גאַנץ לאַנג בּיז אַצונד, זיך אָנגעקליבּען אויפֿ'ן האַרץ, גיסט זי עס אויס אין הייסע בּלוטיגע טרעהרען. דער אַלטער, צובּראָכענער טאַטע מאַכט זיך כּלומר'שט האַרץ, געזעגענט זיך מיט איהר שטיל, קורץ — און אינווייניג קאָכט זיך איהם איבּער דאָס בּיסעל בּלוט, ער איז בּלייך, צוטראָגען אַ שרעק. איהר שיידען זיך איז בּיים גאַנצען הויזגעזינד געוועזען אַ רים פֿונ'ם האַרצען. דאָס שטעלט זיך איצט בּײלע פֿאָר, פֿיהלט, ווי דאָס האַרץ געהט איהר אויס נאָך די אַלע ליעבּע איהרע, און טראַכט: אוי, וואָס טהוען זיי, נעבעך, וואָס מאַכען זיי דאָרט?

אָרימע לייט, אַ פּנים, האָבען אויך אַ נשמה, עלטערן צו קינדער, קינדער צו עלטערן און דאָס הויזגעזינד צווישען זיך פֿיהלען אויך ליעבּשאַפֿט איינע צו די אַנדערע, אפשר אַ מאָל נאָך מעהר ווי בּיי יענע פֿערמעגליכע.

עס רוקט זיך אָן אויף בּײלען אַ וואָלקען מרה־שחורה, אָט־אָט, פֿיהלט זי, בּרעכט איהר דאָס האַרץ און עס טהוט זיך אַ גאָס אַ מבּול

טרעהרען. נאר פון א ווינקעלע דארט אין איהר נשמה שיינט ארויס, ווי א ליכטיגער שטראהל, די האפנונג, שלאגט זיך דורך צווישען די געדיכטע וואלקענס מרה־שחורה, און רוימט איהר איין גוטע זאכען — פרייד, נחת אויף שפעטער, אם־ירצה־השם, אז גאט וועט איהר העלפען זיך שטעלען דא אויף דעם גוטען ארט, דורך דער כשר'ער נשמה, האדיל די מעקלערין. אוועקדיענען א צייט און צונויפשלאגען עטליכע גראשען, וועט זי עס איינגאנצען א היים אבשיקען, אדער זי אליין וועט גאר א היים צוריקפאהרען, ברייגגען איטליכען א מתנה, וועט העלפען דער מאמען אין דער בעל־הבתישקייט, און לעבען אין פיעל גוטס אינאיינעם מיט די עלטערן, זאלען געזונד זיין.

מיט א זעלכע טרייסטען פערוויגט ביילען די האפנונג, עס קלעבען זיך איהר די אויגען, זי שפארט זיך צו אויף א הארט באנק־בעטיל, דרעמעלט, און עס דאכט זיך איהר אין חלום — בעטגעוואנד! צוויי איבערבעטען, קישענס גרויסע און קליינע א גאנצער טורם. אויך א שענע גארדעראבע — זי האט, הייסט עס, למזל חתונה! ווער חתן, וואו חתן? פרעגט זי בחרם, נאר ס'איז א קושעניש, א טופעניש, א שטופעניש פון אלע זייטען, איין קול: מזל־טוב דיר, ביילע, מזל־טוב, מזל־טוב!...

די זון האט זיך געזעצט, אין שטוב איז טונקעל, און ביילע שלאפט געשמאק. אויפ'ן פריפעטשיקעל ברענט א פייעריל. נאסע שפענדלעך א פאר קנאקען, רויכערען, בלאזען זיך, טהוען דערנאך א פלאקער, בלאזען זיך, טהוען דערנאך א פלאקער, בלאזען אויס א תקיעה גדולה — פוף־פוף, ארויסשטעקענדיג די לאנגע פייערדיגע צינגלעך. און חאפען ארום א קאכענדיג טעפיל, וואס שעפטשעט, פלוידערט עפים אויף זיין מין לשון. האדיל שעפט אב פון אויבען מיט א הילצערנעם לעפעל און פיהרט א שטיל געשפרעך מיט איהר מאן, וואס שטעהט אנגעבויגען איהר ביי דער זייט, ארויפלעגענדיג איטליכס מאל א פינגער זיך אויף די ליפען.

— שא, ברען ווי א פייער, שיפילאווע פיסרעלע! אט איז ער שוין געקומען, די שענע צורה מיט דעם געפייפטען לשון זיינעם: שישא — שושי — בייזערט זיך האדיל אויף דעם מאן שטילערהייד, שטארק אויפגעבראכט, נאכקרימענדיג זיך איהם ווי ער רעדט שיפילאווע — קראנק ביזט דו, האסט ניט קיין כח צו ריידען שטילער אביסעל.

נישט פייפען און אויפוועקען זי פונ'ם שלאף, דו הערסט, שמענדריק?

— א שאלה אביסעל צו איך הער. וואס דען? צו־וואס? זאג־זשע מיר, איז דאס סיהות מאכען, ניסט סוין טאקי פיהרען זי אהינצוצו, סוין, אהן סום סיהוש? — רוימט מענדיע, שטארק אנבויגענדיג זיך, האדלען אין אויער, שטיל ווי נאר מעגליך.

צו זיין אומגליק אבער זענען די זושענדיגע אותיות, ווי א „שין״ א שטייגער, איהם ארויס פונ'ם מויל מיט א פייף. עס האט איהם נאך געפעהלט טאקי א פאר פעדערסטע ציינער אויך, וואס אהן זיי מוזען אזוינע אותיות ארויסקומען געפייפט. און, מעשה־שטן, זענען איהם ארייגעפאלען אין מויל דוקא אזוינע זושענדיגע אותיות, ווי א „שין״ א שטייגער, ווי דעם עולם'ס א ווערטיל טאקי: אז גאט וויל שטראפען א עם־הארץ, שיקט ער איהם צו א פסוק אין מויל. דאס הייסט, א גראבער יונג שיט אין שמועס מיט פסוקים, וואס קומען אויס לעמעשקע.

— אי, אין דר'ערד אריין, ווי ער האט זיך עם אביסעל צופייפט, צושושקעט! — שילט האדיל אויף א שושקענדיגען קול שטיל מיט דעם גאנצען כח פערבייסענדיג די ליפען, און די אויגען פערלויפען איהר מיט בלוט — פאר וואס, פרעגסטו, נישט פיהרען זי אהין היינט באלד טאקי? בהמה! נאך קענסטו זי נישט, די כלבו'ניצע, וואס פאר א גראשען וועט זיך ביידע אויגען ארויסנעהמען! לאזען איהר טאקי די אויגען ארויסקריכען ביז זי וועט מיך זעהן מיט מיין סחורה ביי זיך! היינטיגס מאל לאז איך מיך, נישקשה, שוין נישט מעהר שפייען אין דער קאשע, שא, שלאג מיך נישט איבער. וואס, גולם, האסטו אויסגעשטעלט דיינע קעלבערנע אויגען אויף מיר אזוי? הארך בעסער, שמענדריק, און שווייג.

— סווייג, סווייג! ווייש נישט מעהר ווי סווייג. וואס־זשע איז בראש אזוי דאס סטיקעניש? — שושקעט מענדיע דעם ווייב אין אויער אריין. און פאר צופיעל אבהיטעניש פערפלאנטערט זיך איהם די צונג, פערבייט א שין אויף א סמך, א סמך אויף א שין, און עס קומט אויס נאך ערגער געפייפט.

— טפו! — שפייט האדיל אויס, א מאך־געבענדיג אויף דעם מאן מיט דעם לעפעל — א פייפען אביסעל! א — א פערפייפעניש זאל אויף דיר קומען, רבונו־של־עולם! זאלסט פייפען, פייפען... נו, שמענדריק.

דו האָרכסט? דאָס מיידעל דאָרט שלאָפט. שאַ! זי זאָל זיך נישט אויפ־
חאַפּן און הערען... נאָך אַ טעם האָב איך, וואָס איך אייל מיך: לאָז
זי אַ צוויי, דריי טעג בלייבען ביי אונז דאָ, אונטערפילעווען זיך אַביסעלע,
נעהמען אויף זיך לייב, נישקשה, אַ געזונד אַז מען שטאַבט, גיט עס דיר
שמאַלץ. אַט האָסטו צוויי טעמים, צוויי מכות דיר! און דער דריטער
טעם טרעפט איבער אַלע אַנדערע — אַ דריטע מכה דיר אַ גרויסע דער־
פאַר, וואָס דו האָסט אַ קאַצענקעפּיל און פאַרגעסען, וואָס נחמן־טרייטעל
שרייבט אין דעם בריעוועל. נחמן־טרייטעל בעט שענע סחורה, אַז ער
וועט אין־גיכען קומען — זאָל ביי מיר דאָ זיין גרייט פאַרטיג, עס זאָל
נישט פעהלען נישט מעהר ווי אָנצוקוקען זיך און שרייבען תנאים, כּדי
ער זאָל דאָ נישט לאַנג פערזוימען און באַלד טאַקי קענען מיט דער כּלה,
מישטיינס־געזאָגט, אַוועקפאָהרען אַהינצו, וואוהין ער פאָהרט אַלע יאָהר
מיט דער סחורה זיינער און פערדיענט אַ שטיק גאָלד. דו ווייסט דאָך,
אַז נחמן־טרייטיל בעצאָהלט תמיד שדכנות־געלד מיט דער פולער האַנד.
איבער אַלע אכסניות האָב איך היינט זיך גערערעהט, געזוכט, טאָמער
איז ער געקומען. מאָרגען זאָלסטו געהן זוכען איהם, שמעקען ווי אַ הונד,
אַצונד פאַרשטעהסטו שוין, בּהמה?

וואָש־זשע איז אַזוינס נישט צו פאַרשטעהן? זאָגט מען עס
פריהער אַרויס בפירוש און סאַ — שאַ — לאָזט אוים מענדיע מיט אַ
לאַנגען פייף.

— אַצונד, שמענדריק, מעגסטו שוין אַ מיתה משונה אַיננעהמען,
די כּפּרה ווערען פאַר כּל ישראל... אויפגעוועקט! — מאַכט האָדיל,
פערקרימענדיג זיך אויף דעם מאַן שטאַרק בייז, און לויפט־צו
באַלד טאַקי צו ביילען אינגאַנצען ווי איבערגעביטען געוואָרען,
מיט אַ פרעהליך־שיינענדיג פּנים׳ל און אַ זים שמייכעלע אויף די
ליפּעלעך.

— אַ גוטער אויפשטאַנד אויף דיר, ביילעניו! האָסט, אָהן עין־
הרע, זיך גוט אויסגעשלאָפען? נו, גענוג געשלאָפען. צייט עסען.
מענדיעו! — טהוט האָדיל אַ זאָג צום מאַן, עפּים אַזוי פריינדליך, גוט,
נאָר מהיה — געה מענדיע לעב, רוף אַריין די קינדערלעך. זיי אַ בעל־
הבית, מענדיעניו, מאַך דעם הערינג, שנייד אָן ברויט, און איך וועל
מיר דערווייל אויף אַ קליין רגע׳לע אַ געה טאָן צום טעפּיל, עס זאָל
נישט צוגעברענט ווערען, דו קענסט נאָך מיר, חס־ושלום, געבען גם
אָהן כּתובה...

האָדיל האָט ביים טיש ביילען אונטערגעטריבען, אַלץ: לאָז
זיך נישט בעטען, עס, לאָז דיר וואויל בעקומען!" מאַכען איהר
גרויסע האָפנונגען, אַז אָט באַלד וועט זי מיט דעם אויבערשטענס
הילף אויפגעריכט ווערען, זיך איז אַ שמאַלץ־גרוב אַריינחאַפען, אויף
אַ גוט אָרט, נישקשה.

אויף דעם סמך האָט ביילע ביים טיש זיך וואויל געטאָן און זיך
געלעגט שלאָפען מיט אַ גרינג געמיט.